מענדעלע און זײַן צײַט מאָסקווע: דער עמעס 1940

נ. אויסלענדער

# מענדעלעס מיטגייער אין די 60־ער—70־ער יאָרן

1. אַרײַנפיר. — 2. לינעצקי און מענדעלעס „ריכטונג". — 3. וועגן דער ערשטער אויפלאגע פון י. דינעזאָנס „שווארצן יונגערמאנטשיק". — 4. ש. בערנשטיין און זײַן שילדערונג פון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ. — 5. „בריוו פון גאליציען". — 6. „אָדעסער ווילע יונגען". — 7. „יִדישע לעבנס־פראגן". — 8. בײַלאגע. די שילדערונג פון דער יִדישער אָרעמשאפט־סוויווע אין דער אנאָנימער בעלעטריסטיק פון די 60־ער — 70־ער יאָרן.

## 1. אַרײַנפיר

### 1

אין זײַנעם א בריוו צו דעם רוסישן איבערזעצער פון דער „טאקסע" — י. פּעטריקאָווסקי — האָט מענדעלע געשריבן:

„עס וואָלט געווען געוויִנטשן און אפילע אומבאדינגט נייטיק פריִער איבערצוזעצן „דאָס קליינע מענטשעלע". דאָס פובליקום (געמיינט: דאָס רוסישע פובליקום. נ. א.) וואָלט אזויארום באקאנט געוואָרן מיט דער אָריגינעלער פערזענלעכקײַט פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, דעם ארויסגעבער פון אלע ווײַטערדיקע דערציילונגען, און פאר אים (דעם פובליקום. נ. א.) וואָלט בעהאדראָגעדיק קלאָר געוואָרן מײַן ריכטונג אין אונדזער יִדיש־זשארגאָנישער ליטעראטור, וועלכע, איך וואג צו מיינען, איך האָב דער ערשטער זיך באמיט אוועקצושטעלן נאָענט צום געזעלשאפטלעכן לעבן, קעדייי דערנעענטערנדיק זיך צו די אינטערעסן פון דער רעאלער וועלט און צו די פראגן פונעם לעבן, זאָל זי קאָנען נאָכדעם ווערן א פערמענט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג".

די דאָזיקע אינטערעסאנטע שורעס ווענדן אונדזער אויפמערקזאמקײַט אף זייער א וויכטיקן מאָמענט אין מענדעלעס ליטערארישער טעטיקײַט — אף זײַן שטענדיקן שטרעבן צו שטעלן די ליטעראטור „נאָענט צום געזעלשאפטלעכן לעבן", אף זײַנע שטענדיקע באמיִונגען אויפצוהייבן די ליטעראטור אזוי הויך, אז זי זאָל קאָנען שפּילן א פידנדיקע ראָליע אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן, „ווערן א פערמענט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג", ווי מענדעלע דריקט זיך אויס.

מענדעלע האָט געהאלטן, אז די דאָזיקע באמיִונגען זײַנע שטעלן פאָר א דורכויס נײַע דערשײַנונג אין דער יִדישער ליטעראטור, ער האָט געהאלטן, אז קיין שום פרווון אוועקצושטעלן די ליטעראטור „נאָענט צום געזעלשאפטלעכן



לעבן" זײַנען פריִער ניט געמאכט געוואָרן, אז די דאָזיקע טענדענץ האָט ער דער ערשטער געבראכט און אז דאָס איז די „ריכטונג", וועלכע ער, מענדעלע, פארטרעט אין דער יִדישער ליטעראטור. געוויס האָט מענדעלע דערבײַ עטוואָס — און ניט ווייניק — איבערגעטריבן. באשטימטע פרווון צו ווירקן אף דער „געזעלשאפטלעכער מיינונג" טרעפן מיר בא א גאנצער ריי מאסקילישע שרײַבער — מענדעלעס פאָרגייער. צי קאָן מען דען פארזען אזעלכע פרווון בא י.־ב. לעווינזאָנען אָדער בא י. אקסענפעלדן?

יעטווידער איינער פון די דאָזיקע צוויי שרײַבער האָט געהאט א גאנץ קלאָרן באגריף וועגן דער געזעלשאפטלעכער מיסיע פון דער ליטעראטור, יעטווידער איינער פון זיי האָט געהאלטן פאר זײַן פליכט צו וועקן דעם געזעלשאפטלעכן געדאנק. מענדעלעס לאָזונג אוועקצושטעלן די ליטעראטור „נאָענט צום געזעלשאפטלעכן לעבן" איז אין דער הינזיכט קיין נײַער לאָזונג ניט געווען. דורכויס נײַ איז אָבער געווען דער אינהאלט, וועלכן מענדעלע האָט ארײַנגעלייגט אין דעם דאָזיקן לאָזונג.

מענדעלעס פאָרשטעלונגען וועגן „געזעלשאפטלעכן לעבן" האָבן זיך אויסגעפורעמט הויפטזאכלעך אין די 60־ער יאָרן פונעם XIX יאָרהונדערט, דה. אין דער צײַט, ווען איבער דעם גאנצן לאנד — פון עק צו עק — האָט זיך געקײַקלט א מעכטיקע כוואליע פון געזעלשאפטלעכער אופלעבונג. געהאנדלט האָט זיך דערבײַ ניט וועגן יענעם מין „אופלעבונג", וועלכע גיט זיך א גליטש איבער דער אויבערפלאך פון דער געזעלשאפט און לאָזט ניט איבער קיין שום טיפערע שפורן אין דעם לעבן פון די ברייטע פאָלקסמאסן. דאָס מאָל זײַנען געקומען אין באוועגונג גראָד די דאָזיקע מאסן.

„... דאָס פאלן פונעם לײַבייגנטום־רעכט, — שרײַבט לענין, — האָט אופגעטרייסלט דאָס גאנצע פאָלק, האָט עס אופגעוועקט פונעם דויר־דוירעסדיקן שלאָף, האָט עס אויסגעלערנט אליין צו זוכן דעם אויסוועג, אליין צו פירן דעם קאמף פאר פולשטענדיקער פרײַהײַט"[1].

עמעס, אין גאנג פון דעם אופוואכונג־פראָצעס האָט זיך ארויסגעוויזן „די גוואלדיקע שוואכקײַט, אומבאוווסטזיניקײַט, צעשטויבטקײַט פון יענע געזעלשאפטלעכע עלעמענטן, וואָס זייערע אינטערעסן האָבן געפאָדערט אן איבעראנדערשונג"[2]. אָבער אפילע בא די דאָזיקע אומשטענדן האָט דאָך די געזעלשאפטלעכע אופלעבונג פון די 60־ער יאָרן באקומען גאָר א נײַעם פארנעם און א נײַעם, ביז דעמלט אומבאקאנטן כאראקטער. די אופוואכונג פון די ברייטע מאסן, זייער ארויסטריט אף דער געשיכטלעכער ארענע, זייער אקטיווער — דירעקטער אָדער אומדירעקטער — דרוק אף דער אָפיציִעלער „געזעלשאפטלעכער מיינונג" — דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין דער געזעלשאפטלעכער אופלעבונג פון די 60־ער יאָרן.

מענדעלע איז דערצויגן געוואָרן אין דער אטמאָספער פון דער דאָזיקער אופלעבונג, און דאָס האָט געלייגט א קענטלעכן שטעמפל אף זײַנע באגריפן וועגן „געזעלשאפטלעכן לעבן". אין די דאָזיקע באגריפן האָט זיך געלאָזט דערקענען, אז מענדעלע איז דורכגעגאנגען די שול פון די 60־ער יאָרן, כאָטש בא־

1 לענין, ב. XV, ז. 109.
2 לענין, ב. XV, ז. 97.

הערשט האָט מענדעלע ווײַט ניט אלצ, וואָס אזא שול האָט געקאָנט געבנ. אינ דער צײַט, וואָס די פאָרשטייער פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע (טשערנישעווסקי) זײַנענ ארויסגעטראָטנ, לויט לענינס אויסדרוק, מיט דער „אידיי פונ קאמפ פונ די מאסנ פארנ אראָפּווארפנ אלע אלטע מאכטהאָבער"[1], האָט מענדעלע אינ די 60-ער יאָרנ ניט באנומענ די היסטאָרישע נויטווענדיקײַט, וואָס האָט געפאָדערט, אז דער קאמפ זאָל געפירט ווערנ קעגנ „אלע אלטע מאכטהאָבער". קעגנ איינ קאטעגאָריע „אלטע מאכטהאָבער", וואָס האָבנ באדריקט די ייִדישע פאָלקסמאסנ — קעגנ די אזיגערופענע „באלטויוועס" — האָט מענדעלע אינ די 60-ער יאָרנ שוינ געפירט אנ אנטשלאָסענעמ קאמפ. נאָר די דאָזיקע אנטשלאָסנקײַט האָט אימ פארלאָזט, ווי נאָר עס האָט זיכ געשטעלט די פראגע וועגנ דער באציִונג צו די טרעגער פונ דער צארישער מאכט, צו דער צארישער רעגירונג. בנוגע דער דאָזיקער קאטעגאָריע „אלטע מאכטהאָבער" האָט מענדעלע געהאט א סאכ אילוזיעס. דאָס האָט אימ געפענטעט אונ ניט געלאָזט זיכ דערנענטערנ צו דער פאָזיציע פונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ די מאסנ. ניט געקוקט אפ דעמ, האָט מענדעלע דאָכ ניט איבערגעריסנ זײַנ קאָנטאקט מיט דער אופוואכנדיקער מאסע, אונ דער דאָזיקער קאָנטאקט האָט ניט איינ מאָל ארויסגעהאָלפנ מענדעלענ אינ גאנג פונ זײַנ אידעאָלאָגיש-קינסטלערישער אנטוויקלונג. פונדאנענ האָט מענדעלע געשעפט די אינספּיראציע צוצוגיינ נאָענט צו די הארבסטע סאָציאלע דערשײַנונגענ. פונדאנענ האָט אויכ געשטאמט דער פאקט, אז אינ דער קאָנקרעטער קינסטלערישער פארקערפערונג פונ די דאָזיקע דערשײַנונגענ איז מענדעלע גאנצ אָפט געגאנגענ א סאכ ווײַטער, איידער דאָס האָט דערלויבט זײַנ טעאָרעטישע „פראָגראמ".

## 2

מענדעלע איז אינ דער ייִדישער ליטעראטור געווענ דער ערשטער, ווער עס האָט זיכ באפרײַט פונ דער פארגלייבטקײַט אינ דער פירנדיקער קראפט פונ דער בורזשואזיע. אינ דער צײַט, ווענ א גאנצע רײ ייִדישע בירגערלעכע שרײַבער האָבנ זיכ נאָכ ארומגעטראָגנ מיט דעמ גלויבנ אינ דער וועגווײַזערישער ראָליע פונ דער בורזשואזיע, האָט מענדעלע אינ זײַנע קינסטלערישע ווערק באוויזנ, אז קיינ שומ רעכט צו פרעטענדירנ אפ אזא ראָליע האָט די ייִדישע בורזשואזיע ניט. אונ דאָס האָט טאקע געבראכט צו באשטימטע רעזולטאטנ. אייניקע פאָרשטייער פונ דער בירגערלעכער פרעסע, וואָס האָבנ בײַ מענדעלעס ערשטנ אופטריט אינ דער ליטעראטור נאָכ ארויסגעוויזנ א געוויסע טענדענצ זיכ צו סאָלידאריזירנ מיט אימ, האָבנ שוינ אינ יאָר 1869, באלד נאָכנ דערשײַנענ פונ דער „טאקסע", געפילט זיכ וואָס גיכער צו דעמאָנסטרירנ זייער אומצופרידנקײַט מיט דעמ כאראקטער, וואָס עס נעמט אָנ מענדעלעס שאפנ.

אזוי האָט א. צעדערבוימ, דער רעדאקטאָר פונעמ „קול מבשר", אינ דער רעצענזיע וועגנ מענדעלעס „טאקסע", אינ יאָר 1869 מיט גרויס אופגעבראכטקײַט געשריבנ:

1 לענינ, ב. XV ז. 144.



„כוישעד זײַנ, אז אלע לײַטישע גווירימ פונ פארשיידענע ריכטונגענ זאָלנ זײַנ איינ קנופיע, אלע אינײנעמ בארעבעווענ אונ באגאנוועננ די שטאָט, די טאקסע אונ אלע כעוורע-געלטער — דאָס איז אינ אונדזערע אויגנ איבערטרײַבנ"[1]...

דער רעדאקטאָר פונעמ „קול מבשר" האָט זיכ געפלײַסט צו איבערצײַגנ די לייענער, אז אינ מענדעלעס „טאקסע" איז פאראנ „איבערטרײַבונג", אָבער די זעלבע קלוימערשטע „איבערטרײַבונג" איז דאָכ, אייגנטלעכ, געווענ אויכ אינעמ „קליינעמ מענטשעלע". אויכ דאָרטנ האָט זיכ געהאנדלט ניט וועגנ איינעמ אנ איסער ווארגער, נאָר וועגנ א גאנצער „קנופיע", וועלכע פרעטענדירט אפ א פירנדיקער ראָליע אינ דעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ דער שטאָט גלופסק.

מיט וואָס פאר א סארקאזמ זײַנענ פול אינ „קליינעמ מענטשעלע" די אויסגעצייכנטע סצענעס, ווו מענדעלע שילדערט די גלופסקער נגידימ באמ אויסהערנ די לעבנס-באשרײַבונג פונ אווראָמ-ייִצכאָק טאקיפ. מענדעלע אטאקירט דאָ אפנ שארפסטנ אופנ די אָפיציעלע „געזעלשאפטלעכע מיינונג", וואָס די דאָזיקע נגידימ פארטרעטנ, אונ אנטקעגנ איר שטעלט ער ארויס אנ אנדער מינ געזעלשאפטלעכע מיינונג, די, וואָס דריקט אויס די באגערנ אונ פארלאנגענ פונ דער אָרעמשאפט.

דער ערשטער אינ דער ייִדישער ליטעראטור הייבט מענדעלע אָנ פירנ א קאמפ פאר דער דעמאָקראטיזירונג פונ דער „געזעלשאפטלעכער" מיינונג. אונ מיט וואָס פאר א שטאנדהאפטיקײַט ער פירט דעמ דאָזיקנ קאמפ! אמבעסטנ לאָזט זיכ דאָס זענ אינ מענדעלעס צוגאנג צו זײַנ מערקווירדיקנ פערסאָנאזש, וואָס פיגורירט אונטערנ נאָמענ מענדעלע מויכער-ספאָרימ. ווענ מע קוקט זיכ צו נעענטער צו דער דאָזיקער געשטאלט, זעט מענ, אז אָט דער אָרעמער מויכערספאָרימניק, וואָס וואנדערט פונ שטאָט צו שטאָט, איז דער טרעגער פונ יענער נײַער „געזעלשאפטלעכער מיינונג", פאר וועלכער עס קעמפט מענדעלע. די געשטאלט פונ מענדעלע מויכער-ספאָרימ האָט אלעמאָל אינעמ ווערק א גאנצ באשטימטע פונקציע: די דאָזיקע געשטאלט פארקערפערט אינ זיכ בא אלע אירע שטריכנ, וואָס פארבינדנ זי מיט דער פארגאנגענהײַט, דעמ אופוואכנדיקנ, פונ טאָג צו טאָג שטײַגנדיקנ זעלבסטבאוווסטזײַנ פונעמ פאָלקס-מענטש. דערמיט דערקלערט זיכ דעמ אווטאָרס אָפענע סימפאטיע פאר דער דאָזיקער געשטאלט. דורכ איר איז באוויזנ געוואָרנ מענדעלעס טיפער אינטערעס צו דעמ אופוואכונגס-פראָצעס, וואָס קומט פאָר אינ דער טיפ פונ פאָלק.

אינ יאָר 1872, דה. קימאט גלײַכצײַטיק מיטנ דערשײַנענ פונ מענדעלעס „קליאטשע", האָט א.-מ. דיק אינ א פאָרעדע צו זײַנעמ א בוכ געשריבנ[1]:

„מיר האָבנ עס איבערגעזעצט פונ פויליש אינ ייִדיש-דײַטש מיר האָבנ עס אָבער זייער פארקירצט... ווײַל די איבעריקע איז מער פאָליטיש (פאָליטישעסקע), אלס היסטאָריש — וואָס אונדזער ייִדישעס פובליקומ (אוילעמ) האָט נאָכ דערפאר קיינ געשמאק אונ וועט זיכ אזוי דערבײַ מער לאנגווײַלנ אלס פארגעניגנ"...

1 „קול מבשר", 1869, נומ. 24.

2 א.-מ. דיק, „דער ייִדישער סטודענט יוזעפ קסעמעניצקי", ווילנע, 1872.

א.-מ. דיקס פאָרעדע איז זייער כאראקטעריסטיש פאר די געוווינהייטן, וואָס האָבן געהערשט אין א געוויסן טייל יידישער ליטעראטור אין די 60-ער—70-ער יאָרן. די מוירע פאר אלץ, וואָס זעט אויס צו זיין „פּאָליטישעסקע", איז בא דער מערהייט בירגערלעכע שרייבער פון יענער צייט געווען אזוי גרויס, אז דאָס ווייכן פון פּאָליטישע פּראָבלעמעס האָט גענומען גילטן ווי א מין „ליטעראטור-געזעצ", וועלכן מע האָט געפּרוּווט צו בארעכטיקן דערמיט, וואָס די ברייטע פאָלקסמאסע האָט נאָך קלוימערשט „דערפאר קיין געשמאק".

מענדעלעס „קליאטשע" איז בא אלע באגרענעצונגען, וואָס מיר קאָנען קעגן איר אויסזעצן, געווען דער ערשטער אנטשלאָסענער ארויסטריט אין דער יידישער ליטעראטור קעגן אָט די איינריידענישן פון יענער צייט. זייענדיק טיף איבערצייגט, אז דער מאסן-לייענער האָט אן אָרגאנישן אינטערעס צו פּאָליטיש-געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמעס, האָט מענדעלע אוועקגעשטעלט דאָס, וואָס דיק רופט אָן „פּאָליטישעסקע", אין צענטער פונעם ווערק, און דאָס איז געווען א באשטעטיקונג פון מענדעלעס גלויבן אינעם אופוואכנדיקן פאָלק.

זייענדיק אזוי שטארק צוגעבונדן צו דער פאָלקסמאסע און האָבנדיק אזא גלויבן אין אירע פארבאָרגענע קויכעס, איז מענדעלע דאָך געווען ווייט פון אידעאליזירן די דאָזיקע מאסע. מענדעלע האָט אין אָט דער הינזיכט ארויסגעוויזן א פולשטענדיקע גרייטקייט זיך צו סאָלידאריזירן מיט דאָבראָליובאָוון און טשערנישעווסקין, וואָס האָבן דעמאלט געפירט א שארפן קאמף קעגן דער אידעאליזאציע פון די פאָלקס-געשטאלטן אין דער רוסישער ליטעראטור.

„שוין א צייט, ווי די קריטיק האָט אָנגעהויבן באמערקן, — האָט געשריבן טשערנישעווסקי, — אז אין די דערציילונגען און פארצייכענונגען פון דעם פאָלק-שטייגער ווערן סיי די כאראקטערן, סיי די מינהאָגים, סיי די באגריפן שטארק אידעאליזירט... קיין איין הארט וואָרט, קיין איין טאדלענדיק וואָרט. אלע כעסרוינעס ווערן פארבאהאלטן, פארטושירט, פארשמירט, עס ווערט געשטעלט דער טראָפּ נאָר אף דעם, אז דאָס פאָלק איז אומגליקלעך, אומגליקלעך..."

טשערנישעווסקי טרעט דאָ ארויס קעגן טורגעניעוון און גריגאָראָוויטשן, וואָס האָבן צו יענער צייט געגעבן א גאנצע ריי אזעלכע אידעאליזירטע שילדערונגען פון דעם „פאָלק-שטייגער". אלס מוסטער שטעלט טשערנישעווסקי ארויס די פאָלק-שילדערונג, וואָס איז פאראן אין די ווערק פון אייניקע „ראזנאָטשינישע" שרייבער, באזונדערס בא ניקאָלאַי אוספּענסקין, וועלכער האָט אין זיין רעאליסטישער שילדערונג באוויזן „טיף אריינצוקוקן אין דעם פאָלקס-לעבן און בולעט אויסצומאָלן די גרונטלעכע סיבע, פארוואָס אָט דאָס לעבן גייט אזא שווערן גאנג".

מענדעלע איז ניט געבליבן אָן א זייט פון אָט דער וויכטיקער דערשיינונג אין דער רוסישער ליטעראטור פון די 60-ער יאָרן — דעם קאמף קעגן דער אידעאליזירטער שילדערונג פון דעם פאָלקס-לעבן. ניט געקוקט דערויף, וואָס אין מענדעלעס ערשטע ווערק האָבן ערטערווייז זיך געלאָזט דערקענען געוויסע רעשטן פון בורזשואזי-ליבעראלן געדאנקענגאנג, איז דאָך מענדעלע פריי פון יענער ליבעראלער „פאָלקס-ליבע", וועלכע גייט באנאנד מיט דער שטענדיקער מוירע זיך צו באגעגענען מיט דעם עמעסן פאָלק און טראָגט דעריבער צו אָנ-



שטאָט רעאליסטישער שילדערונג א געקינצלטע אידיליע פון קלוימערשטדיקן פאָלקס-לעבן. אין מענדעלעס שילדערונג פונעם פאָלק איז אזא מין אידיליע ניט געווען. מענדעלע האָט דאפקע געהאלטן פאר זיין כיוו פון ווערק צו ווערק פארצייכענען די נעגאטיווע שטריכן אין דער אָפּגעשטאנענער און דוירעסלאנג פארשקלאפטער מאסע.

„די באציִונג פון דער געזעלשאפט צום פאָלק, — האָט געשריבן אין יאָר 1860 דאָבראָליובאָוו, — איז געוואָרן א סאך ערנסטער, זי איז געוואָרן א ביסל מער באזיניקט. דאָס דערקלערט זיך פּאָשעט מיט דעם פאָרגעפיל פון דער טעטיקער ראָליע, וועלכע ווערט צוגעגרייט פארן פאָלק אין דער גאָר ניט ווייטער צוקונפט. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָבן זיך באוויזן אויך אנדערע דערציילונגען פונעם פאָלק-שטייגער, וואָס זיינען געשריבן שוין גאָר אף אן אנדער אויפן איידער די, וועלכע פלעגן דערשיינען פריִער"...

מענדעלעס ווערק, וואָס האָבן געגעבן אן אָביעקטיווע און ניכטערע שילדערונג פון דעם פאָלקס-לעבן, אנטבלויזנדיק צומאָל די שווערסטע ווונדן, האָבן אָן שום סאָפעק געהערט צו דער קאטעגאָריע „דערציילונגען פונעם פאָלק-שטייגער", וועלכע דאָבראָליובאָוו האָט דעמלט אזוי הייס באגריסט. ווי קריטיש עס האָט צומאָל ניט אויסגעזען מענדעלעס באציִונג צו די אָדער יענע פאָלקס-געשטאלטן, האָט דאָך בא מענדעלען שטענדיק זיך געלאָזט הערן דער טיפער גלויבן אינעם פאָלק, עס האָט זיך געלאָזט הערן דער „פאָרגעפיל פון דער טעטיקער ראָליע, וועלכע ווערט צוגעגרייט פארן פאָלק אין דער גאָר ניט ווייטער צוקונפט".

מענדעלעס ווערק האָבן געוועקט יענע ערנסטע באציִונג צום פאָלק, וועגן וועלכער עס רעדט דאָבראָליובאָוו. און דאָס איז געווען איינע פון די גרונטסיבעס, פארוואָס מענדעלעס שאפן האָט אין די 60-ער — 70-ער יאָרן באקומען אזא גרויסן געזעלשאפטלעכן רעזאָנאנס. מענדעלעס ווערק האָבן ווירקלעך אָנגעהויבן ווערן א „פערמענט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג", לויט מענדעלעס אויסדרוק. די אידעאָלאָגיש-קינסטלערישע איינשטעלונג, וועלכע מענדעלע האָט באצייכנט ווי „מיין ריכטונג אין דער יידיש-זשארגאָנישער ליטעראטור", האָט אָנגעהויבן באווירקן א גאנצן ברייטן קרייז שרייבער, וואָס זיינען דורכגעגאנגען מענדעלעס שול און האָבן ווייטער אנטוויקלט די מאָטיוון פון מענדעלעס שאפן.

דער באגריף פון מענדעלעס „ריכטונג" האָט אָנגעהויבן גילטן ניט בלויז ווי די באצייכענונג פון מענדעלעס ליטערארישן וועג, נאָר ווי די באצייכענונג פון דעם וועג, מיט וועלכן עס גייט אין די 60-ער—70-ער יאָרן דער גרעסטער טייל פּראָגרעסיוו געשטימטע יידישע שרייבער. דער דאָזיקער פּראָצעס, ווען עס הייבט זיך אָן אויספורעמען מענדעלעס „ריכטונג", איז ביז אהער נאָך ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן. מיר האלטן דעריבער פאר נייטיק דאָ צו ברענגען אייניקע מאַטעריאלן, וואָס ווארפן א שיין אף דער אויסבילדונג פון מענדעלעס „ריכטונג" אין דער יידישער ליטעראטור פון די 60-ער—70-ער יאָרן.

## 2. לינעצקי און מענדעלעס „ריכטונג"

1

אין יאָר 1869 האָט איינער אַן אומבאַקאַנטער מעכאַבער אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר" אַ גרעסערע פאַרצייכענונג מיטן נאָמען „אַ געשפּרעך אַף דער אײַזנבאַן", וווּ ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַשרײַבן די מאָדנע פאַרשוינען, וועלכע מע טרעפט אין באַן, אַז מע פאָרט איבער דעם אַזויגערופענעם יידישן „סכום". אינטערעסאַנט איז דאָ די האַקדאָמע פונעם אומבאַקאַנטן אַוטאָר. ער שרײַבט:

„ווער עס וויל זיך אַ טײַנע אָנטאָן, זאָל פון דער ערשטער אָדער צווייטער קלאַסע אַף אַ ווײַלע אַרײַנגיין אין דער דריטער קלאַסע, וועט ער הערן אָפט מער אינטערעסאַנטע געשפּרעכן צווישן אונדזערע יידעלעך, ווי אונטער דער שטײַפער געזעלשאַפט אין די וואַגאָנעס ערשטע און צווייטע קלאַסע, וווּ די פּאַסאַזשירן בלאָזן זיך טכילעס איינער קעגן דעם אַנדערן, און, ביז מע מאַכט באַקאַנטשאַפט, דאַרף מען שוין אויסשטײַגן. אויך טרעפט מען ניט אימער גלײַכע מענטשן, און יעדער וויל ניט אָפּטרעטן פון זײַן עגאָיזמוס. אַנדערש איז עס אין דער דריטער קלאַסע. דאָ, ווער שמועסט אונטער יידעלעך, גייט עס ראַש, קוים זעצט מען זיך, ווערט מען באַלד אַ שמעלקע און מע אונטערהאַלט זיך שוין, יעדער ווייסט שוין פונוואַנען דער אַנדערער איז, וווהין ער פאָרט און וואָס זײַן געשעפט איז, וואָרעם דאָס איז דאָס ערשטע און דערפון קניפּט זיך איין געשפּרעך אָן דעם אַנדערן"[1].

אין די דאָזיקע שורעס, וואָס דערמאָנען אונדז אָן שאָלעם-אַלייכעמס „אײַזנבאַן-געשיכטן", האָבן מיר פאַר זיך זייער אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט פון די 60-ער יאָרן. דעם אַוטאָרס רייד וועגן „דריטע קלאַסע" האָבן געשטאַמט ניט פון אַ צופעליקן פּעליטאָניסטישן אײַנפאַל, זיי זײַנען אַף דורך און דורך געווען פאַרבונדן מיט די באַגעגענישן, וועלכע דער אַוטאָר האָט געהאַט בײַם זײַן רײַזע איבער דעם יידישן „סכום". אָבער ניט נאָר אין אַזעלכע אויסטערלישע רײַזע-אומשטענדן האָט דער שרײַבער פון די 60-ער יאָרן זיך אָנגעשטויסן אַף דער פּראָבלעם פון דער „דריטער קלאַסע". די דאָזיקע פּראָבלעם האָט זיך געשטעלט פאַר דעם שרײַבער פון די 60-ער יאָרן בײַ די סאַמע פאַרשיידנסטע אומשטענדן, ווי נאָר ער האָט געפּרוווט ערנסט זיך צוקוקן צו די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער יידישער סוויווע.

עס איז געוויס סימפּטאָמאַטיש, וואָס אין יאָר 1864, נאָך ערעוו דעם דערשײַנען פון מענדעלעס „קליינעם מענטשעלע", באַווײַזט זיך אין דער עפנטלעכקײַט, אַלס אַ באַזונדער ביכל, אַ פּאָעמע, וואָס נעמט זיך אונטער צו דערציילן די געשיכטע פון אַ „כעוורע מעשטשאַנעס קאַפּצאָנים", וועלכע האָבן באַשלאָסן פּאָטער ווערן פון די נעגידים און איבערצונעמען אַליין די ראָליע פון „שטאָט-רעגירער". דער אַוטאָר פון דער פּאָעמע (זי האָט געהייסן „דער קאָמיטעט פון מעשטשאַנסקע אָבשטשעסטווע") איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענער מיטאַרבעטער

1 „קול מבשר", 1869, נום. 30.



פון „קול מבשר" מיטן נאָמען מיכל ווישנעווסקי. אָבער אויך ער האָט, קאָנטיק, ניט געקאָנט פאַרזען דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין דער „דריטער קלאַסע". ווישנעווסקיס באַציִונג צו דער „דריטער קלאַסע" איז גאָר ווײַט פון סימפּאַטיע. ער איז גרייט צו איראָניזירן איבער די „מעשטשאַנעס קאַפּצאָנים", טיילמאָל הערט זיך בײַ ווישנעווסקין אַפילע אַן אויסגעשפּראָכענער ביטל-טאָן. אָבער אויך מיכל ווישנעווסקי קאָן ניט פאַרשווײַגן דעם פאַקט, אַז די „דריטע קלאַסע" איז באַווערשט פון אַ געוויסן אומרו, אַז זי הייבט אָן מיט אָפענע אויגן קוקן אַף דעם אומרעכט, וואָס הערשט אין דער אַרומיקערווירקלעכקײַט. אַזוי הערן מיר, ווי איינער פון די „מעשטשאַנעס קאַפּצאָנים" רעדט מיט אַ פּראָטעסטירנדיקן טאָן:

מע קלײַבט אָבער גאַבאָים און נעמאָנים
נאָר פון די, וואָס זיי שפּילט דאָס מאַזל,
מעשטשאַנעס, זאָגט מען, זײַנען קאַפּצאָנים,
ווו זיי קערן זיך, איז שלים-שלימאַזל.

זאָגט אונדזער ברודער עפּעס אַ וואָרט,
הערט מען אים ניט פאַר אַ פּיטאַק,
מע בעט אים מעכילע פון זײַן אָרט,
און ער כאַפּט נאָך אָפּט אַ סטוסאַק.

טרעפט זיך אָבער אַזוינע איניאָנים,
ווו מע דאַרף די נעגידים העלפן פון אַ צאָרע,
מאַכן זיי פאַר אונדז אַ קרום פּאָנעם,
ווי פאַר דעם גוטן-יידן די אַקאָרע.

אָט, לעמאָשל, איינער פון זיי וויל ראַטמאַן זײַן,
ווערן מיר דאָך אויך צו די שאַרעס גענוצט,
מיר זאָלן דעם וויבאָר אָדאָבראַיען פײַן, —
האָט קאַרג רעב גערשן בײַ אונדז געשוויצט?

זיי קומען נאָר אויס מיט כניפע,
ביז מיר מאַכן זיי פאַר הערן.
זיי האַלטן עס נאָר פאַר אַ טרופּע
אַבי אונדז אין זאַק אַרײַנצונאַרן.

הײַנט פאַרשטייט גוט מיט קאָפּ:
צו וואָס נוצן אונדז אַזעלכע זאַכן?
נאָך זייער דודקע צו שפּרינגען האָפּ,
זיי זאָלן פון אונדז נאָר כויזעק מאַכן?

ווי געזאָגט, האָט מ. ווישנעווסקי ווייניק אָפּשײַ פאַר די „מעשטשאַנעס קאַפּצאָנים", ער גלייבט זייער ווייניק אין דער באַדײַטנדיקײַט פון דעם אופוואַכונג-פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין דער „דריטער קלאַסע".

נאָר אַנ אַנדער באַציִונג צו דער שילדערונג פונ דער „דריטער קלאַסע-שטעלט אײַנ מענדעלע. מענדעלע פאַרבינדט אַלע זײַנע האָפענונגענ אונ פאַרלאַנגענ מיט דעמ אויפוואַכונג-פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אינ דער ברייטער פאָלקס-מאַסע, אונ דאָס ווערט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער „ריכטונג", וואָס מענדעלע פאַרטרעט אינ דער ייִדישער ליטעראַטור. אָנשליסנ זיכ אָנ מענדעלעס „ריכטונג" האָט געהייסנ ניט בלויז קאָנסטאַטירנ דעמ פאַקט, אַז אינ די ברייטע פאָלקסמאַסנ קומט פאָר א באַשטימטער אויפוואַכונג-פּראָצעס, — דאָס האָט געהייסנ אַפּנ סאַמע אַקטיוונ אויפנ שטיצנ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס, העלפנ דעמ פאָלקס-מענטש אַראָפּצוואַרפנ פונ זיכ דעמ שווערנ יאָכ. אַזוי האָט פאַרשטאַנענ זײַנ באַרופ יעדער איינער פונ די שרײַבער, וואָס זײַנענ צוגעגאַנגענ נאָענט צו מענדעלעס „ריכטונג". אָבער דער ערשטער, ווער עס האָט מיט ווערדע געטראָגנ אָט דעמ הויכנ באַרופ, איז אָנ שומ סאָפעק געווענ י.-ל. ליִנעצקי.

2

אינ 1869 יאָר האָט ליִנעצקי אָפּגעדרוקט אינ „קול מבשר" אַנ אַרטיקל, ווו ער האָט צומ ערשטנ מאָל געפּרוווט פאָרמולירנ זײַנע ליטעראַרישע אָנשויונגענ. דער אַרטיקל איז געשריבנ, ווי געוויינלעכ בײַ ליִנעצקינ, אינעמ טאָנ פונ א וויצלדיק-איראָנישנ שמועס מיטנ לעזער. עס ווערט דאָ אָבער געמאַכט אַנ ערנסטער פּרווו אָנצומערקנ די אויפגאַבעס, וואָס שטייענ פאַרנ ייִדישנ שרײַבער. אונ פאָרמולירט ווערנ די דאָזיקע אויפגאַבעס אינ ליִנעצקיס אייגנאַרטיקער שפּראַכ אַזוי:

„א קריטיקע אויפנ רעבנ, א לאַכ פונ די כסידימ, א שפּאָט פונ אונדזערע נאַרישע איבערצײַגונגענ, א צופּ די פאַלשע אַריסטאָקראַטנ, א קניפּ די לײַוונטענע זעק מיט קערבלעכ, א שמײַס די אומזיסטיקע קאָהאָל-פּרעסערס, א שנײַד די פּוילישע שאַדכאָנימ, א רײַב די פאַרזיכערטע שקאָנטיסטנ, א וויינ אויפ דעמ נידעריקנ שטאַנד, א קרעכצ אויפ זייערע גאָלדענע טאַלאַנטנ, וואָס ווערנ אומזיסט פאַרפאַלנ, א זיפצ אויפ זייער אומקאָוועד, וואָס זיי האָבנ פונ אַלע זײַטנ"...

ס'איז קלאָר, אַז דאָ האָבנ מיר פאַר זיכ א ליטעראַרישע פּראָגראַמ, וואָס גייט א סאַכ ווײַטער, איידער ליִנעצקי איז געגאַנגענ אינ יאָר 1867 אינעמ ערשטנ וואַריאַנט פונ „פּוילישנ ייִנגל". אויבנ דאָרטנ, אינ „פּוילישנ ייִנגל", איז די פּראָבלעמ פונ „נידעריקנ שטאַנד" ווייניק-וואָס פאַרבונדנ געוואָרנ מיט דער פּראָבלעמ פונ די „אומזיסטיקע קאָהאָל-פּרעסערס", אויב פריִער האָט ליִנעצקי ווייניק-וואָס פאַרטראַכט זיכ אויפ דעמ גורל פונ דעמ פאָלקס „גאָלדענע טאַלאַנטנ, וואָס ווערנ אומזיסט פאַרפאַלנ", אויפ „זייער אומקאָוועד, וואָס זיי האָבנ פונ אַלע זײַטנ", — ווערט עס איצט איינע פונ די גרונט-פראַגנ, וואָס אויפ זיי ווענדעט ליִנעצקי זײַנ אויפמערקזאַמקײַט.

ס'איז געוויס קיינ צופאַל ניט, וואָס אַרויסגעטראָטנ מיט אָט דער פּראָגראַמ איז ליִנעצקי אינ יאָר 1869, דעמ יאָר, ווענ מענדעלע האָט פאַרעפנטלעכט „די טאַקסע" אונ „פישקע דעמ קרומענ". ס'איז קיינ סאָפעק ניט, אַז מיט די אויבנ ציטירטע שורעס פונ זײַנ אַרטיקל איז ליִנעצקי אויסנ געווענ זיכ סאָלידאַריזירנ מיט די לאָזונגענ, וואָס האָבנ דורכגעקלונגענ אינ מענדעלעס נײַסטע ווערק, אויסנ געווענ צו זאָגנ, אַז ער שליסט זיכ אָנ אינ מענדעלעס „ריכטונג", וואָס



האָט אינ יאָר 1869 שוינ אָנגעהויבנ אָנצונעמענ אַזאַ קלאָרנ אונ דײַטלעכנ כאַראַקטער. עס דאַרפ אָבער פאַרצייכנט ווערנ, אַז אָט די טענדענצ זיכ אָנצושליסנ אָנ מענדעלעס „ריכטונג" האָט ליִנעצקי אַרויסגעוויזנ ניט בלויז אינ אַרטיקלענ. נאָכ מער דײַטלעכ טרעט אַרויס די דאָזיקע טענדענצ אינ איינעמ א קינסטלערישנ ווערק, וואָס ליִנעצקי האָט צו יענער צײַט אָנגעשריבנ, — דאָס איז די קאָמעדיע „וויבאָרעס". צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פונ מענדעלעס „ריכטונג" אינ דער ייִדישער ליטעראַטור פונ די 60-ער—70-ער יאָרנ האַלטנ מיר פאַר נייטיק באַקאַנט צו מאַכנ דעמ לייענער מיט דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פונ אָט דעמ ווייניק באַקאַנטנ ווערק ליִנעצקיס.

3

די „וויבאָרעס" האָט ליִנעצקי אָנגעהויבנ שרײַבנ נאָכ אינ יאָר 1869. שוינ דעמאָלט האָט ער אָפּגעדרוקט אינ „קול מבשר" א דראַמאַטיש בילד מיטנ נאָמענ „א וויבאָר אויפ א ראַטמאַנ" — אַנ עסקיז צו דער שפּעטערדיקער קאָמעדיע „וויבאָרעס". ברייטער פאַנאַנדערגעאַרבעטנ דעמ דאָזיקנ עסקיז האָט ליִנעצקי דעמלט ניט געהאַלטנ פאַר נייטיק, געטאָנ האָט ער עס ערשט אינ די 70-ער יאָרנ, ווענ ער האָט אָנגעהויבנ אַרויסצולאָזנ זײַנע באַוווּסטע זאַמלונגענ („דער סטאַטעק", „דער פּריטשעפּע" אאַוו.). אינ איינער פונ די זאַמלונגענ, וואָס איז דערשינענ אונטערנ טיטל „דאָס מעשולאַכעס — קאַרטינעס פונ ייִדישנ לעבנ" (אָדעס, 1874) האָט ליִנעצקי אָפּגעדרוקט די „וויבאָרעס", וואָס האָבנ איצט שוינ פאָרגעשטעלט מיט זיכ א פאַרגאַנצטע קאָמעדיע אינ צוויי אַקטנ.

ס'איז קעדײַ צו פאַרצייכענענ, אַז אינ דער זעלבער זאַמלונג „מעשולאַכעס" האָט ליִנעצקי אַרײַנגענומענ נאָכ א פּאָר דראַמאַטישע בילדער, וועלכע ער האָט אינ יאָר 1869 אָפּגעדרוקט אינ „קול מבשר" („א סצענע בײַמ סעראַטשקער רעבנ", „א סצענע בײַמ טעדעראַדעוווקער ראָוו"), אָבער קיינ איינע פונ די „סצענעס" האָט ליִנעצקי אינ יאָר 1874 ניט געהאַלטנ פאַר נייטיק איבערצואַרבעטנ אונ אַנטוויקלענ אינ א גרעסערער זאַכ. אַנ אויסנאַמ איז אינ דער הינזיכט געווענ בלויז „א וויבאָר אויפ א ראַטמאַנ". ליִנעצקי איז געווענ איבערצײַגט, אַז די טעמע „וויבאָרעס" פאַרדינט א ברייטערע אונ טיפערע באַהאַנדלונג.

באַשעפטיקט האָט מענ זיכ מיט דער דאָזיקער טעמע אינ דער דעמלטדיקער ייִדישער ליטעראַטור גאַנצ אָפט. מענדעלע האָט נאָכ אינ זײַנ ערשטנ באַדײַטנדיקנ ווערק, אינ „דעמ קליינעמ מענטשעלע", געפּרוווט ווענדנ די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקײַט אויפ דעמ איניִענ „וויבאָרעס". נאָכאַמאָל קערט זיכ מענדעלע אומ צו די „וויבאָרעס" אינ דער „קליאַטשע". דעמ זעלבנ אינטערעס צו דער דאָזיקער טעמע האָבנ אַרויסגעוויזנ אויכ אייניקע אַנדערע שרײַבער, וואָס האָבנ זיכ באַהעפט אָנ מענדעלעס „ריכטונג". אַזוי, לעמאָשל, האָט ש. בערנשטיינ אינ זײַנע פאַרצייכענונגענ וועגנ דער שטאָט פּאָדלאָוויצ געגעבנ א ספּעציעל קאַפּיטל די „וויבאָרעס" (1871). אויכ גאָלדפאַדענ שרײַבט אינ יאָר 1871 א וואָדעוויל „די וויבאָרעס פונ א גובערנסקי ראָוו"[1].

1 לאָמיר דאָ, אַגעוו, פאַרצייכענענ, אַז איינס פונ שאָלעמ-אַלייכעמס פריִיִקע ווערק איז אויכ געווענ געווידמעט דעמ איניִענ „וויבאָרעס".

פאר לינעצקינ האָט די טעמע „וויבאָרעס" געהאט נאָכ א באזונדערע צוציִונגס-קראפט: זי האָט געגעבנ אים די מעגלעכקײַט זיכ ארויסצורײַסנ פונ דעם ענגנ קרײַז אנטיכסידישע מאָטיוונ, מיט וועלכע ער האָט ביז דעמלט זיכ באשעפטיקט. ס'איז דעריבער פארשטענדלעכ, וואָס ער האָט אזוי גערנ זיכ אָנגעכאפט אָנ דער טעמע „וויבאָרעס" אונ האָט באשלאָסנ איבערצוארבעטנ די מיניִאטיור „א וויבאָר אפ א ראטמאנ" אינ א גרעסער ווערק.

לינעצקי האָט אינ זײַנ איבערארבעטונג צוגעגעבנ א גאנצנ אקט. אינ דעם וואריִאנט פונ 1869 (מיר וועלנ אים באצייכענענ: ערשטער וואריִאנט) הייבט זיכ אָנ די האנדלונג דירעקט מיט דער פּראָצעדור פונ די וואלנ. אינ דעם נײַ-צוגעשריבענעם אקט שילדערט לינעצקי, וויִאזוי די „שטאָט-באלעבאטים" הייבנ אָנ באצײַטנס זיכ גרייטנ צו די וואלנ. עס גייענ דורכ פאר אונדז סײַ די קאנדידאטנ אפ דעם ראטמאנ-פּאָסטנ, סײַ זייערע מיטהעלפער, וואָס ווערנ געשילדערט מיט א פארניכטנדיקנ סארקאזם. לינעצקי האלט זיכ דאָ בא דעם מוסטער פונ מענדעלעס „טאקסע". ער שילדערט די „שטאָט-באלעבאטים" ניט ווי אָפּגעזונדערטע איינצל-פיגורנ, נאָר ווי א גאנצע „קנופיע". דער נײַ-צוגעגעבענער אקט ווײַזט אונדז די דאָזיקע „קנופיע" אינ איר טאָגטעגלעכער פּראקטיק, עס ווערט דעמאסקירט די ברוטאלקײַט אונ נידערטרעכטיקײַט פונ אלע אירע מײַסים.

אונ דאָכ ליגט דער שווערפּונקט פונ דעם נײַ-צוגעגעבענעם אקט ניט אינ דער שילדערונג פונ די „שטאָט-באלעבאטים". וואָרעם ווי שטארק לינעצקי האָט דאָ ניט פארברייטערט די שילדערונג פונ די קאָהאָלשע רעדלפירער, קיינ פּרינציפּיעלע נײַס איז עס אינ פארגלײַכ מיטנ ערשטנ וואריִאנט פונ די „וויבאָרעס" ניט געווענ. פּרינציפּיעל נײַ איז געווענ די שילדערונג פונ דער צווייטער גרופּע געשטאלטנ, וועלכע לינעצקי האָט ארײַנגעפירט אינעם נײַעם אקט — דאָס זײַנענ די געשטאלטנ פונ די האָרעפּאשניקעס.

4

אינ ערשטנ וואריִאנט פונ די „וויבאָרעס" זײַנענ די געשטאלטנ פונ די האָרעפּאשניקעס געווענ פּארטראָטנ בלויז מיט א פּאָר צופעליקע רעפּליקעס. דער „צעכ" האָט דאָ פיגורירט אייגנטלעכ בלויז אינ דער אווטאָרשער רעמארקע, ווו עס איז געווענ אָנגעגעבנ: „א פולער בעסמעדרעש מיט באלעבאטים, קאָהאָלס-לײַט, דער שנײַדערשער צעכ אונ אנדערע באלמעלאָכעס". ווײַטער פונ אָט-אָ דער רעמארקע איז לינעצקי אינ יאָר 1869 ניט געגאנגענ. גאָר אנדערש האָט עס געזאָלט זײַנ אינ דעם צווייטנ וואריִאנט פונ די „וויבאָרעס". דער „צעכ" האָט דאָ שוינ געזאָלט פארנעמענ דאָס צענטראלע אָרט, די געשטאלטנ פונ די באלמעלאָכעס האָבנ דאָ געזאָלט ארויסטרעטנ אלס אקטיווסטע אָנטיילנעמער פונ דער האנדלונג.

פונוואנענ האָט זיכ בא לינעצקינ גענומענ אינ יאָר 1874 אָט דער שטארקער אינטערעס צו די געשטאלטנ פונעמ „צעכ"? געוויס האָבנ מיר דאָ צו טאָנ מיט א דערשײַנונג, וואָס איז פארבונדנ מיט דער אלגעמיינער עוואָליוציע, וועלכע לינעצקי מאכט דורכ צו יענער צײַט. די 70-ער יאָרנ — דאָס איז די צײַט, ווענ לינעצקיס געדאנקענגאנג הייבט אָנ גאנצ אָפט זיכ קערעווענ אלצ נעענטער צו



די ראדיקאלע אידייענ פונ דער „ראזנאָטשינישער" רוסישער ליטעראטור. לינעצקי הייבט אָנ דאָ אונ דאָרט ארויסטרעטנ אלס אויסגעשפּראָכענער דעמאָקראט, דער דעמאָקראטיזם זײַנער באקומט אפילע ווענ-ניט-ווענ א קעמפערישנ כאראקטער. א גאנצ קלאָרנ אויסדרוק האָבנ די דאָזיקע דעמאָקראטישע שטימונגענ לינעצקיס געפונענ אינ דעם זשורנאל „יִסראָליק" (1875), וועלכנ ער האָט ארויסגעגעבנ אינאיינעם מיט גאָלדפאדענענ. נאָכ מער דײַטלעכ לאָזנ זיכ הערנ די דאָזיקע שטימונגענ אינ די קליינע זאמלונגענ, וועלכע לינעצקי האָט ארויסגעגעבנ אינ די 70-ער יאָרנ. אינ איינער פונ אָט-אָ די זאמלונגענ טרעט לינעצקי אינ יאָר 1876 ארויס מיט זײַנ פּראָגראם, וועלכע פאָדערט, אז דער שרײַבער זאָל זיכ ווענדנ צומ „פּראָסטנ פאָלק", קעדיי „אים (דאָס פאָלק. י. א.) ריידעוודיק מאכנ, ער זאָל אָנהייבנ פּראָטעסטירנ אפ מענטש".

„אָנהייבנ פּראָטעסטירנ אפ מענטש" האָט לויט לינעצקינ געהייסנ עפענענ די אויגנ אפ דעם גרויסנ סאָציִאלנ אומרעכט, וואָס ווערט באגאנגענ קעגנ דעם „פּראָסטנ פאָלק", דאָס האָט געהייסנ אראָפּווארפנ פונ זיכ דעם יאָכ פונ די קנעכטישע געוווינהײַטנ. „לאָז ער אָנהייבנ פּראָטעסטירנ קעגנ זײַנע בלוטצאפּערס!" — אָט דאָס איז דער רופ, מיט וועלכנ לינעצקי ווענדט זיכ אינ די 70-ער יאָרנ צו דעם „פּראָסטנ פאָלק".

די קאָמעדיע „וויבאָרעס" איז געווענ איינס פונ די ווערק, אינ וועלכע לינעצקי האָט געפּרוווט פארווירקלעכנ די פּראָגראם פונ „ריידעוודיק מאכנ" דאָס פאָלק. שטעלנדיק זיכ אלס ציל צו באקעמפנ די קנעכטישע געוווינהײַטנ, וואָס זײַנענ ערטערווײַז נאָכ פארבליבנ אינ „פּראָסטנ פאָלק", גיט אָפּ לינעצקי קימאט דעם גאנצנ נײַעם אקט אָט צו שילדערנ דעם פּראָצעס, וויִאזוי א גאנצ בינטל האָרעפּאשניקעס, מענטשנ, וואָס האָבנ געליטנ פונ דער שווערסטער אונטערדריקונג, לאָזנ זיכ פארנארנ אונ פארפירנ פונ זייערע אונטערדריקער. בוכשטעבלעכ פאר א לעק בראנפנ, פאר א זופּ ווײַנ ווערנ אָט די „פּראָסטע, דערשלאָגענע ברידערלעכ" פארוואנדלט אינ קנעכט, זיי פארגעסנ אָנ זייער מענטשלעכער ווערדע אונ לאָזנ זיכ טרעטנ מיט די פיס.

עמעס, ניט אלע האָרעפּאשניקעס, וואָס טרעטנ אופ אינ לינעצקיס „וויבאָרעס", זײַנענ אינ דער זעלבער מאָס דורכגעדרונגענ מיט האכנאָע אונ דערשלאָגנקײַט. פאראנ צווישנ לינעצקיס „צעכ"-פארשוינענ אויכ איינער אזא, וואָס צו זײַנ באוווסטזײַנ איז שוינ דערגאנגענ דער געדאנק וועגנ סאָציִאלנ אומרעכט אונ וואָס דער דאָזיקער געדאנק לאָזט אים ניט רוענ. אזא איז דער שנײַדער געדאליע כיק, וועלכער איז גענייגט צו ווידערשפעניקײַט, ער טראָגט זיכ ארומ מיט א גאנצ היפשער פארביטערונג קעגנ די „שטאָט-באלעבאטים".

געדאליע כיק טראָגט אינ זיכ עפעס א פונק פונ סאָציִאלנ פּראָטעסט. די „שטאָט-באלעבאטים" זײַנענ אָבער גענוג קלוג אונ פארשטייענ דעם דאָזיקנ פונק אויסצולעשנ מיט אנ איבעריקנ עמער ווײַנ. פול מיט ביטערער איראָניע קלינגט דעריבער געדאליע כיקס לידל:

ווענ איכ בינ ניכטער, זע איכ ארויס,
אז די וועלט איז קאפויר פונ קאָפּ ביז די פיס,
דעריבער גיי איכ נאָכ דער מאשקע אויס,
זי ווײַזט מיר א וועלט גאָר צוקער-זיס...

ווײַטער פֿון אָט דער ביטערער איראָניע, וואָס איז געווענדעט קעגן אים אַליין, איז נעדאַליע כיק ניט אימשטאַנד צו גיין, און ער ווערט אַרײַנגעצויגן אין דעם זעלבן זומפּ פֿון קנעכטישקייט, אין וועלכן עס זינקען אויך די איבעריקע „צעכ״-געשטאַלטן בײַ לינעצקין.

5

אין זײַן אַרטיקל וועגן די דערציילונגען פֿונעם „ראַזנאָטשינישן״ שרײַבער סלאַוואָטינסקי, וואָס האָט אין די 60-ער יאָרן אַרויסגעפֿירט אַ גאַנצע גאַלעריי פֿאָלקס-געשטאַלטן, האָט דאָבראָליובאָוו געשריבן:

„ער (סלאַוואָטינסקי. נ. א.) קאַרגט ניט קיין פֿאַרבן אָפּ צו שילדערן די שלעכטע זײַטן זײַנע (דעם פֿאָלקס. נ. א.), ער באַהאַלט ניט אויס די דעטאַלן, וואָס זאָגן אײדעס וועגן די שטאַרקע און ווילדע שטערונגען, וואָס עס באַגעגנט אין אים (דעם פֿאָלק. נ. א.) אַ גוטע קאַוואָנע אָדער אַ נוצלעכע אונטערנעמונג. אָבער ניט געקוקט דערויף, זײַנען מיר זיך מודה, דערוועקן אין אונדז סלאַוואָטינסקיס דערציילונגען אַ סך מער אַכטונג און מיטגעפֿיל צום פֿאָלק איידער די לאַקריץ-זיסע אידיליעס פֿון די פֿריערדיקע דערציילער. יענע פֿלעגן געוויינלעך קוקן אויפֿן פֿאָלק פֿון דער הייך פֿון זייער גרויסקייט. זיי האָבן גרויסמוטיק זיך באַמיט צו פֿאַרשווײַגן זײַנע פֿעלערן און אַרויסצושטעלן בלויז די גוטע אייגנשאַפֿטן... איז עס אַזוי אײַנגענעם צו זען אַזאַ מוטיקע, אָפֿענע און שטרענגע באַציִונג צום פּראָסטן פֿאָלק ווי די, וואָס איז אויסגעדריקט אין סלאַוואָטינסקיס דערציילונגען... דאָרט האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַ גרויסמוטיקער אַראָפּנידערונג צום פֿאָלק, דאָ — האָבן מיר גלויבן אינעם פֿאָלק״.

די דאָזיקע שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן אַזוי בולט די אידייִשע אַטמאָספֿער, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די רוסישע „ראַזנאָטשינישע״ ליטעראַטור, קאָנען אָן שום ספֿק דינען אויך בײַם כאַראַקטעריזירן דעם געדאַנקענגאַנג פֿון דעם דעמאָקראַטישן פֿליגל אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט. דער גלויבן אינעם פֿאָלק האָט געהייסן דעם רוסישן דעמאָקראַטיש געשטימטן שרײַבער ניט צו פֿאַרשווײַגן די פֿעלערן פֿון דעם פֿאָלקס-מענטש. דער זעלבער גלויבן אין פֿאָלק האָט אויך דעם ייִדישן דעמאָקראַטיש געשטימטן שרײַבער דיקטירט די טענדענץ אָביעקטיוו צו שילדערן די נעגאַטיווע שטריכן, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די דורות-לאַנג פֿאַרשקלאַפֿטע פֿאָלקסמאַסן. די דאָזיקע טענדענץ זעען מיר זייער בולט אויסגעדריקט אין מענדעלען, מיט דער זעלבער טענדענץ איז דורכגעדרונגען אויך לינעצקיס קאָמעדיע „וויבאָרעס״.

עמעס, לינעצקיס קאָמעדיע איז ווײַט ניט גלײַכמעסיק געשריבן. פּונקט ווי דאָס טרעפֿט אין אַנדערע ווערק לינעצקיס, אַזוי זעען מיר ערטערווײַז אויך אין די „וויבאָרעס״, אַז אָנשטאָט צו באַהערשן זײַן קינסטלערישן מאַטעריאַל ווערט לינעצקי אַליין באַהערשט פֿון אים. אין גאַנג פֿון דער האַנדלונג — באַזונדערס אין ערשטן אַקט — זעען מיר, ווי לינעצקי ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון דער „לעצאָנעס-טרײַבערײַ״, און מיר באַקומען דאָ אַן עמעסע וואַקכאַנאַליע פֿון אומגעצוימטער, אומבאַהערשטער ווערטלזאָגערײַ. מעגלעך, אַז דערפֿאַר טאַקע האָט לינעצקי אין צווייטן



אַקט שוין באַמיט זיך צו שטילן דעם אימפּעט פֿון די „צעכ״-פֿאַרשוינען און געגעבן זיי בלויז געציילטע רעפּליקעס. דער צווייטער אַקט האָט, קאָנטיק, שוין געזאָלט דערמאָנען מער אָן דעם געוויינלעכן טיפּ פֿון אַ „ליטעראַרישער״ פּיעסע אין דער צײַט, וואָס דער ערשטער אַקט האָט, לויט לינעצקיס קאַוואָנע, מער געזאָלט זײַן ענלעך צו אַ מין פֿאָלקס-שפּיל.

ס'איז קדײַ צו פֿאַרצייכענען, אַז גראָד די עלעמענטן פֿון פֿאָלקס-שפּיל, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין לינעצקיס „וויבאָרעס״, האָבן אַרויסגערופֿן אַ באַזונדערן אינטערעס בײַ שאָלעם-אַליינכעמען, וועלכער איז בכלל געווען באַגײַסטערט פֿון לינעצקיס קאָמעדיע. די באַגײַסטערונג זײַנע האָט שאָלעם-אַליינכעם אויסגעדריקט סײַ אין דער פּרעסע סײַ אין זײַנע בריוו צו לינעצקין. אין איינעם אַ בריוו שרײַבט שאָלעם-אַליינכעם:

„וואָס טו איך פֿון אײַך בעטן, אדוני ליטעצקי? נאָר אַ קלייניקייט: אַ בילד, אַ קאַרטינקע פֿונעם ייִדישן לעבן Из народного быта אָפּ דעם שניט פֿון אײַערע „וויבאָרעס״. איך היט זיך פֿון כניפֿע. נאָר דאָ מוז איך אויסזאָגן מײַן געשמאַק, וואָס און וועלכעס געפֿעלט מיר אין דעם אָרט שרײַבן. ס'געפֿעלט מיר די פֿאָרטרעטן по Гейневскому און די פֿאָלקס-שפּראַך по Щедринскому, און דאָרט, וווּ איר שרײַבט פֿון נאַראָד [1], דאָרט זײַט איר לינעצקי״...

אין אַ צווייטן בריוו שרײַבט שאָלעם-אַליינכעם ווידער:

„פֿון אײַך קאָן איך בעטן אַזאַ מין אַרטיקל: סע זאָל זײַן אַ סצענקע פֿונעם ייִדישן פּאָשעטן לעבן, נאָר אַ פֿריילעכס און אַ לעבעדיקס. אינעם אָרט פֿון אײַערע „וויבאָרעס״ — איר געדענקט״...

ווי עס איז צו זען נאָך פֿון איניקע שטעלן אין שאָלעם-אַליינכעמס בריוו און אַרטיקלען, האָט ער געשאַצט די קאָמעדיע „וויבאָרעס״ מער פֿאַר אַלץ דערפֿאַר, וואָס לינעצקי „שרײַבט פֿון נאַראָד״ און דערבײַ באַקומט זיך „אַ פֿריילעכס און אַ לעבעדיקס״. אין די „צעכ״-פֿאַרשוינען פֿון די „וויבאָרעס״ האָט שאָלעם-אַליינכעם דערהערט עפּעס אַן אָנזאָג אויף זײַנע אייגענע שפּעטערדיקע אַמכאָ-געשטאַלטן. און קיין טאָעס האָט דערבײַ שאָלעם-אַליינכעם ניט געהאַט. לינעצקיס קאָמעדיע „וויבאָרעס״ איז ווירקלעך איינס פֿון די ווערק פֿון די 70-ער יאָרן, וווּ עס הערט זיך שוין אַ געוויסער אָנזאָג אויף דעם שאָלעם-אַליינכעמישן הומאָר.

## 3. וועגן דער ערשטער אויפֿלאַגע פֿון י. דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״

1

אין דער נײַער אויסגאַבע פֿון י. דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״ (וואַרשע, 1928) שרײַבן די אַרויסגעבער אין זייער האַקדאָמע:

„הנאהבים והנעימים, אָדער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ (אין די ביז איצטיקע אויפֿלאַגעס „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״), איז דער ערשטער ייִדישער גע-

[1] אונטערגעשטראָכן בײַ שאָלעם-אַליינכעמען.

דרוקטער ראָמאַן פון יאַנקעוו דינעזאָן. דער ראָמאַן איז דערשינען אין ווילנע 1877. ס׳וועדס, הייסט עס, 50 יאָר, זינט דאָס ווערק איז אָפּגעדרוקט... מיר האָבן זיך באַמיט צו געבן די איצטיקע אויפלאַגע ווי ווײַט מעגלעך אָן קיין שום ענדערונגען פון דער ערשטער אויפלאַגע".

די ידיעס, וואָס ווערן דאָ אָנגעגעבן וועגן דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק", שטימען לאַכלוטן ניט מיט דער ווירקלעכקייט. יאַנקעוו דינעזאָן האָט זײַן ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" אַרויסגעלאָזן צום ערשטן מאָל אין יאָר 1875, און דאָס איז די עמעסע דאַטע פון דער ערשטער אויפלאַגע. דער טעקסט, וועלכן די וואַרשעווער אַרויסגעבער האָבן אין יאָר 1928 איבערגעדרוקט, איז גענומען פון אַ שפּעטיקערער אויפלאַגע, וועלכע האָט זיך זייער שטאַרק אונטערשיידט פון דער ערשטער. דער אונטערשייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז דינעזאָן האָט אַפילע געהאַלטן פאַר נייטיק אַליין צו געבן צו וויסן וועגן דעם אין אַ ספּעציעלער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע.

„דורך אַיין אירטום, — האָט געשריבן דינעזאָן, ווענדנדיק זיך צום לעזער, — איז די קאָפּיע (טשאָרנאַוואַיע) אַרויס אָנשטאָט דעם אָריגינאַל, און דערפאַר בעט איך, שענק מיר דײַן געדולד נאָכאַמאָל אונד לעזע דעם אָריגינאַל"...

ווי מיר זעען, האַלט דינעזאָן, אַז די ענדערונגען, וואָס ער האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם טעקסט פון דער ערשטער אויפלאַגע, זײַנען גאַנץ וועזנטלעכע. אַז דאָס איז ווירקלעך אַזוי, קאָן מען זען, ווען מע נעמט אַפילע אויבנאויפיק פאַרגלײַכן די ערשטע אויפלאַגע פון דינעזאָנס ווערק מיט די שפּעטיקערע. באַזונדערס בולעט טרעטן אַרויס די ענדערונגען אינעם צווייטן טייל פון דינעזאָנס ראָמאַן. און דאָס איז קלאָר קיין צופאַל ניט. אינעם צווייטן טייל פון זײַן ראָמאַן שטעלט זיך דינעזאָן דעם ציל אַרײַנצופירן דעם לייענער אין דער אידייִשער וועלט פון זײַן העלד, דאָ קומט פאָר, אַזוי צו זאָגן, די אידעאָלאָגישע זעלבסטבאַשטימונג פון דינעזאָנס יונגן העלד. ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אָפּ דעם דאָזיקן טייל פון זײַן ווערק האָט דינעזאָן געלייגט אַ באַזונדערע אַכט באַם צוגרייטן די צווייטע אויפלאַגע. ער האָט געשטרעבט צו פאַרצייכענען ווי מעגלעך בולעט דעם אידייען-קרײַז, אין וועלכן זײַן העלד באַוועגט זיך, געפּלײַסט זיך צו פאַרפיינקטלעכן אייניקע פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן, מאַכן דײַטלעכער די כאַראַקטעריסטיק פון דעם העלדס געמיט-צושטאַנד. אייניקע אַזעלכע ענדערונגען געפינען מיר אין דער צווייטער אויפלאַגע, און זיי האָבן באַשטימט געקאָנט העכערן דעם אָביעקטיוון ווערט פון דינעזאָנס ווערק. אָבער אין דער זעלבער צײַט באַמערקן מיר דאָ אַ גרעסערע צאָל ענדערונגען, וואָס זײַנען געווענדעט גראָד אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַלס אַ בײַשפּיל עטלעכע שטעלן, וועלכע זײַנען אין טעקסט פון דער ערשטער אויפלאַגע געווען און זײַנען אין דער צווייטער אויפלאַגע פאַרשוווּנדן.

אין דער ערשטער אויפלאַגע כאַראַקטעריזירט דינעזאָן זײַן העלד יוסעפֿ ניט אַלס אַ דורכויס פּאַסיוון, סענטימענטאַל-צעקראָכענעם יונגערמאַן, וואָס איז גרייט גיסן טרערן בײַ יעדער געלעגנהייט און גאָר אָן שום געלעגנהייט. יוסעפֿ פון דער ערשטער אויפלאַגע איז אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַ געוויסע אַקטיווקייט, ער האָט אַ געוויסן טעמפּעראַמענט און — וואָס עס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש — דער דאָזיקער טעמפּעראַמענט דערוועקט זיך אין אים מערסטנטייל אין די פאַלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער אַקציע. אין איינקלאַנג מיט אָט דעם צוגאַנג צו זײַן הויפּט-העלד שרײַבט דינעזאָן אין דער ערשטער אויפלאַגע:

„יוסעפֿ איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט פאַרשווײַגן אַן אייגענע אַבידע, אים האָט ניט געאַרט, אַז מע האָט געזאָגט אָפּ אים, וואָס מע האָט געוואָלט, אָבער ווו עס האָט אָנגערירט אַ גאַנצן קלאַל, ווו עס האָט געהאַלטן די רעדע וועגן אַ גאַנצן מין מענטשן, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַהערשן און געמוזט ריידן, וואָס ער האָט קעגן געהאַט"...

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק פון יוסעפֿן ווערט אין גאַנג פון „דער האַנדלונג באַשטעטיקט מיט אַ גאַנצער ריי עפּיזאָדן, פון וועלכע מיר זעען, אַז יוסעפֿ האָט ניט בלויז „קעגן געהאַט", נאָר ער האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס „קעגן געטאָן". אין דער הינזיכט האָט דינעזאָנס יוסעפֿ אין דער ערשטער אויפלאַגע דערמאָנט אָן מענדעלעס העלד — וועקער.

„איר זאָגט, אַז עס פּאַסט ניט, אַז מע זאָל דאָס איבערריידן, — רופֿט אויס יוסעפֿ אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דינעזאָנס ראָמאַן, — דער גאַנצער כיסאָרן איז, וואָס מע רעדט ניט איבער, וואָס בײַ אונדז אין פאָרשטעטל איז ניטאָ אַ רעכטער מענטש, וואָס זאָל דאָס גאָר פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך. און דער, וואָס פאַרשטייט, פאַרבײַסט די ליפּן און שווײַגט, וויל זיך מיט זיי ניט טשעפּען. זייער גליק, וואָס איך בין דאָ הי אַ פרעמדער. איך וואָלט ניט אַלע שטאָטיקע גווירים באַוויזן, וואָס דאָ טוט זיך?"...

אָפּ דעם, וואָס אַרום און אַרום „טוט זיך", קוקט יוסעפֿ מיט גאַנץ ניכטערע אויגן. צוזעענדיק די ווילדע וואַקכאַנאַליע פון פאַנאַטיזם און קאָהאָלשן ווילקיר, וויל דינעזאָנס העלד דאַפֿקע אָנרופן די דאָזיקע דערשײַנונגען מיט זייער עמעסן נאָמען. אַזוי הערן מיר, לעמאָשל, ווי דינעזאָנס העלד כאַראַקטעריזירט דעם שטאָטישן ראָוו:

„ווי גאָט שיקט צו אַלץ, וואָס צו וואָס עס פּאַסט! אָט גראָד דאָ אין פאָרשטעטל דאַרף אַזאַ שוויטע זײַן אַ ראָוו, וואָס טראָגט אום צוויי גראָשן און אַ שטיקל צעבראָכענע פאַרדאַרטע בייגל און באַווײַזט איטלעכן: דו זעסט? מאָשטיקל צעבראָכענע... היבל אויך מיר אַ שטאָט, מע זאָל נאָר מאַכן פאַר אַ גאַנצן טאָג צוויי גראָשן פּסאַק-געלט!"

נאָך מער פאַרשאַרפֿט ווערט יוסעפֿס טאָן, ווען ער הייבט אָן ריידן וועגן די קאָהאָלשע לײַט:

„אַז אין שטאָט גייט אויס אַלע אינטערעסן, וואָס די קאָהאָלשע לײַט מאַכן דערפון דעם מאָגן ניט קאַליע, אַז דאָס אַלץ קאָנטשעט זיך, קעדוימע לעמאָשל, נו, וואָס זשע זאָלן אַזעלכע אָפּגעפּרעסענע אונערזעטלעכע טאָן? וואַרטן, ביז גאָט וועט זיי פון הימל צושיקן נאָך אַ כאַסינקע? כאָלעמט זיך בעסער אַ גוטן פּרוּמען ייִדן, אַז אין שטאָט איז פאַראַנען כאַטאָים אָדער מאָסרים, און מע איז זיך באַלד מטיב חלום און איטלעכער פון די האָט שוין אַ גוטן כאָלעם, ווי ער האָט זיך בעסער ניט געווינטשט. אָט איצט מיט די ראַבאָנים, אַז זיי זיצן, וועט פאַרדינען דער שטאַדלען, דער סטאַרעסטע, דער שרײַבער — אַלע, אַלע, ווער עס האָט נאָר פאַרכאַפּט פון דעם קאָהאָלשן טעלער. האָיאָר איז אייִשעס-איש אויס-

געגאנגענ פונ מאָדע. האָט מענ געפונענ אנדערע איניאָנים, קעדיי צו מאכנ א מישפּעט, — האקלאל, זיי זאָלנ האָבנ וואָס צו טאָנ אונ זאָלנ זײַנ זאט...״

אזעלכע רעפּליקעס — אונ אינ דער ערשטער אופלאגע פונ „שווארצנ יונגער־מאנטשיק״ קאָנ מענ זיי טרעפנ גאנצ אָפּט — רופנ בא אונדז ארויס א געדאנק, אז מיר האָבנ דאָ צו טאָנ קלאל ניט מיט יענעמ זיפּצער אונ קרעכצער, ווי עס מאָלט זיכ אונדז געוויינלעכ אויס דינעזאָנס א העלד.

„זאָגט מיר, צי איז דאָס אלצ רעכט? — פרעגט יויסעפ, — צי קאָנ א מענטש מיט געפיל דאָס אלצ זיכ אָנזענ, אָנהערנ אונ פונ דאָס אלצ אזוי קלאָר וויסנ אונ שווייגנ? איז גאָר מעגלעכ צו שווייגנ? ניינ![1]״...

אונ יויסעפ שווייגט טאקע ניט. זײַנ מאָנאָלאָג, ווי ער איז איבערגעגעבנ אינ דער ערשטער אופלאגע, איז דורכגעדרונגענ מיט געזעלשאפטלעכנ פּראָטעסט, יויסעפ איז פול מיט גרייטקייט אריינצומישנ זיכ אקטיוו אינ דער ארומיקער ווירקלעכקייט, ווו עס הערשט אזויפיל סאָציאלע אומרעכט.

עמעס, מיר טרעפנ אויכ אינ דער ערשטער אופלאגע עפּיזאָדנ, ווו יויסעפ ווערט צעפלאָסנ אינ פארשיידענע סענטימענטנ, אָבער די דאָזיקע עפּיזאָדנ קאָנענ דאָכ ניט אָפּשוואכנ דעמ אײַנדרוק פונ די מאָמענטנ, ווענ אינ יויסעפנ הייבט זיכ אָנ דערוועקנ א געוויסע אקטיווקייט, ווענ ער הייבט אָנ ווערנ ענלעכ אפ מענדעלעס וועקער.

אנדערש איז עס אינ דער צווייטער אופלאגע. די אויבנ געבראכטע שטעלנ פארשווינדנ. אָנשטאָט דעמ טעמפּעראמענטפולנ מאָנאָלאָג, ווו יויסעפ דעמאסקירט די „קאָהאָלשע לײַט״ אונ זייערע מיטהעלפער די קלייקוידעש, באקומענ מיר אינ דער צווייטער אופלאגע יויסעפס א „טאָגבוכ״, ווו די פאקטנ פונ סאָציאלנ אומרעכט ווערנ פארצייכנט בלויז „פאר זיכ אליינ״, ווי עס דריקט זיכ אויס דינעזאָנס העלד.

דער טאָגבוכ ווערט פארוואנדלט אינ א לירישנ דיאלאָג מיט „זיכ אליינ״. די „ביטערקייט״, וואָס קומט אלס רעאקציע אפ די גרויליקע פאקטנ פונעמ ארומ, שטויסט שוינ ניט דינעזאָנס העלד צו וועלכער־עס־איז געזעלשאפטלעכער אקציע. ס'איז ניט מער ווי א פאסיוו־מאכטלאָזער געפיל, וועלכנ דינעזאָנ הייבט אָנ אינ דער צווייטער אופלאגע אויסצומאָלנ אלס דעמ גרונט־שטריכ פונ זײַנ העלד. אינ איינקלאנג דערמיט נעמט דינעזאָנ אינ דער צווייטער אופלאגע באזײַטיקנ די אלע עפּיזאָדנ, וואָס האָבנ געמאכט יויסעפנ ענלעכ אפ מענדעלעס וועקער. באזונדערס כאראקטעריסטיש איז אינ דער הינזיכט דער פאקט, וואָס אינ דער צווייטער אופלאגע איז אינגאנצנ ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ דאָס זעקסטע קאפּיטל פונ צווייטנ טייל.

1 עס איז קעדײַ צו דערמאָנענ, אז וועקערס פּראָטעסט קעגנ „שווייגנ״ ווערט אויכ ארגומענטירט מער פאר אלצ מיט דעמ „געפיל״. וועקער זאָגט:
„פארפלוכט זאָל זײַנ דער, וואָס זעט אזעלכע אוולעס אונ שווייגט... איכ האָב א הארצ, איכ האָב געפיל, איכ קאָנ זיכ מער ניט אײַנהאלטנ. איכ קענ ניט שווייגנ״ („די טאקסע״, פינפטער אקט, פינפטע סצענע).



## 2

דאָס זעקסטע קאפּיטל פונעמ צווייטנ טייל האָט לויט דינעזאָנס טכילעסדיקנ פּלאנ געזאָלט פארנעמענ גאָר א באדײַטנדיק אָרט אינ דער כאראקטעריסטיק פונ דעמ הויפּט־העלד יויסעפנ. שטעלנדיק זיכ פאר א ציל צו באווײַזנ דעמ פּראָצעס, ווי זײַנ העלד הייבט אָנ זיכ אָריענטירנ אינ דער ארומיקער ווירקלעכקייט אונ הייבט אָנ אקטיוו רעאגירנ אפ דעמ סאָציאלנ אומרעכט, וואָס די אָרעמשאפט שטייט אויס, האָט דינעזאָנ געהאלטנ פאר נייטיק צו שילדערנ אויכ דעמ מאָמענט, ווענ זײַנ העלד קומט אינ א דירעקטער בארירונג מיט דער אָרעמשאפט־סוויווע.

געגאנגענ איז דינעזאָנ דערבײַ מיט דעמ וועג, וואָס איז געווענ אָנגעמערקט נאָכ גאָר אינ אָנהייב פונ זײַנ ראָמאנ. נאָכ גאָר אינ דעמ ערשטנ קאפּיטל, ווו עס ווערט ברייטלעכ ארומגערעדט דאָס שווערע לעבנ פונ די נאכט־וועכטער, טרעט דינעזאָנ ארויס מיט דער קאטעגאָרישער בעהויפּטונג, אז „די אָרעמעלײַט זײַנענ די נוציקסטע, ווײַל זיי האָרעווענ״, אונ דאָכ „לעבט נעבעכ דער אָרעמער א בלײַערנעמ שווערנ לעבנ״, ווײַל „זײַנע גאנצע טעג אונ יאָרנ זײַנענ בלײַ, אלטע שטיקלעכ טשוהונ, וואָס ווערט אינ מיסט ארויסגעוואָרפנ אָדער אינ ברוכ פארקויפט פאר זייער א וואָלוועלנ פּרײַז״.

דאָס זעקסטע קאפּיטל פונ צווייטנ טייל האָט, לויט דעמ פּלאנ פונ דער ערשטער אופלאגע, געזאָלט אילוסטרירנ די דאָזיקע פעסטשטעלונג מיט קאָנקרעטע בילדער פונ דער אָרעמשאפט־סוויווע אונ דערבײַ געזאָלט באווײַזנ, וויאזוי די דירעקטע בארירונג מיט דער אָרעמשאפט־סוויווע ווירקט אפ דעמ געדאנקענגאנג פונעמ הויפּט־העלד יויסעפנ. אונ געווירקט האָט עס אפ יויסעפנ, לויט דינעזאָנס שילדערונג, אומגעהייער שטארק[1].

„יויסעפ וואר באשטירצט אונ האָט זיכ אזוי פארטראכט, אז ער האָט קימאט פארגעסנ, ווו ער איז, ווענ ניט דער רעגנ, וואָס האָט אָנגעהויבנ שטארקער צו גיסנ אפנ גאס אונ געמאכט נײַע רינענדיקע ערטער אינ דעמ גרויסארטיקנ הויז, ביז עס האָט שוינ געכאפּט אימ א פליוכ וואסער מיטאמאָל, וואָס האָט אימ אופגעוועקט פונ זײַנ ווער ווייסט וואָס פאר א שווערנ מיטלייד אונ געדאנקענ. אימ וואר דאָס הארצ פארקלעמט, אונ האָט ניט געקאָנט אויסריידנ א וואָרט״.

פארוואָס איז יויסעפ אזוי „פארקלעמט״ געוואָרנ, ווערט קלאָר, ווענ מע לייענט די באשרײַבונג פונ דער יידישער אָרעמשאפט־סוויווע, ווי זי ווערט געגעבנ בא דינעזאָנענ. אָט זײַנענ א פּאָר אויסצוגנ פונ דער דאָזיקער באשרײַבונג, וועלכע דינעזאָנ האָט אינ די שפּעטיקערע אופלאגעס ארויסגעוואָרפנ.

„עפנט! — האָט יויסעפ געזאָגט, צוגייענדיק צומ טיר. קיינער האָט זיכ דאָ ניט באוויזנ, ער איז צוגעגאנגענ צומ פענצטער אונ האָט דערזענ די קראנקע איינע אליינ. ער האָט א קלאפּ געטאָנ אינ שויב, אונ די אלמאָנע האָט אופגע־

1 אינ דער הינזיכט קאָנ מענ זאָגנ, אז יויסעפס באגעגעניש מיט דער אָרעמער אלמאָנע, וואָס ווערט געשילדערט אינ זעקסטנ קאפּיטל, שפּילט אינ דינעזאָנס ווערק די זעלבע ראָליע, וואָס דער באזוכ פונ דער „אָרעמער יידינע״ צו וועקערנ אינ מענדעלעס „טאקסע״ (פינפטער אקט, פינפטע סצענע). ווי אינ א סאכ אנדערע שטעלנ אינ דער ערשטער אופלאגע פונ דינעזאָנס „שווארצנ יונגערמאנטשיק״, פילט זיכ אויכ דאָ זייער דײַטלעכ מענדעלעס ווירקונג.

הויבנ איר אָפגעצערטע האנט און געגעבנ יויסעפנ צו פארשטיינ, אז ער זאָל א הייב טאָנ די טיר. יויסעפ האָט דאָס פארשטאנענ און באלד אזוי געטאָנ און איז ארײַנ אינ שטוב.

עס האָט אימ דער אָטעמ פארכאפט פונ דעמ שלעכטנ אוויר, וואָס האָט אימ פלוצעמ א שפאר געטאָנ, ווי ער האָט נאָר די טיר געעפנט. אימ איז פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ, אז ער האָט א קוק געטאָנ, וואָס עס טוט זיכ אינ שטוב. דאָס וואָלט בעסער געפאסט אָנצורופנ מיט דעמ נאָמענ גרוב, זומפ, העלע, אָבער ניט שטוב. א נידעריקער צימערל מיט העלצער אונטערגעשפארט דעמ באלקנ, אָנ א ברוק (דילנ), צוויי קליינע פענצטערלעכ, וואָס האָבנ ניט איינ גאנצע שויב אינ זיכ געהאט, פארשטאָפט מיט טיכער, מיט א קליינעמ טישעלע און מיט דער אלמאָנעס שאבעסדיקע קאטינקע. פונ באלקנ און פונ די ווענט האָט געררונענ, אזוי ווי זיי וואָלטנ אויכ מיטגעוויינט אפ דעמ אומגליק און עלנט פונ דער אָרעמער פרוי... שרעקלעכער און טרויעריקער ווי דאָס אלצ וואר די סצענע, וואָס יויסעפ האָט געזענ א ביסל ווײַטער. בא דעמ אנדערנ פענצטער, וועלכער איז איצט פארשטעלט געווענ מיט א לאָקשנ-ברעט, איז געשטאנענ א בעטל, אנ אָרעמע, וואָס קאָנ שוינ אָרעמער ניט זײַנ, די פיסלעכ זײַנענ געווענ צונויפגעבונדנ מיט שטריקלעכ און מיט אלטע צוזאמענגעבונדענע שטיקער טראפקעס (לומפנ). אינ בעט אפ א ביסל שטרוי איז געלעגנ שטיל ווי דער טויט א געשטאלט פונ א מענטשנ אמאָל, אָבער איצט נאָר א שאָטנ און ניט מער. טיפ אײַנגעפאלענע אויגנ, מיט א טויט-געלער גזיכט, דעמ גאנצנ גאָרגל מיט יעדנ גלידעלע און אָדערל האָט מענ געקאָנט דורכזענ דורכ דער אויסגעמאָגערטער, דינער, ווי גלאָז דורכזיכטיקער הויט. אפ דעמ הויפנ ביינער האָט זיכ געוואלגערט אנ אלטע צעריסענע, פונ ראזנע מאטעריע צוזאמענגענייטע קאָלדרעטשקע און צוקאָפנס א קישעלע. איבעריקנס, איז דאָס קישעלע געלעגנ אזוי, וואָרעמ די קראנקע האָט גאָר געהאלטנ דעמ קאָפ פארוואָרפנ אפ א קאנט בעט".

צו דער צײַט, ווענ דינעזאָנס „שווארצער יונגערמאנטשיק" איז דערשינענ, האָט די ייִדישע ליטעראטור שוינ געהאט גענוג בוילעטע דאלעס-שילדערונגענ אינ די ווערק פונ מענדעלענ, לינעצקינ און אנד. פונדעסטוועגנ האָט דינעזאָנענ זיכ אײַנגעגעבנ צו שאפנ אזא גרויליק בילד פונ עקאָנאָמישער דעגראדאציע, אז דאָס האָט אפסנײַ צוגעצויגנ די אופמערקזאמקײַט פונעמ מאסנ-לייענער און געקלונגענ ווי א באשולדיקונגס-אקט קעגנ די „פאָראָנדקעס", וואָס הערשנ אינ דער ייִדישער סוויווע. דינעזאָנ לאָזט זײַנ העלדנ, די אָרעמע פרוי פונ דער כורווע, דערציילנ איר לעבנס-געשיכטע. אָט וואָס די אָרעמע פרוי דערציילט וועגנ זיכ:

„פאר אָרעמלײַט איז די גרעסטע קלאָלע, אז זיי האָבנ קינדער ייִנגלעכ. איכ האָב געהאט א באָכערל, ער האָט פריִער געלערנט אינ טאלמעטוירע, דערנאָכ האָב איכ אימ אוועקגעשיקט אינ שכולע, אינ דער יעשיווע, און מײַנ גאנצער טרייסט און האָפענונג איז ער מיר און מײַנ מאנ — צו לענגערע יאָר אימ — געווענ. אָט דארפ גאָט צושיקנ א אובאָר (נאבאָר? — נ. א.), און שכולע דארפ נעמענ מײַנ איינציק קינד, אימ א נײַעמ נאָמענ און פאמיליע געבנ און מע פירט אימ ארײַנ אינ פריִאָמ און מע האָט אימ אָפגעגעבנ! פאר וועמענ, פאר וואָס? איכ האָב דאָס דערהערט, איכ האָב אָנגעהויבנ שרײַענ, לויפנ צו די גווירימ.



שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגנ, — עס איז פארפאלנ. ער איז געווענ פונ אונדזער שטעטל ניט א פארשריבענער, קיינ פאספאָרט האָט ער ניט געהאט, און שכולע האָט זיכ מיסטאמע געלאָזט קאָסטנ — און א סאָפ. וויפל טרערנ האָב איכ צעגאָסנ! אויסגעהאָדעוועט אזא שיינעמ צווײַג און אימ דארפנ אוועקגעבנ פאר פרעמדע טאטע-מאמעס! מײַנ מאנ אָלעוואשאָלעמ האָט דאָס ניט געקאָנט אריבערטראָגנ און האָט זיכ פאָרגענומענ: „אז זיי וועלנ מײַנ קינד ניט ארויסגעבנ מיט גוטנ, — וועלנ זיי מוזנ ארויסגעבנ מיט בייזנ". און האָט אופגעהערט פונ פארדראָס און קאס צו טאָנ זײַנ מעלאָכע — ער האָט געהאקט שטיינער אפנ שאָסיי — און האָט אָנגעהויבנ אומצוגיינ צו נאטשאלסטווע. ביז איינ מאָל אינ א פינצטערער נאכט איז ער געקומענ צו פויזענ אהיימ אפ אלע פיר. — „אוי, זיי האָבנ מיר דעמ רוקנ איבערגעבראָכנ" — האָט ער געשריִענ א גאנצע נאכט. און ביז טאָג איז ער פארטיק געוואָרנ. און אזוי זײַנענ געקומענ די „כעוורע-קאדישע"-לײַט און האָבנ אימ ארופגעוואָרפנ אפנ פור, און מע האָט אימ אוועקגעפירט אפנ בעסוילעמ. דאָרטנ איז געווענ סימכע וועסאָסנ. איכ האָב דאָרטנ געזענ די גאנצע כעוורע: מײַערקע דער שכולער כאפער, דער כאָדאטײַ, דער סטארעסטע זײַערער און נאָכ אזעלכע מענטשנ, וואָס מײַנ מאנ האָט זיי דערמאָנט פארנ טויט און געבעטנ בא גאָט, ער זאָל זיי באצאָלנ. איכ האָב געשריִענ: „גאזלאָנימ, ראָצכימ, איכ וויס דאָכ, אז איר האָט מײַנ מאנ געטויט! איכ וועל אײַכ דאָס ניט שווײַגנ! איכ וועל גיינ צומ סאמע גובערנאטאָר!.." אָבער זיי האָבנ מיר צוגעוואָרפנ א פינפ-און-צוואנציקער און געזאָגט: „וועסטו שווײַגנ, איז רעכט, אָבער ניט — וועסטו אויכ אזא סאָפ האָבנ ווי דײַנ מאנ!..." איכ האָב זיי מיסטאמע זײַער געלט אינ צורע ארײַנגעוואָרפנ און געוואָלט לויפנ צומ גובערנאטאָר, אָבער די שכײנימ ארומ און ווי נאָר עס איז מיר געקומענ מענאכעמ-אָוול זײַנ, האָבנ מיר אָפגערעדט, וואָרעמ זיי האָבנ געזאָגט, אז דער גובערנאטאָר וועט זיכ דאָס דערוויסנ, וועט מענ מײַנ מאנ מוזנ ארויסנעמענ צוריק פונ קייווער און אימ פאלמעסנ. דאָס האָב איכ שוינ ניט געוואָלט: גענוג, וואָס מע האָט אימ געהארגעט אפ דער וועלט, נאָכ קומענ אפ יענער וועלט אויכ א צעשניטענער? און אזוי האָט זיכ מיט מיר אויסגעלאָזנ".

די שוידערלעכע געשיכטע וועגנ דעמ האָרעפאשניק, וואָס איז געפאלנ א קאָרבנ פאר זײַנ ניט וועלנ זיכ אונטערגעבנ דעמ ווילקיר פונ די „קאָהאָלשע לײַט", ווארפט א נײַ שײַנ אפ דעמ גאנצנ מאָנאָלאָג פונ דער אָרעמער אלמאָנע. אירע רייד הייבנ אָנ קלינגענ ווי אנ אויסדרוק פונ דעמ פראָטעסט, וואָס וואקסט אינ דער טיפ פונ דער האמויניש-האָרעפאשנער מאסע.

די אָרעמע אלמאָנע נעמט זיכ אונטער צו ריידנ וועגנ דעמ אומרעכט, וואָס די נעגידימ באגייענ. מיט די אויגנ פונ א מענטשנ, וואָס איז יאָרנלאנג געווענ געדריקט. גיט זי א קוק אפ די באדריקער. זי ברענגט פאקטנ פונ דער טאָגטעגלעכער פראקטיק פונ די שטאָט-באלטויוועס און פרעגט:

„— פארוואָס בינ איכ מעכויעוו זיי צו צאָלנ קאראָבקע — דערפאר וואָס זיי פאזוואָליענ מיר ארומטראָגנ באָב און וואשנ די דילנ בא זיי?"...

דער מאָנאָלאָג פונ דער אלמאָנע איז פול מיט אזעלכע פראגנ. עס פילט זיכ, אז דאָס רעדט א מענטש, וואָס הייבט זיכ אָנ באפרײַענ פונ דערשלאָגנקײַט. דער מאָנאָלאָג פונ דער אָרעמער פרוי איז דערמיט טאקע געווענ סימפטאָמאטיש, וואָס

אין אים האָט זיך געלאָזט דערקענען אַן אָפּקלאַנג פון דעם אופוואַכונג-פּראָצעס, וואָס נעמט אַרום אין די 60-ער—70-ער יאָרן גאָר ברייטע שיכטן פון דער פאָלקסמאַסע.

„מיר האָבן באַמערקט, אַגעוו, — האָט געשריבן אין יאָר 1861 דאָבראָליובאָוו, — אַן אַלגעמיינע שטרעבונג צו באַשטיין אויף דער מענטשן-ווערדע און גלייַכבאַרעכטיקטקייַט פון אַלע און יעדן איינעם... דער גרעסטער טייל פון אָט-אָ די דערשלאָגענע טראָגט דאָך שטאַרק און טיף, כאָטש אַפילו בעסאָד פון זיך אַליין, פאַרבאַהאַלטן אין זיך אַ לעבעדיקע נעשאָמע און אַן אייביקן, פון קיין שום ליידן ניט פאַרשווינדנדיקן באַוווסטזייַן פון זייער מענטשלעכן רעכט אויף לעבן און גליק“...

מיט אָט דעם „באַוווסטזייַן“ איז געווען דורכגעדרונגען ניט איין אָרעמשאַפט-שילדערונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון די 60-ער—70-ער יאָרן[1]. דער זעלבער „באַוווסטזייַן“ האָט געזאָלט דעמאָנסטרירט ווערן אויך אין דינעזאָנס מאָנאָלאָג פון דער אָרעמער אַלמאָנע, וועלכע רופט אויס מיט אַזאַ טיפן גלויבן אין דעם עמעס פון אירע ווערטער:

„וואָס טויגן אייַערע נעגידים? אַזוי ווי מע דערציילט פון יענעם ראָשע, וואָס פלעגט טיילן אָרעמעלייַט געלט און ברויט, אָבער ער פלעגט זיי פריִער אָנטאָן צאָרעס און יעסורים, אייַנפּאַטשקען דעם ברויט אין פּאַסקודסטווע, אַז דער אָרעמאַן פלעגט נעבעך אויסקרענקען איטלעכן ביסן ברויט, וואָס ער פלעגט בא אים נעמען? זאָגט מיר, צי זייַנען אייַערע נעגידים בעסער? צי פאַרפּיאַצקען זיי דען ניט דעם ברויט, וואָס זיי וואַרפן אונדז צו?“.

ווען מע לייענט אָט די שטעלן אין דער ערשטער אויפלאַגע פונעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק“, הייבט מען אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דינעזאָן איז זיך שפּעטער אַזוי האַרב באַגאַנגען מיט דעם זעקסטן קאַפּיטל, ווי אויך מיט אַנדערע אַזעלכע שטיקער טעקסט, וואָס ער האָט זיי אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן אין די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס. אָט דאָס זעקסטע קאַפּיטל, ווו דינעזאָן האָט געפּרוּווט דירעקט צוגיין צו דער אָרעמשאַפט-סוויווע, איז אויפן סאַמע שאַרפן אויפן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט די טענדענצן פונעם שפּעטערדיקן דינעזאָן. האָט דען די אָקאָרשט צימירטע רעפּליקעס פון דער אָרעמער אַלמאָנע ניט געקאָנט אַרונטערייַסן די פילאַנטראָפּישע איליוזיעס, וועלכע דינעזאָן האָט שפּעטער אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן אין פאַרשיידענע — אָפענע און באַהאַלטענע — פאָרמען געפלאַנצט באַם מאַסן-לייענער? האָט דען דער מאָנאָלאָג פון דער אָרעמער ייִדענע ניט געקאָנט אַרונטערייַסן די שפּעטערדיקע דינעזאָנישע אינטערפּרעטאַציע פון דעם פאָלקס-מענטש, אַלס אַ נעבעכדיקע בריִע, וואָס קאָן זייַן בלויז דער אָביעקט פון מיטלייד און ראַכמאָנעס? ס'איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס אין די ווייַטערדיקע יאָרן, ווען דינעזאָן האָט אַלץ מער און מער גענומען קולטיווירן די סענטימענטאַל-פילאַנטראָפּישע מאָטיוון אין זייַן שאַפן, האָבן אייניקע שטעלן פונעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק“ אָנגעהויבן „שטערן“, און דינעזאָן האָט זיי באַזייַטיקט. אָבער אין דעם ערשטן וואַריִאַנט פון דינעזאָנס ראָמאַן זייַנען די

1 זע ווייַטער די בייַלאַגע וועגן דער אָרעמשאַפט-שילדערונג אין דער אַנאָנימער בעלעטריסטיק פון די 60-ער—70-ער יאָרן.



סענטימענטאַל-פילאַנטראָפּישע מאָטיוון קלאָר ניט געווען די הויפּט-מאָטיוון פונעם ווערק. און דערמיט דערקלערט זיך דער באַטייַט, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק האָט געהאַט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די 70-ער יאָרן.

### 3

וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, וואָס דינעזאָנס „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק“ האָט געהאַט [גלייַך נאָכן דערשייַנען], זייַנען פאַרשפּרייט אַ סאַך לעגענדעס. לויט איינע לעגענדע זאָל די ערשטע אויפלאַגע פון דינעזאָנס ראָמאַן אין גאָר אַ קורצער צייַט האָבן זיך פאַרקויפט אין צען טויזנט עקזעמפּליאַרן. וואָס זשע איז אין דינעזאָנס בוך געווען אַזעלכס, וואָס האָט אים געמאַכט אַזוי שטאַרק פּאָפּולער אין די 70-ער יאָרן?

לויט דער מיינונג פון דער בירגערלעכער קריטיק האָט דינעזאָנס דערפאָלג זיך דערקלערט דערמיט, וואָס דינעזאָן זאָל האָבן אייַנגעריסן מיט דער ליטעראַטור-טראַדיציע פון יענער צייַט. באַלמאַכשאָוועס, לעמאָשל, האַלט אַז דער אייַנרייַס מיט דער הערשנדיקער טראַדיציע דרינגט דורך דאָס גאַנצע שאַפן דינעזאָנס, און אויסדריקן דריקט זיך אויס דער דאָזיקער אייַנרייַס אין דעם, וואָס דינעזאָן זאָגט זיך אָפּ צו „קוקן אויף אַלץ אויף דער וועלט מיט די אויגן פון דער מאַנצבלשער נעשאָמע“. אַ שרייַבער, וואָס פאַרמאָגט אַ „מאַנצבלשע נעשאָמע“, גייט מיטן גלייַכן וועג, דרינגט באַלמאַכשאָוועס, אַזאַ שרייַבער „שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, ביכדיי אויפצודעקן אַלץ, וואָס איז קראַנק, שוואַך, פאַרפוילט און אָפּגעשטאָרבן“. דינעזאָן איז, לויט באַלמאַכשאָוועסן, אַן אויסנאַם אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צייַט.

„י. דינעזאָן, — שרייַבט באַלמאַכשאָוועס, — איז דער איינציקער צווישן זייַנע עלטערע כאַווירים, וועלכער מאָלט אונדז דאָס ייִדישע לעבן ניט מיט דעם בליק פון דער מאַנצבלשער נעשאָמע“.

צי האָבן מיר ווירקלעך אין דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק“ עפּעס ענלעכס אויף אַן אייַנרייַס מיט דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור-טראַדיציע, ווי עס וויל דאָס אויסמאָלן באַלמאַכשאָוועס? אין קיין פאַל ניט. דינעזאָנס אייַנשטעלונג אין דעם ערשטן וואַריִאַנט פון „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק“ איז גראָד געווען „אויפצודעקן אַלץ, וואָס איז קראַנק, שוואַך, פאַרפוילט און אָפּגעשטאָרבן“. וועגן דער דאָזיקער אייַנשטעלונג רעדט זייער אויסדריקלעך דינעזאָן אַליין אין איינעם אַן אָרט פון זייַן ראָמאַן, ווו דער הויפּט-העלד יויסעף כאַראַקטעריזירט געוויסע קרייַזן פון די ייִדישע לעזער:

„אַז איך וואָלט זיי שרייַבן נאָך אַן איסער, זיי מאַכן דעם דאַוונען זיבן מאָל גרעסער, ווי ער איז, זיי געבן צום זאָגן נאָכן דאַוונען אַ חק ליעקב, חק לאלהים און אַ חק ליצחק, ווי יענער האָט זיי געגעבן אַ חק לישראל, דאַן וואָלטן זיי מיר פּאָלגן, מע וואָלט קויפן מייַנע ספאָרים, וואָס מע דאַרף דערצו קיין קאָפּ און געפיל האָבן צו מאַכן, מער ניט קענען אויפקלייַבן טויטע ביינער פון אַלטן בעסוילעם! אָבער אַז גאָט זאָל אויסהיטן, אַז איך זאָל פּרוּוון אַ וואָרט אויסריידן, פּרוּוון מייַן פּייַערדיקע האַרץ לעשן מיט מייַן שרייַבן פאַר זיי אַ טייפער, זיי אויפווייַזן זייערע פעלערן, דאַן בין איך אומגליקלעך!.. די דרוקער,

װעלכע זײַנען אָפּהענגיק פֿון די קױפֿער ניט װײניקער קימאַט פֿאַר דעם מעכאַבער, װעלן דאָס ניט קױפֿן פֿון מיר און װעלן דאָס ניט דרוקן און אַז יאָ, װעט מען דאָס גיכער פֿאַרברענען"...

װי זײַן העלד יוסעפֿ אַזױ האָט אױך דינעזאָן אין די 70-ער יאָרן אַנטשײדן אָפּגעװאָרפֿן דעם געדאַנק, אַז די ליטעראַטור מעג זיך דערװײַטערן פֿון אַקטועלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און „אױפֿקלײַבן טױטע בײנער פֿון אַלטן בעסױלעם". װי זײַן העלד אַזױ האָט אױך דינעזאָן געהאַלטן, אַז זײַן אױפֿגאַבע איז „אױפֿװײַזן פֿעלער", ד. ה. אַרױסטרעטן מיט אַקטיװער געזעלשאַפֿט-קריטיק. און גראַדע דאָס האָט געזיכערט דינעזאָנס ערשטן ראָמאַן אַזאַ גרױסן דערפֿאָלג.

4

דינעזאָנס „שװאַרצער יונגערמאַנטשיק" איז געװען אַ טיפּיש װערק פֿון די 70-ער יאָרן: דאָ האָט זיך אָפּ שריט און טריט געלאָזט פֿילן, װי עס װערן צעשטערט די אילוזיעס פֿון דער „װעסנע-צײַט". בולעט זעט זיך דאָס אין דעם סטיל, װאָס איז געװידמעט דער באַשרײַבונג פֿון יוסעפֿס לעבן אין פּעטערבורג.

אָט שרײַבט, לעמאָשל, דינעזאָנס העלד פֿון דער שטאָט פּעטערבורג:

„װאָס האָב איך געװוּסט פֿון אַ װעלט, װערנד איך בין אין מאָהיבלער פֿאַרשטעטל געװען? איך האָב קײן גרױסע גליקן געקענט. אָבער די אומגליקן װאַרט מיר אױך ניט אַזױ פֿירכטערלעך װי דאָ. דאָ זע איך מאַנכן ליכטיק װי די זאָנע און פֿילע שװאַרץ װי די ערד! דאָ לעבט מען שװעלגעריש, רײַך, מיט קאַרעטן, מיט פּאַרקן און מיט װאָס מען נאָר אױסדענקען קאָן, און מע לעבט אױך אָרעם װי די אַרמוט זעלבסט! אָן שטיװל זע איך מענטשן שלאָגן די פֿיס אָפּ די אָפּגעבערנטע שטײנער, פֿאַרשמאַכטעטע, צעטריקנטע, אָן ברױט און װאַסער! אַ, װאָס איז דאָס פֿאַר אַן אומבאַגרײַפֿלעכע װעלט! װער האָט זי אַזױ געאָרדנט און לײַטעט זי פֿון ערשטן טאָג? מיר ליגט איצט אױפֿן האַרצן שװערע, ביטערע געפֿילן, איך האָב זײ ניט פֿאַר װעמען אױסצורײדן"...

אין דעם טאָן, װאָס הערט זיך אין די דאָזיקע שורעס, איז ניט שװער צו דערקענען די זעלבע אַנטױשונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער גרױס-שטאָט, װעלכע איז ניט אײן מאָל געקומען צום אױסדרוק בײַ די קלײנבירגערלעכע שרײַבער פֿון די 70-ער יאָרן. פֿאַר דעם אױטאָר פֿון דעם „שװאַרצן יונגערמאַנטשיק" האָט די גרױסע שטאָט זיך געשטעלט אין דעם שײַן פֿון די שאַרפֿ סאָציאַלע קאָנטראַסטן, אין דעם שײַן פֿון דעם גרױסן סאָציאַלן אומרעכט, פֿון װעלכן עס האָט צו לײַדן די מערהײַט פֿון דער שטאָט-באַפֿעלקערונג. „דאָ זע איך מאַנכן ליכטיק װי די זאָנע און פֿילע שװאַרץ װי די ערד", — מיט אָט די װערטער האָט דינעזאָנס העלד אױסגעדריקט זײַנע אײַנדרוקן פֿון דער בורזשואַזער „גערעכטיקײַט", מיט װעלכער ער האָט זיך צוזאַמענגעשטױסן אין פּעטערבורג.

נאָך שטאַרקער איז די דאָזיקע קריטישע באַציִונג צו דער אַרומיקער װירקלעכקײַט געװען אױסגעדריקט אין דינעזאָנס שילדערונג פֿון דער שטאָט מאָהיבל, װו עס קומט פֿאָר די האַנדלונג פֿונעם ראָמאַן. די סאָציִאַלע סאַטירע האָט זיך דאָ דורכגעשלאָגן דורך אַלע אָנשיכטונגען פֿון דינעזאָנס סענטימענטאַליזם, און דער



מאַסן-לײענער האָט אױפֿגענומען די מאָהיבל-שילדערונג װי אַ װײַטערדיקע אַנטװיקלונג פֿון מענדעלעס שילדערונג פֿון דער שטאָט גלופּסק.

באַזונדערס דײַטלעך האָבן זיך געלאָזט הערן די אָפּקלאַנגען פֿון מענדעלעס שאַפֿן אין דינעזאָנס צוגאַנג צו דער נעגאַטיװער פֿיגור פֿון דעם שװאַרצן יונגערמאַנטשיק.

„אַזױפֿיל האָט ער צו טאָן אַװעלעס, און דאָך טראָגט אים די ערד און מאָהיבלער געזעלשאַפֿט שפּײַט אים ניט אַרױס, אַ טשלען און אַ דײע-זאָגער אין באַנק איז ער, צו אַ װײַבער הערט מען רײדנדיק נאָר אים אַלײן"...

דער שװאַרצער יונגערמאַנטשיק איז אַ טיפּישער פֿאָרשטײער פֿון מענדעלעס „קנופּיע"-פֿאַרשװירנע. זײַן לעבנס-געשיכטע האָט אין אײניקע גאָר װעזנטלעכע פּראָטים דערמאָנט אָן דעם װעג, װאָס עס מאַכט דורך דאָס „קלײנע מענטשעלע" — יִצחָק-אַװרהָם טאַקיפֿ בײַ מענדעלען[1]. דער מאַסן-לײענער פֿון די 70-ער יאָרן האָט געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו זען אין דינעזאָנס ראָמאַן אַ װײַטערדיקע אַנטװיקלונג פֿון דער פּראָגראַם, מיט װעלכער מענדעלעס „ריכטונג" איז געקומען אין דער ליטעראַטור. ס'איז דעריבער קײן װוּנדער ניט, װאָס אָט דער לײענער האָט באַשאָנקען דינעזאָנען מיט דער זעלבער סימפּאַטיע, װעלכע ער, דער מאַסן-לײענער, האָט דעמאָלט ניט אײן מאָל דעמאָנסטרירט אין זײַן באַציִונג צו מענדעלעס װערק.

## 4. ש. בערנשטײן און זײַן שילדערונג פֿון דער שטאָט פּאָדלאָװיץ

1

סאָפֿ 60-ער — אָנהײב 70-ער יאָרן האָט אָפּ די שפּאַלטן פֿונעם „קול מבשר" אָנגעהױבן צוציִען צו זיך די אױפֿמערקזאַמקײַט אײנער אַ שרײַבער ש. בערנשטײן (פּסעװדאָנים: שלשום בר יענטע), װאָס האָט אַנטװיקלט אַ פֿילזײַטיקע ליטעראַרישע טעטיקײַט. דעביוטירט האָט ער אַלס אַ דיכטער (ער האָט אין יאָר 1868 אַרױסגעלאָזט אַ גרעסערע לידער-זאַמלונג), אָבער ניט װײניקער אַקטיװ האָט ער געװאָלט זײַן אין געביט פֿון דראַמאַטורגיע (ער האָט אין יאָר 1871 אָפּגעדרוקט אַ פּיעסע „יאָכצע דאַל-גײע") און נאָך מער טעטיק איז ער געװען אַלס אַ פּראָזאִיקער — זײַנע פֿאַרצײכענונגען און דערצײלונגען האָבן זיך געדרוקט אין „קול מבשר" גאָר אָפֿט.

---

1 אין זײַנע זיכרױנעס דערצײלט י. דינעזאָן, אַז גלײַך נאָך זײַן ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט מענדעלעס װערק איז ער געװאָרן מענדעלעס אַן אָנהענגער. דינעזאָן שרײַבט: „עס זײַנען איבערהױפּט דעמאָלט געװען יאָרן (עס האַנדלט זיך װעגן סאָפֿ 60-ער יאָרן — נ. אָ.), װאָס מיט שאָלעם-יאַנקעװ אַבראַמאָװיטש האָבן זיך די מעיוכאָסים פֿון דער אַלטער גאָלדענער פּאָן צוגעשעמט, װי מיט עפּעס אַ „נחות דרגא" אין דער מישפּאָכע. איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונג ייִנגל געװען, אַ שטיקל מאַסקיל, אַן אָנפֿאַנגער, װאָס האָט זיך שױן אַפֿילע געריבן אַרום די מעיוכאָסים פֿון דער אַלטער גאָלדענער פּאָן, אָבער װאָס האָט בעשומױפֿן רעב מענדעלען ניט געװאָלט באַטראַכטן פֿון עפּעס אַ „נחות דרגא", כאָלילע, אין מײַן ייִכעס... איך האָב אים ליב געהאַט מיט מײַן גאַנצער נעשאָמע. מיט אים זיך אַמאָל צו באַגעגענען און צו קענען אים אַרױסזאָגן, װי ליב איך האָב אים ניט נאָר פֿאַר דעם, װאָס ער דערצײלט, נאָר אױך פֿאַר דעם, װאָס ער איז רעב מענדעלע מױכער-ספֿאָרים, איז געװען אײנס פֿון די הײסעסטע װוּנטשן, װאָס איך האָב דעמאָלט מיר פֿאַרגינט צו װינטשן"... (י. דינעזאָן, „זיכרױנעס און בילדער", ז. 176—178).

דער ווייניק באוווּסטער ש. בערנשטיין האָט פּרעטענדירט אַפּ ליטעראַרישער זעלבשטענדיקײַט. ער האָט ניט געוואָלט גיין מיטן וועג פון די „קליינע מעכאַבּרימלעך״[1], וואָס האָבּן מערסטנטייל זיך באַנוגנט מיטן ווּ־אַרײַיִרן די מאָטיוון, וועלכע האָבּן שוין געהאַט א ברייטן אָנגאַנג אין דער ליטעראַטור. בערנשטיין האָט אין זײַנע ווערק געהאַט צו טאָן מיט געשטאַלטן און בילדער, וואָס האָבּן פּרעטענדירט צו זײַן נײַ, און באַזונדערס האָט ער די נײַקײַט געוואָלט אונטערשטרײַכן דערמיט, וואָס ער האָט די דאָזיקע געשטאַלטן און בילדער אײַנגעפּאַסט אין זײַנער אַן אייגענער סוויווע — די שטאָט פּאָדלאָוויץ. די שילדערונג פון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ פיגורירט קימאַט אין אַלע ווערק, וואָס בערנשטיין האָט געשריבן סאָפּ 60־ער אָנהייב 70-ער יאָרן, און זי שטעלט אָן שום סאָפעק פאָר א גאַנץ אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײַט.

די ייִדישע ליטעראַטור פון די 60-ער—70-ער יאָרן אַנטוויקלט זיך דערעכ קלאַל אונטער דער ווירקונג פון די דרײַ גרויסע סאָציִאַלע פאַראַלגעמיינערונגען, וועלכע מענדעלע האָט אָנגעמערקט אין זײַנע דרײַ שטעט: קאַפּצאַנסק, גלופּסק און טונעיאַדעווקע. די נעמען פון אָט די שטעט זײַנען אזוי ווײַט אַרײַן אין דעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן געברויך, אַז עס איז שיר ניט געוואָרן א מין טראַדיציע זיך צו נוצן מיט מענדעלעס שטעט-באַצייכענונגען. אייניקע מעכאַבּרים האָבּן, עמעס, געפּרוּווט וואַריִירן דעם מענדעלישן שטאָט-נאָמען. אזוי, לעמאָשל, שרײַבּט א געוויסער מעכאַבּער פּ. סובּאָצקי אין די אָנהייב-שורעס פון זײַנער א דערציילונג:

„בעיר אחת ושמה קאַבּצעלניק[2], אין איין שטאָט, וואָס איר נאָמען איז קאַפּצעלניק, אין דעם קרײַז פון גאַליציע, וואַר דאָרטן א געוויסער מעלאַמעד מיט זײַן באַוווּסטן נאָמען רעב גרוינעם דער מעלאַמעד״...

פאַרבײַטנדיק מענדעלעס „קאַפּצאַנסק״ אַפּ „קאַפּצעלניק״, האָט דער מעכאַבּער פון די 70-ער יאָרן געוואָלט ניט מער, ווי אויסמײַדן די באַשולדיקונג אין פּלאַגיאַט, וואָרעם לויט דער עצעם שילדערונג האָט קאַפּצעלניק באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס קאַפּצאַנסק. אַנדערע מעכאַבּרים פון יענער צײַט פלעגן נעמען מענדעלעס שטאָט-באַצייכענונג, ווי זי שטייט און גייט. פאַלטיִעל זאַמאָשטשין, צום בײַשפּיל, פירט אַרײַן אין זײַנער א דערציילונג מענדעלעס מאָטיוו „קאַפּצאַנסקער מעיוכאָסים״. מיט דער זעלבער נאַטירלעכקײַט שרײַבּט דער זעלבער זאַמאָשטשין אין דעם אָנהייב-זאַץ פון זײַנער א גרעסערער דערציילונג „דער סאַם״: „ניט ווײַט פון גלופּסק, אַן ערעכ פון א ווערסט פיר, פינפ, זעקס... ליגט א שטאָט״...

פּונקט אזוי באַגייען זיך מיט מענדעלעס שטאָט-באַצייכענונגען אויך אַנדערע „קליינע מעכאַבּרימלעך״ פון יענער צײַט. צב. דער אומבאַקאַנטער אווטאָר פון דער גרעסערער דערציילונג „דער פאַרבלאָנדזעטער״ (1870) נוצט זיך מיט מענדעלעס שטאָט-באַצייכענונג טונעיאַדעווקע.

בערנשטיין האָט ניט געוואָלט גיין מיט אָט דעם וועג פון די „קליינע מע-

1 דעם טערמין האָט אײַנגעפירט אין די 60־ער יאָרן ליגעצקי, שפּעטער האָט זיך מיט אים זייער גערן באַנוצט שאָלעם-אַלייכעם.

2 גרונעלע די רעבעצן, מאַת אַפּ״ס״ (סובּאָצקי), ווילנע, 1874. באַם וואָרט „קאַבּצעלניק״ מאַכט דער אווטאָר א באַמערקונג: „לפי הנשמע איז איר נאָמען יעצט געענדערט געוואָרן״.



כאַבּרימלעך״. ער האָט געוואָלט באַווײַזן זײַן ליטעראַרישע זעלבשטענדיקײַט און האָט זיך גענומען אויפשטעלן א בילד פון א שטאָט מיט דעם נאָמען פּאָדלאָוויץ.

פון דער גרויסער כאָפּטע „קליינע מעכאַבּרימלעך״, וואָס מיר טרעפן דעמלט אַפּ די שפּאַלטן פונעם „קול מבשר״, צייכנט זיך בערנשטיין אויס דערמיט, וואָס ער איז אָן שום סאָפעק א קינסטלער. בערנשטיינס א געשטאַלט פאַרגעדענקט זיך סײַ מאַכמעס דעם בוילעט-געצייכנטן פּאָרטרעט סײַ מאַכמעס די טרעפלעכע רעפּליקעס. אין בערנשטיינס דערציילונגען פילט זיך גאַנץ אָפט א פרישע איניציִאַטיוו.

אזא איניציִאַטיוו פילט זיך ערטערווײַז אויך אין זײַן צוגאַנג צו דער שטאָט פּאָדלאָוויץ. בערנשטיין פאַרמעסט זיך צו שילדערן זײַן שטאָט פּאָדלאָוויץ גאָר ברייט. דערפון גיט .ער אָנצוהערן אין דעם אַרײַנפיר צו זײַן גרעסערער דערציילונג „א נעקאָמע אינצווייען״. בערנשטיין שרײַבּט דאָרט:

„די שטאָט פּאָדלאָוויץ איז א גרויסע שטאָט און איז צעטיילט אַפּ דרײַ כאַלאָקים, הײַנע: פּאָדלאָוויץ, זא-פּאָדלאָוויצאָם און פּאָד-פּאָדלאָוויץ״. און אזוי איז אַלצדינג אין איר אײַנגעטיילט אינדרײַען. אין איר איז דאָ:

מויערן, הײַזער און שטיבלעך,
מערק, גאַסן און הינטערגעסלעך,
קריסטן, ייִדן און ייִדלעך,
נעגידים, באַלעבאַטים און קאַפּצאָנים,
מיסנאַגדים, כסידים און פּליאַסקעס,
פּאָדריאַטשיקעס, סאָכרים און פּאַקטוידים,
מענטשן, בעהיימעס און שקאָצים,
און צווישן די שקאָצים געפינט מען:
כוואַטעס, אַזעסניקעס און קאָלבויניקעס....

פּאָדלאָוויץ האָט לויט דעם אווטאָרס קאַוואָנע געזאָלט פאָרשטעלן א פאַראַלגעמיינערטע באַצייכענונג פון א גרויסער שטאָט מיט א שאַרף דיפערענצירטער באַפעלקערונג, מיט בוילעטע סאָציִאַלע קאָנטראַסטן — אזא גרויסע שטאָט, ווי עס האָט צו יענער צײַט געפּרוּווט שילדערן בלויז איין ייִדישער שרײַבער: מענדעלע אין זײַן גלופּסק. און בערנשטיין נעמט זיך טאַקע שילדערן זײַן שטאָט פּאָדלאָוויץ לויט דעם מוסטער פון מענדעלעס גלופּסק.

אַז בערנשטיין געפינט זיך אונטער מענדעלעס ווירקונג, קאָן מען זען שוין פון דער ערשטער פאַרצייכענונג „די וועלט האָט זיך איבערגעקערט״, מיט וועלכער בערנשטיין איז אַרויסגעטראָטן אין יאָר 1870 („קול מבשר״, 1870, נום. 6)[1].

1 ניט ווייניקער דײַטלעך לאָזט זיך זען מענדעלעס ווירקונג אין בערנשטיינס אַרטיקלען. אזוי לעמאָשל, לייענען מיר אין בערנשטיינס אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „קול מבשר״ פון 1866־טן יאָר (נומער 47): „ייִדן אַליין פלאָדיען אָן אַפּ זיך פּיאַווקעס, בלוטזויגערס... פאַרוואָס שטופּט מען אַרײַן גרויסינקע שטאָט-געלט, ער זאָל דעריבער זײַן א שומער עד שיבוא אליהו? פאַרוואָס לאָזט מען די האַצמאַכן, ער זאָל רײַסן אַפּ זיי און זאָל זיי הריזן ווי כלחוך השור? וואָס לויפן אַלמאָנעס, יעסוימים, אָרעמע קאַלעס ווי פאַרסאַמטע מײַז און שטופּן אַרײַן זייער לעצט שטיקל האָפענונג יאַקנעהאָז אין די הענט אַרײַן?.. א ראַכמאָנעס אַפּ מענטשן, וואָס זײַנען פערד און לאָזן אַפּ זיך רײַטן! א ראַכמאָנעס אַפּ מענטשן, וואָס זײַנען ווי בעהיימעס און לאָזן זיך מעלקן!

שוין דאָרטן זעט מען, אַז פון דער גאַנצער פּאָדלאָוויצער באַפעלקערונג ציִען צו בערנשטיינס אויפמערקזאַמקייט מער פאַר אַלץ די געשטאַלטן, וואָס זײַנען די־רעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן מיט דער „קנופּיע“, מיט די שטאָטישע באַ־לעטויוועס. די כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע געשטאַלטן שטעלט בערנשטיין אַוועק אין צענטער פון זײַן גאַנצער פּאָדלאָוויץ־שילדערונג. אַלס מוסטער וועלן מיר דאָ ברענגען די כאַראַקטעריסטיק פון איינעם אַ פּאָדלאָוויצער קאָהאָלס־מאַן, וואָס מע רופט אים צאָדעק ציבעלע.

„אין יענער צײַט — געדענק איך — איז געווען אין דער שטאָט פּאָד־לאָוויץ אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן בפּי כּל — צאָדעק ציבעלע. כאָטש איך בין ניט קיין גוטער־ייִד איך זאָל וויסן, וואָס עס טוט זיך בײַ יענעם אין בויך, פּרי־טײַ וויים איך, אַז בײַ צאָדעקן אין בויך איז טאָמיד געלעגן ברויט מיט ציבעלעס, אַמאָל מיט באָרשטש, אַמאָל מיט אַ קוליש און זייער זעלטן מיט אַ שטיקל פלייש. דעריבער איז צאָדעק געווען אַ פאַרכמאַרעט, אַ פאַרדאַרט ייִדל און האָט ליב געהאַט דעם קנאַק גאָר אויף אַן אַנדער אויפן.

שאַבעס איז פאַר אים געווען אַ וועלט: ער פלעגט אַרומגיין צווישן זײַנע באַקאַנטע און מאַכן קידעש. ער פלעגט אַהיים קומען מאָלע סימכע און פלעגט זיך זעצן עסן זײַנע ליבע מײַכאָלים לעקאָוועד שאַבעס, הײַנע: רעטעך מיט ציבעלעס, אייער מיט ציבעלעס, לעבער מיט ציבעלעס, הערינג מיט ציבעלעס און ציבעלעס מיט שמאַלץ — ייִדישע מײַכאָלים... צאָדעק האָט זייער ליב געהאַט ציבעלעס, באַם גרעסטן טרונק בראָנפן האָט ער נאָר פאַרביסן מיט אַ ציבעלע, דעריבער האָט מען אים גערופן אין פּאָדלאָוויץ: צאָדעק ציבעלע.

אַ ווײַב האָט צאָדעק געהאַט אַ מאַכשייפע, אַ יאַשטשערקע, אַ צרה שלא תבוא, וואָס פלעגט אים בויערן דעם מויעך און פּאַשעט אויסקנײַפּן שטיקער פלייש, פאַרוואָס ער דרייט זיך ניט אַרײַן צו קאָהאָל ווי אַנדערע שיינע־ייִדן, וואָס זײַנען קימאַט אַשירים געוואָרן דערפון.

— וואָס איז? — פלעגט זי טײַנען, — ביסט ניט אַזאַ שיינער־ייִד ווי זיי? ביסט עפּשער ניט אַזאַ מעיוכעס ווי זיי? האָסט עפּשער ניט אַזוינע מײַלעס ווי זיי? ביסט קראַנק צו זײַן ווי יאָסל קאָלבוויניק, וואָס אַלע פּאָדלאָוויצער נעגי־דים האָבן פאַר אים מוירע? ביסט קראַנק צו זײַן ווי טאָדרעס קראַצ, וואָס האָט דאָס ווײַב באַנייט און באַהאַנגען און ברענגט אַלע טאָג פון אַלדאָסגוטס: הײַנט אַ גענדזל, מאָרגן אַ קאַפּהאָן — און עס קאָסט אים ניט אַ גראָשן? וואָס דען? פון דיר וועט עפּעס זײַן? מישטיינסגעזאָגט! אַ ציבעלע בלײַבט אַ ציבעלע!

אָט אַזוי האָב איך איבערגעלאָזט צאָדעקן, בעשאַס איך בין אַוועקגעפאָרן פון פּאָדלאָוויץ. אַ צײַט מיט יאָרן זײַנען אַוועק, פיל וואַסערן זײַנען איבערגעלאָפן, עס איז שוין גאָר לאָ עלתה על מחשבתי געווען, איך זאָל גאָר נאָכאַמאָל זײַן אין פּאָדלאָוויץ און זאָל זען דעם צאָדעקן און נאָכאַמאָל מיט אים ריידן.

---

אַ ראַכמאָנעס אויף אונדזערע ייִדן, וואָס לאָזן זיך צאַפּן, נאָגן, רײַסן אַ ראַכמאָנעס אויף אונדזערע ייִדן, וואָס האָבן אויף זיך אַליין קיין ראַכמאָנעס ניט!“.

סײַ דער געדאַנקענגאַנג, סײַ דער אַלגעמיינער טאָן פון דעם אַרטיקל, וואָס מיר האָבן דאָ ציטירט, דערמאָנט אָן שום ספק אָן מענדעלען. דאָס זעלבע קאָן מען באַמערקן אויך אין אַנדע־רע אַרטיקלען, וועלכע בערנשטיין האָט געדרוקט אין „קול מבשר“.



דאָ ניט לאַנג האָט מיך דער צופאַל צוריק געבראַכט קיין פּאָדלאָוויץ. מײַלע, וואָס קאָן איך אײַך זאָגן — איך האָב דערזען דעם צאָדעקן, בין איך ניווהעל ווע־נישטוימעם געוואָרן: עס איז גאָר ניט דער צאָדעק. עפּעס אַן איבערקערעניש איז אויף אים געקומען. צאָדעק האָט באַקומען אַ בויך מיט אַ וואָרגע, אַז אויף טרייפע פלייש איז ער אויך ווערט צוויי גילדן די אָקע. צאָדעק הייסט שוין גאָר ניט צאָדעק ציבעלע, ער הייסט שוין גאָר רעב צאָדעק ציבעלמאַן. צאָדעק איז שוין גאָר אַ שטאָט־מענטש און אַן ערלעכער ייִד געוואָרן, צאָדעק זאָרגט שוין, נעבעך, פאַרן קלאַל־ייִסראָעל, צאָדעק פאַרקויפט שוין גאָר „לוי־יעכרעצ“ אויפן לויס, צאָדעק עסט שוין ניט קיין ציבעלעס, נאָר גענדז און פּופּקעס — פאַר שטאָט־געלט, צאָדעק טרינקט ספּירט און ווײַן „על דעת הקהל“, צאָדעק מאַכט כסימעס, צאָדעק נעמט אום אַ דאַיען, אַ כאַזן און אַ ראַבינער. האַקלאַל, צאָדעק איז קאָל ווע־לאָכ און קען שוין אַרײַנמישן אין זײַן ריידן אַ פּאָר לאָשנקוידעשע ווערטער, כאָטש זיי פּאַסן זיך גאָר ניט צו דער זאַך.

ברוך משנה עתים ומחליף את הזמנים! די צײַטן האָבן זיך פאַרענדערט. די וועלט האָט זיך איבערגעקערט, און עס איז שוין אומעטום דאָ אַזוינע ציבעלעס, וואָס האָבן זיך אַמאָל קיין נאָז ניט געקאָנט אָפּווישן, הײַנט רײַטן זיי אויף אַן אײדע ייִדן“.

די געשיכטע וועגן צאָדעק ציבעלע איז, ווי מיר זעען, אַ טיפּישע לעבנס־געשיכטע פון מענדעלעס „קליינע מענטשעלעך“. דער וועג, מיט וועלכן דאָס „פאַרכמאַרעט, פאַרדאַרט ייִדל“ מיטן נאָמען צאָדעק ציבעלע איז געגאַנגען צו ווערן אַ „שטאָט־מענטש“ רעב צאָדעק ציבעלמאַן, וואָס פאַרמאָגט שוין „אַ בויך מיט אַ וואָרגע“, איז אומגעפער דער זעלבער, וואָס עס מאַכן דורך די פּאָר־שטייער פון דער „קנופּיע“ אין מענדעלעס ווערק. בערנשטיין וויל אויך דערמיט זײַן געטרײַ דעם מוסטער פון מענדעלעס ווערק, וואָס ער נעמט זיך אונטער צו שילדערן ניט איינעם אַ פּאָדלאָוויצער „שטאָט־מענטש“, צאָדעק ציבעלע, נאָר די גאַנצע „קנופּיע“, וואָס קלײַבט זיך אויף אַרום אים. אַלס איינעם פון אָט דער קנופּיע פירט אַרויס בערנשטיין אַ געוויסן פּאַרשוין מיטן נאָמען פײַטל קאָפּ.

פײַטל קאָפּ געהערט אויך צו די פּאַרשוינען, וואָס „רײַטן אויף אַן אײדע ייִדן“. בערנשטיין דערציילט: „פאַר פײַטלען האָט מען מוירע געהאַט ווי פאַר אַ ווילדע כײַע. מע האָט געוווּסט, ער קאָן זיך אָפּרײַסן און יענעם אויסמישן מיט דער בלאָטע אומזיסט און אומנישט. מע האָט געוווּסט, אַז ער קאָן געבן אַ ביס היִנטנאַרום, ווי אַ הונט. מע האָט געוווּסט, אַז פײַטל קאָן שיסן דורך אַ מעסירעליע צו דורך דעם רעבן“.

צווישן פײַטל קאָפּ און צאָדעק ציבעלע הערשט, נאַטירלעך, אַ פולשטענדיקע אַכדעס. אַפילו אויף דער עלטער, ווען פײַטל איז אויסגעוועפּט געוואָרן און האָט שוין ניט מיט וואָס צו בײַסן, — אַפילו דעמלט ווייסט צאָדעק ציבעלע, אַז ער טאָר ניט אײַנרײַסן מיט פײַטלען.

„...צאָדעק ציבעלע, זאָל לעבן, פאַרגעסט ניט זײַן גוטן־ברודער און פּרי־טאָר נאָר ניט אײַנרײַסן מיט פײַטלען.

„...צאָדעק ציבעלע, זאָל לעבן, פאַרגעסט ניט זײַן גוטן־ברודער און פּרי־גלאַשעט אים צו צײַטן צו זיך, אַז ער דאַרף אַמאָל אַן אייצע האַלטן זיך וועגן שטאָט־זאַכן. ער שענקט אים — עס זאָל ניט אויסגערעדט זײַן — אַמאָל אַ גילדן צוויי, דרײַ, ער זאָל ניט אויסזאָגן פונעם כיידער פון אַמאָל. ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז נאָך זײַן פּטירע וועט ער גיין פאַר זײַן מיטע און וועט שרײַען

דק לפניו יהלך", ער וועט אים אויך א שיינע מאַציווע שטעלן מיט א שיינעם
ל, הייַנע: „פה נטמן איש תם וישר, ר' פײַטל זצ"ל", נאָר ביטנײַ ער זאָל
ניט מיסוואַדע זײַן פאַרט טויט".

2

א וויכטיק אָרט אין דער שילדערונג פון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ פאַרנעמט
א בערנשטיינס די פאַרצייכענונג „וויבאָרעס"[1]. ווי אלע שרײַבער פון מענדעלעס
יכטונג", איז אויך בערנשטיין אויסן צו באַווײַזן, אַז די וואַלן, וואָס ווערן
ראַקטיקירט אין דעם קאָהאָל-שטייגער, זײַנען ניט מער ווי א פיקציע. אין בערנ-
שטיינס פאַרצייכענונג טרעפן מיר א כאַראַקטעריסטישן דיאַלאָג צווישן צוויי פּאָד-
אָוויצער פאַרשוינען: טרײַטל בעזעם און בערל יאַקנעהאָז. בערל יאַקנעהאָז וויל
סן, אין וואָס באַשטייט דער איניען „וויבאָרעס", ער וויל פאַרשטיין, וואָס טוט
ען עס דערבײַ מיט די „גאַלקעס".

„— שויטע, — זאָגט טרײַטל מיט א בייזער, — ביסט דאָך עפּעס פּאָשעט לוי
ליינו א פאַרשטאָפּטער קאָפּ, דו ווייסט, וויאַזוי מע קלײַבט אויס א ראָוו, א
אַלטאַקסע, א ראַטמאַן, א אָצענשטשיק, א כאָדאַטײַ אוכעדוימע. נו, וואַרפן זיי
אַלקעס, און ווער עס וואַרפט מער — דער איז זוכע בעגוידל.

— יאָ, — זאָגט יאַקנעהאָז, — אָבער די גאַלקע אַליין וואָס איז אַזוינס?"
דעם ריכטיקן ענטפער אָפּ זײַן פראַגע באַקומט יאַקנעהאָז ערשט שפּעטער,
ען עס זאַמלט זיך אויף דער גאַנצער אוילעם, וואָס דאַרף זיך באַטײליקן
ן די וואַלן, און אַלע גיבן זיך א לאָז צו געצלען אין ווײַנשענק אַרײַן.

„— הא, — זאָגט יאַקנעהאָז, ווײנענדיק. — אַצינד פאַרשטיי איך, וואָס הייסט
אַלקעס. גאַלקעס הייסט אַפּאָנעם פּראָסטע א קויסע ...נו, אַזוינע גאַלקעס בין
ך אויך א באַלן צו וואַרפן"...

און דאָס איז דער מוסערהאַסקל פון דער גאַנצער פאַרצייכענונג: די „ווי-
באָרעס" — דאָס איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל, א שפּיל. „גאַלקעס" הייסט אָפּ
ער פּאָדלאָוויצער שפּראַך „פּראָסטע א קויסע", און יעדער פּאָדלאָוויצער אײַנ-
וואוינער קאָן מיט רעכט זאָגן: „אַזוינע גאַלקעס בין איך אויך א באַלן צו וואַרפן"...

צווישן די פאַרשוינען, וואָס זײַנען אַרויסגעפירט אין בערנשטיינס פאַרצייכע-
נונג, זײַנען ניט אַלע אַזעלכע „ווײנענדיקע" בריעס ווי בערל יאַקנעהאָז. פאַראַן
אַ אַנדערע, וואָס מאַכן פון זיך ניט אַזעלכע נעבעכלעך. אָט לייענען מיר אין
בערנשטיינס באַשרײַבונג פון דעם מאָמענט ערעוו די וואַלן:

„אין דרויסן שטייען א גאַנצע כעוורע באַלמעלאָכעס, אַלע שרײַען, אַלע
יידן, מע גאָנערט ווי די גענדז, און מע הערט ניט א וואָרט. פּלוצעם לויפט
אַרויס פון דער כעוורע א געזונטער יונגאַטש צאָדעק יאָצרעס און לויפט צו גלײַך
צו רעב טרײַטלען און זאָגט אין דער גיך:

— פאַרשטייט איר, רעב טרײַטל! נאָר מיט קאָפּ! איך בין דאָך איך! און
איך ווער אין קאַס — בין איך דאָך טאַקע אין קאַס. מיילע, קאָלוזמאַנ איך

[1] „קול מבשר", 1871, נומ. 49.



שווײַג — שווײַג איך, אָבער אַז איך וועל אָנהייבן שרײַען, וועל איך דאָך טאַקע
שרײַען, אַז מע וועט זיך צונויפלויפן מאַרבע פּינות בית דין. די מײַסע דערפון
איז אַזוי. דער מענטש איז נאָר א בשר ודג, א פּראָסטער מעבר יבוק, הײַנט איז
ער דאָ ומחר ויברח, און סאָרע נעם צו די פיש... אָבער גלאַט פּיפּופא איז וידבר...
עס איז א מעלאָכע צו מאַכן שטוקעס-פּוקעס? קומט מיך ווערגן — איך וויל אים
ניט! לאָז ער זײַן, מעכילע, א ראָוו אין יערושאָלאַיִם, אין ערעץ-יִסראָעל, אין
בראָד אַפילע — ניט באַ אונדז. איך וויל אויך א דייע! איטלעכער הונט אָפּ זײַן
מיסט, איך וויל ניט בעשומויפן אַזאַ ראָוו"...

ווי די איבעריקע שרײַבער פון מענדעלעס „ריכטונג", אַזוי קאָן אויך בערנ-
שטיין ניט פאַרזען דעם פאַקט, אַז וואָס א טאָג פאַרשטאַרקט זיך אין דער פּאָלקס-
מאַסע דער אומצופרידנקייט צו די קאָהאָלשע מאַכטהאָבער, ער לאָזט אַפילע זײַן העלד
צאָדעק יאָצרעס אויסרופן מיט גרויס זיכערקײַט: „עס איז ניט העפקער א וועלט...
אַלע כאַיאָטימלעך, פאַרשטייט איר, וועלן האַלטן מיט מיר"... דער אַווטאָר אַליין
אָבער איז קלאָר ניט אַזוי אָפּטימיסטיש ווי זײַן העלד. ער האַלט, אַז די שטאָט
פּאָדלאָוויץ איז אַזוי דורכ און דורכ פאַרפּעסטעט און פאַרדאָרבן, אַז דאָ מוזן
געשטרויכלט ווערן אי דער „געזונטער יונגאַטש צאָדעק יאָצרעס" אי „אַלע כאַ-
יאָטימלעך", וואָס גײַנען גרייט אים צו שטיצן. דער סאָף פון בערנשטיינס פאַר-
צייכענונג איז טאַקע דאָס אויסן צו באַווײַזן. די קאַנדידאַטן פון די „וויבאָרעס"
האָבן אונטערגעשיקט דעם שאַמעס יאָסל וואַרנעטשקע, ער זאָל רופן דעם אוילעם
צו געצלען אין ווײַנשענק; די גאַנצע אופגערודערטע מאַכנע מיט צאָדעק יאָצרעס
אין דער שפּיץ גיט זיך א לאָז אַהין, אין ווײַנשענק אַרײַן, און ווײַטער מעג מען
שוין זײַן זיכער, אַז אַלץ וועט גיין ניט לויט דעם פאַרלאַנג פון דעם „געזונטן
יונגאַטש צאָדעק יאָצרעס", נאָר לויט דעם פאַרלאַנג פון דעם פּאָדלאָוויצער גוויר —
צאָדעק ציבעלע.

זײַן אַטאַקע קעגן די פּאָדלאָוויצער גווירים פירט בערנשטיין גאַנץ
סיסטעמאַטיש. ער טוט עס ניט בלויז אין זײַנע פאַרצייכענונגען, נאָר אויך אין
אייניקע לידער. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם זינען די גרעסערע ליד
„דער כאָלעם", וואָס איז געבויט ווי א מין באַשרײַבונג פון „יענער וועלט".
בערנשטיין באַגעגנט זיך אָפּ „יענער וועלט" מיט די „פּניי", ער זעט, ווי מע
„צערעכנט" זיך דאָרטן מיט זיי פאַר די „טויוועס", וואָס זיי האָבן געטאָן דער
שטאָט.

דאָרט זיצן באַהאַנגענע
אין פײַערדיקע שלאַנגען
אשירים, פאַרבראָטן, פאַרברענט,
און שיטן אין קענדלעך
פאַרבלוטיקטע רענדלעך
פון גזילע, רעציכע, פּראָצענט.
עס ווערט א בעהאָלע,
די מאַלאַכיי-כאַבאָלע
קומען מיט געפּילדער, געשריי
און כאַפּן די גווירים,

**די שיינע אשירים**

**און רײַסן שטיקער פֿון זיי[1].**

די ליד „דער כאָלעם", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין יאָר 1872, האָט באַוויזן, אַז בערנשטיינס אָפּאָזיציע קעגן די „שיינע אשירים" באַקומט א גאַנץ באַשטימטן סאָציאַלן אינהאַלט [2]. אַרײַנלייגן אָט דעם סאָציאַלן אינהאַלט אין דער ווײַטערדיקער שילדערונג פֿון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ האָט געהייסן אַנטבלויזן די סאָציאַלע קאָנטראַסטן אין דער דאָזיקער שטאָט, אויפֿדעקן דעם סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם צווישן די „נעגידים, באַלעבאַטים און קאַפּצאָנים", אַף וועלכע עס טיילט זיך, לויט בערנשטיינען, פּאָדלאָוויצער באַפֿעלקערונג.

מיט דעם וועג איז, ווי באַוווּסט, געגאַנגען מענדעלע, בײַס ער האָט אין דער „טאַקסע" געשילדערט די שטאָט גלופּסק. מענדעלע איז דערבײַ געקומען צו דער שילדערונג פֿון דעם שאַרפֿן סאָציאַלן קאָנפֿליקט צווישן די שטאָט-באַלעטוי-וועס און דער גלופּסקער אָרעמשאַפֿט, און אין דער שילדערונג פֿון אָט דעם קאָנפֿליקט האָט מענדעלע טאַקע ביז גאָר בולעט דעמאָנסטרירט זײַנע פֿעסטע, אָרגאַנישע פֿאַרבינדונגען מיט דער האַמוינישער-האָרעפּאַשנער סוויווע.

בערנשטיין האָט קיין פֿעסטע פֿאַרבינדונגען מיט דער דאָזיקער סוויווע ניט געהאַט. אַנטשליסן זיך אַף אַן ערנסטן קאָנפֿליקט מיט די פּאָרשטייער פֿון די הערשנדיקע סאָציאַלע גרופּן האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט, און דאָס האָט זיך גלײַך געלאָזט דערקענען אין דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון דער פּאָדלאָוויץ-שילדערונג.

3

אין יאָר 1872 מאַכט בערנשטיין א נײַעם פּרווו צו שילדערן די שטאָט פּאָדלאָוויץ. ער באַנוגנט זיך ניט דאָס מאָל מיט דער קורצער פֿאַרצייכענונג, וואָס גיט זיך אָפּ בלויז מיט אַן איינצל-עפּיזאָד פֿון פּאָדלאָוויצער לעבן. ער שרײַבט א גרעסערע דערציילונג „א נעקאָמע אינצווייען" („קול מבשר", 1872, נום. 7—18), וואָס האָט פֿאַרמאָסטן זיך צו געבן א ברייטע שילדערונג פֿון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ. אין דער דאָזיקער פֿאַרברייטערטער פּאָדלאָוויץ-שילדערונג באַמערקט זיך אָבער א טענדענץ זיך צו דערווײַטערן פֿון שאַרפֿע, אַקטועל-געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. בערנשטיין ווײַכט דאָ פֿון דער אָרעמשאַפֿט-סוויווע, ער מײַדט אויס צו שילדערן דאָס לעבן פֿון די „קאַפּצאָנים", ווו די סאָציאַלע קאָנטראַסטן נעמען אָן אזא שאַרפֿן אויסדרוק.

אָנשטאָט דעם אינטערעס צו דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פֿון ברייטערע שיכטן קומט די טענדענץ זיך צו באַשעפֿטיקן מיט דער אַזויגערופֿענער „ריינער פּסיכאָלאָגיע". בערנשטיין הייבט אָן צעשמירן די „איבערלעבעכצן" פֿון זײַנע יוגנטלעכע העלדן און פֿאַלט אַרײַן אין פֿלאַכער סענטימענטאַלקײַט און ביליקן מעלאָדראַמאַטיזם. און דאָך האָט די דאָזיקע דערציילונג אויך צוגעגעבן אייניקע וועזנטלעכע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ.

אין צענטער פֿון דער דערציילונג „א נעקאָמע אינצווייען" שטייען געשטאַלטן פֿון דער פּאָדלאָוויצער יוגנט. בערנשטיין וויל דאָ דערווײַזן, אַז דער פּאָדלאָוויצער „יונגער דאָר" אונטערשיידט זיך לאַכלוטן ניט פֿון יענעם „אַלטן דאָר", וועלכער איז פֿאָרגעשטעלט מיט צאָדעק ציבעלע [1].

אינעם קאַפּיטל „די שיינע אסיפֿע" שילדערט בערנשטיין, ווי עס פֿאַרברענגען די צײַט-די פּאָדלאָוויצער שיינע יונגעלײַט.

„אין א פֿאַרוואָרפֿן געסל, וואָס מע רופֿט עס „קאָלבוויניצע", גאָר אָן א זײַט, שטייט א שטיבל גאָר באַזונדער מיט פֿענצטער אַף דער גאַס אַרויס. צווישן די צוויי פֿענצטער איז א טיר, וואָס פֿירט אַרײַן אין א קליין פֿאָרהײַזל, און פֿון דאָרט אין א שטוב, וואָס די ווענט זײַנען אַמאָל געווען מיט שיינעם שפּאַליר איבערגעקלעפּט. די קאַנאַפּע, מיט טונקל-גרינער צעראַטע באַצויגן, שטייט אויבנאָן, פֿאַר דער קאַנאַפּע א קײַלעכדיקער טיש, און אַף אים ליגן עטלעכע טאַליעס קאָרטן. אַף אַן אַנדער טישל שטייט א גרויסע פֿלאַש בראַנפֿן צווישן א סאַך איער-שאָלעכץ, און אין שטוב דרייען זיך אַרום עטלעכע פּערזאָן, טייל מיט היטלען, טייל אָן היטלען, טייל מיט סורדוטן, טייל אָן די קאַמזוילן אויך. מע טרינקט, מע שמועסט, מע לאַכט און מע שעלט זיך, מע זידלט זיך אַף קאַטאָוועס. איינער דעם אַנדערן דערציילט, מיט וואָס ער האָט די יאָרן פֿאַרבראַכט. יעדער באַרימט זיך מיט אַן אַנדער אַנטיק".

דאָס „פֿאַרוואָרפֿן געסל", וואָס מע רופֿט עס „קאָלבוויניצע", איז ניט קיין נעבן-דעטאַל אין בערנשטיינס שילדערונג פֿון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ. פֿון דעם געסל „קאָלבוויניצע" ציִען זיך פֿעדעם צו אַלע איבעריקע גאַסן פֿון דער שטאָט פּאָדלאָוויץ, דאָ גייען דורך זייער „שול" די יונגע מענטשן, וואָס וועלן איינגיכן פֿאַרנעמען אין דער שטאָט פּאָדלאָוויץ גאָר א געהויבן אָרט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער שרײַבט בערנשטיין אָן א גרעסערע דערציילונג „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך", ווו ער גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער שיל-

---

1 „קול מבשר", 1872, נום. 19.

2 ס'איז קעדײַ צו פֿאַרצייכענען, אַז אין דער ליד „דער כאָלעם" באַגעגענען מיר זיך ווידער מיט דער געשטאַלט פֿון צאָדעק ציבעלע. בערנשטיין דערציילט וועגן דעם גענעם:

דאָרט טאַסקעט מען איינעם
א ייִדן א שיינעם
בא די לאַנגע באָרד און פּייעס,
מע שלאָגט אים אין קאַרק,
און ער מייקעט שטאַרק
מיט גנייוּוישע מאַטבייעס.
עס איז רעב צאָדעק אַליין,
וואָס איז, נעבעך, געווען
בא דער שטאָט א נעמען א צײַט,
ער האָט ניט געקלונגען,
נאָר שטילערהייט געשלונגען,
ביז ער איז געוואָרן א לײַט...

1 צאָדעק ציבעלע פֿיגורירט אין „נעקאָמע אינצווייען" אַלס א קאָרעוו פֿונעם הויפּט-העלד כײַקל. אָבער צווישן דעם יונגן כײַקל און דעם אַלטן צאָדעק ציבעלע איז פֿאַראַן ניט בלויז אַן אויסערלעכע פֿאַמיליען-קרויווּשאַפֿט. בערנשטיין שטרײַכט אונטער, אַז די קרויווּשאַפֿט איז דאָ א סאַך א טיפֿערע, ס'איז די קרויווּשאַפֿט, וואָס איז פֿאַראַן צווישן איין „קליין מענטשעלע" און א צווייטן. און דער יונגער כײַקל האָט שוין ווירקלעך פֿאַרכאַפּט דעם פּאָסטן פֿון א שטאָטישן רעדל-פֿירער, ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט אָפּלעקן א ביינדל בא פֿאַרשיידענע קאָהאָלשע איניאָנים.

דערונג פון דער פאָדלאָוויצער אונטערוועלט[1]. דער סאָציאלער אספעקט פון דער פאָדלאָוויץ-שילדערונג איז דאָ א סאך בוילעטער, קלאָרער. בא דער גאנצער ספּע-ציפישקייט פון דער סוויווע (דער אוטאָר שילדערט א פאָדלאָוויצער „הייזל") טרעפן מיר דאָ ניט קיין בילִיקע „אינטריגע", בערנשטיין יאָגט זיך דאָ ניט נאָך סענסא-ציע. מיר האָבן דאָ בא בערנשטיינען אומגעפער דעם זעלבן צוגאנג ווי בא מענ-דעלען שפּעטער אין דער שילדערונג פון לייוּוי באָכערס „הייזל" אין צווייטן טייל „ווינטשפינגערל". די אונטערוועלט-סוויווע ווערט דאָ פאָרגעשטעלט ווי אן אומ-פארמיידלעכער פּראָדוקט פון די אלגעמיינע פאָדלאָוויצער פארהעלטענישן. די אונ-טערוועלט-דערשיינונגען זיינען דאָ ניט מער ווי „קליינע וועלטעלעך" פון דער „וועלט", וואָס הייסט פאָדלאָוויץ.

די דערציילונג „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" האָט, קענטיק, געזאָלט זיין א ווערק פון א גרעסערן פארנעם. כוץ דעם ערשטן טייל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „יִסראָליק", האָט בערנשטיין געגרייט צום דרוק נאָך א צווייטן טייל. דערוף ווייזט אויסדריקלעך אָן לינעצקי אין זיין בוך „דער סטאטעק", ז. 91. מיר ווייסן ניט, צי דער צווייטער טייל פון דער „וועלט מיט קליינע וועל-טעלעך" איז דערשינען אין דער עפנטלעכקייט, אָבער דער ערשטער טייל, וואָס איז דערגאנגען צו אונדז, כאראקטעריזירט בערנשטיינען אלס איינעם פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך באוווּסטזיניק אָנגעשלאָסן אָן מענדעלעס „ריכטונג", אלס א שרייבער, וואָס האָט אין משך פון א גאנצער ריי יאָרן געהאלטן פאר זיין כיוּוּ פאָרצוזעצן יענע וויכטיקע ארבעט, וועלכע מענדעלע האָט אָנגעהויבן מיט זיין קלאסישער שילדערונג פון דער שטאָט גלופּסק.

## 5. „בריוו פון גאליציען"

1

אין דעם קליינעם ביַנטל שרייבער, וואָס האָבן אקטיוו מיטגעארבעט אין דעם זשורנאל „קול לעם" האָט א גאנץ אָנגעזעענע אָרט פארנומען איינער א מיט-ארבעטער, וואָס האָט זיך באהאלטן אונטערן פּסעוודאָנים: ד״ר ציגענסאָן. ער האָט דאָ פארעפנטלעכט זייער אן אינטערעסאנט ווערק — „בריוו פון גאליציען". ווער עס איז געווען דער ד״ר ציגענסאָן אין דערווירקלעכקייט, איז ניט פעסטגע-שטעלט. לויט איינער א השערה זאָל דאָס זיין י.-י. לערנער, וואָס האָט אין די 60-ער יאָרן אָנגעהויבן זיין טעטיקייט מיט „ניהיליסטישע" ארויסטרעטונגען, אלס א.-א. קאָוונערס מיטקעמפער, און אין די 80-ער יאָרן איז ער ארויסגעטראָטן מיט אן אויסגעשפּראָכענער רעאקציאָנער-נאציאָנאליסטישער אפּאָלאָגעטיק. די השערה, אז ד״ר ציגענסאָן איז איינער פון לערנערס פּסעוודאָנימען, ווען זי זאָל זיך באשטעטיקן, וואָלט זי געוויס צוגעגעבן אייניקע וויכטלעכע שטריכן צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם פּראָגרעסיוון פעריאָד אין לערנערס טעטיקייט. אָבער אזוי לאנג ווי די דערמאָנטע השערה בלייבט ניט מער ווי א השערה, מוזן מיר באהאנדלען די „בריוו פון גאליציען" ווי איינס פון דער גרויסער צאָל אנאָנימע

1 די דערציילונג „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך" האָט זיך געדרוקט אין „יִסראָליק", וואָס לינעצקי מיט גאָלדפאדענען האָבן ארויסגעגעבן אין די יאָרן 1875—1876.



ווערק, מיט וועלכע ס'קומט אונדז אויס האָבן צו טאָן אין דער יִדישער ליטע-ראטור פון די 60-ער און 70-ער יאָרן[1].

ד״ר ציגענסאָן האָט געדרוקט אין „קול לעם" ניט בלויז זיינע „בריוו פון גאליציען". אין משך פונעם יאָר 1879 האָט ער דאָ אויסער דעם פארעפנט-לעכט א גאנצע ריי ארטיקלען און פעליעטאָנען, וואָס האָבן געזאָגט איידעס, אז ד״ר ציגענסאָן איז קלאל ניט קיין זייטיקער מענטש אין דער יִדישער פּרעסע. פון זיינע ארטיקלען אין „קול לעם" קאָן מען זען, אז ער האָט געהאט א היפּשע דערפארונג אין זשורנאליסטישער ארבעט. אין די „בריוו פון גאליציען" לאָזן זיך אויך פילן די זשורנאליסטיש-פעליעטאָניסטישע געוווינהייטן פונעם אוטאָר. אָבער אין אלגעמיין האלט זיך דער אוטאָר באַם מעטאָד פון קינסטלערישער שילדע-רונג, און זיינע „בריוו פון גאליציען" האָבן דאָס פולע רעכט באטראכט צו ווערן אלס איינס פון די אייגנארטיקע קינסטלערישע ווערק פון די 70-ער יאָרן.

די קינסטלערישע אייגנארט פון ד״ר ציגענסאָנס ווערק ווייזט זיך ארויס פרי-ער פאר אלץ אין דעם, וואָס דאָ איז גאָר אפּ א נייעם אויפן אויסגענוצט גע-וואָרן דער בריוו-זשאנר. דער איינציקער שרייבער, וואָס האָט ביז דעמלט גע-פּרווט איינפלאנצן דעם בריוו-זשאנר אין דער יִדישער ליטעראטור, איז געווען יוסף פערל. זיין „מגלה טמירין", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1819 אפּ הע-ברעיִש און איז געווען באקאנט אין די ליטעראַרישע קרייזן אויך אין א יִדישער ווערסיע, האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אפּ אייניקע שרייבער, וואָס האָבן זייערע ווערק געווידמעט דעם קאמף קעגן כאסידיזם. ניט פריי פון פערלס ווירקונג איז ערטערווייז אויך ד״ר ציגענסאָן, דער אוטאָר פון די „בריוו פון גאליציען". ס'איז אָבער גענוג איבערצולייענען עטלעכע „בריוו" פון ציגענסאָנס ווערק, קעדיי צו באמערקן, אז דער בריוו-זשאנר איז דאָ אויסגענוצט געוואָרן גאָר אפּ אן אנדער אויפן ווי בא יוסף פערל.

די גרונט-אייגנשאפט פון ד״ר ציגענסאָנס בריוו-זשאנר באשטייט דערין, וואָס אין צענטער פון די בריוו ווערט דאָ אוועקגעשטעלט איין געשטאלט, ארום וועל-כער עס ווערן גרופּירט אלע שטייגער-דערשיינונגען. אלץ, וואָס עס פאסירט אין די „בריוו פון גאליציען", האָט א דירעקטע שייכות צו דער צענטראלער פיגור, וואָס רופט זיך אָן „האקאָטן כאים בען ייִצכאָק מארגאָליס". דערפאר זעען מיר, ווי פון בריוו צו בריוו באקומט די דאָזיקע געשטאלט אלץ מער בוילעטקייט, זי וואקסט אויס אין א טיפּישער פיגור, וואָס ווערט ניט פארזונקען אין דער עטנאָ-גראפיש-טרוקענער באשרייבונג, און הייבט זיך טיילמאָל אופּ צו א קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג.

1 דער נאָמען ציגענסאָן ווערט דערמאָנט אין לינעצקיס בוך „דער סטאטעק". מיר לייענען דאָרט (ז. 91):

„איך שריי אבינו מלכנו, און איר, זשארגאָניסטן, שלאָפט; שלאָפסט, אבראמאָוויטש, שלשום בר יענטע, גאָלדפאדען, דיק, צעדערבוים, גאָטלאָבער, ענגעלשטיין, ד״ר ציגענסאָן; איר שלאָפט!... גוואלד, ווארפט אוועק אייער ארבעט אומגעקאָנטשעט: ווארפ אוועק, שלשום בר יענטע, דיין צוויי-טע טייל „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך", ווארפ אוועק, גאָלדפאדען, דיין פידעלע מיט די באָטנ, און דו, ציגענסאָן, הער אופּ צו דולן א קאָפּ מיטן טיפּאָגראף וועגן דיין נייער נאָוועלע! ווארפט אוועק אלעס אינמיטן, און לאָמיר איינלייגן די וועלט!"

אין לינעצקיס „יִסראָליק" האָט ד״ר ציגענסאָן אָפּגעדרוקט א ריי פעליעטאָנען — „בריוו פון רוסישן שטאָקהאָלם".

די „בריװ פֿון גאַליציען" זײַנען געגעבן װי די טרויעריקע געשיכטע פֿון כאַיִם בען יִצחָק מאַרגאָליסעס װאַנדערנישן איבער דעם „קירע-לאַנד". דערבײַ דערלויבט זיך דער אויטאָר גאַנץ אָפֿט צו מאַכן ברייטערע אָפּװײַכונגען. ער נעמט זיך צו באַשרײַבן דעם פֿאַנאַטישן שטייגער פֿון די „קירישע" ייִדן, אָבער גראָד פֿון די דאָזיקע שטייגער-באַשרײַבונגען — באַזונדערס אין צװייטן טייל פֿונעם װערק — װערט קלאָר, אַז ציגענסאָן באַטראַכט ניט דעם פֿאַנאַטיזם אַלס איינציקע סיבע פֿון דער אומנאָרמאַלער לאַגע, אין װעלכער עס געפֿינט זיך זײַן העלד. דער אויטאָר פֿון די „בריװ פֿון גאַליציען" זעט די סיבע פֿון אָט דער אומנאָרמאַלער לאַגע אַ סאַך טיפֿער. ער װענדט זײַן אויפֿמערקזאַמקײַט אָפּ די אַלגעמיינע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן, װאָס הערשן אין דער ייִדישער סוויווע. דער אַנטיכסידישער מאָטיװ איז אין די „בריװ פֿון גאַליציען" בלויז אַ פֿאַרבײַגייענדיקער מאָטיװ, פּונקט אַזוי װי יוסעף פּערלס װירקונג אָפּ ציגענסאָנען איז בלויז אַ פֿאַרבײַגייענדיקע. אין ציגענסאָנס װערק זײַנען פֿאַראַן קענטיקע סימאָנים פֿון אַן אַנדערער, אַ מער טיפֿער און אָרגאַנישער װירקונג, װאָס האָט געלייגט איר שטעמפּל אָפּ דעם װערק — דאָס איז די װירקונג פֿון מענדעלע מויכער-ספֿאָרים.

מענדעלעס װירקונג לאָזט זיך דערקאָנען אין דער גאַנצער סטרוקטור פֿון ציגענסאָנס װערק. פֿון בריװ צו בריװ אַנטװיקלט זיך פֿאַרן לייענער די געשיכטע פֿון כאַיִם בען יִצחָק מאַרגאָליס, װאָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דער „היים". דער העלד װאַנדערט, ער באַזוכט אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט, און דער אויטאָר נוצט אויס די דאָזיקע װאַנדערנישן, כּדי צו געבן ברייטערע שילדערונגען פֿון דעם פֿאַרצײַטיקן ייִדישן לעבנשטייגער. שוין פֿון די ערשטע בריװ װערט קלאָר, אַז די רײַזע-באַשרײַבונג װערט געפֿירט לויט אַ באַשטימטן מוסטער — לויט מענדעלעס „מאַסאָעס בינימין השלישי". דאָס געמיינזאַמע צװישן די דאָזיקע צװיי װערק באַשטייט דערין, װאָס אין בײדע פֿאַלן סימבאָליזירט דאָס אַנטלויפֿן פֿון דער „היים" די אומדערטרעגלעכקײַט פֿון דעם טונעיאַדעװקער לעבן, פֿון װעלכן מע איז גרייט צו לויפֿן, װוּהין די אויגן טראָגן.

די זעלבע מענדעלישע אויפֿפֿאַסונג זעען מיר אויך אין דער עצם שילדערונג פֿון דעם הויפּט-העלד אין די „בריװ פֿון גאַליציען". ציגענסאָנס העלד, מאַרגאָליס, איז פּונקט אַזאַ מאַכטלאָזיקע בריִע, װי בינימין דער דריטער. ער איז פֿול מיט שרעק פֿאַר דעם אַרומיקן רעאַלן לעבן, זײַן האַלטונג בענעגײַע דעם װײַב זײַנעם, זײַן אויפֿפֿירונג בײַס דער באַגעגעניש מיט דעם גאַליציאַנער פּאָליציימאַן אָדער בײַס דער קאָזאַק האָט אים אַריבערגעטראָגן אָפּ דער פּלייצע איבער דעם טײַך זברוטש איז דורכויס אויסגעהאַלטן אין גײַסט פֿון מענדעלעס „מאַסאָעס". באַזונדערס געטרײַ דער מענדעלישער אויפֿפֿאַסונג װיל ציגענסאָן זײַן אין דעם שילדערן די פֿאַרגלייבטקײַט אין פֿאַנטאַזיעס און כימערעס, מיט װעלכער עס צייכנט זיך אויס זײַן העלד.

„דו װייסט, אַז איך בין אַ שטיקל באַלדימיען" — זאָגט װעגן זיך ציגענסאָנס העלד. ציגענסאָן באַטאָנט אָט די כאַראַקטעריסטיק פֿון זײַן העלד זייער אָפֿט. װי אַ געטרײַער תּלמיד פֿון מענדעלען, האַלט ער פֿאַר נייטיק ביטער אויסצולאַכן דעם דאָזיקן „באַלדימיען" און נוצט אויס יעטװידע געלעגנהײַט, כּדי װידער און װידער צו דערמאָנען, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן שטריך, װאָס איז אייגנטימלעך דעם גאַנצן שיכט, פֿונװאַנען עס קומען די בינימינס און די מאַרגאָליסעס.



## 2

זײַענדיק אַזוי שטאַרק באַװירקט פֿון מענדעלען, האָט ציגענסאָן דאָך פֿאַרטראַכט זײַן העלד װי אַ קינסטלערישע געשטאַלט, װאָס האָט געזאָלט גאָר װעזנטלעך זיך אונטערשיידן פֿון מענדעלעס בינימין דעם דריטן. די לאָגיק פֿון בינימינס גאַנצער „רײַזע" איז אַזאַ, אַז זי װעט פֿריִער-שפּעטער אים ברענגען צוריק קיין טונעיאַדעװקע. דער מאָסקװער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט דעריבער געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו געבן אַלס פֿינאַל פֿון בינימינס װאַנדערנישן זײַן אַנקום צוריק קיין טונעיאַדעװקע. פֿאַר ציגענסאָנס העלד איז אַזאַ פֿינאַל אויסגעשלאָסן. װי שװער עס זײַנען ניט די מאַפּאָלעס, װאָס ציגענסאָנס העלד האָט אויסצושטיין אין זײַנע װאַנדערנישן, — װעגן אומקערן זיך אַהיים הייבט ער אָפּילע ניט אָן צו טראַכטן. און די „בריװ פֿון גאַליציען" ענדיקן זיך טאַקע מיט דער מודעה פֿון דער אַגונע דוואָסיע באַס רעב טרײַטל, װאָס גיט צו װיסן, אַז ס'איז שוין פֿאַרבײַ „צען יאָר, װי מײַן מאַן האָט מיר אָפּגעשיקט אַ געט פֿון גאַליציע און איז אַװעקגעפֿאָרן אין װײַטע מדינעס". מיר דערװיסן זיך אַזױאַרום, אַז די װאַנדערנישן פֿון כאַיִם בען יִצחָק מאַרגאָליס האָבן אים פֿאַרפֿירט נאָך װײַטער פֿון גאַליציע, ער איז פֿאַרפֿאָרן אַפֿילו אין די „װײַטע מדינעס", און „אַהיים" װעט ער, קאָנטיק, קיינמאָל זיך ניט אומקערן.

צי איז דער דאָזיקער פֿינאַל פֿון ציגענסאָנס װערק באַרעכטיקט? געװיס יאָ. דער אונטערשייד אין דעם פֿינאַל, װאָס עס האָבן די װאַנדערנישן באַ מענדעלעס און ציגענסאָנס העלדן, נעמט זיך דערפֿון, װאָס אויך די װאַנדערנישן גופֿע טראָגן באַ די דאָזיקע צװיי העלדן אַ גאַנץ פֿאַרשיידענעם כאַראַקטער. װי פֿאַנטאַסטיש עס זײַנען ניט די אײַנפֿאַלן פֿון ציגענסאָנס העלד, איז אים דאָך קיינמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן אין זײַן רײַזע צו זוכן די „רויטע ייִדעלעך". ציגענסאָנס העלד זוכט בלויז איינס: „אַ פּאַרדינסטל". שוין אינעם סאַמע אָנהייב פֿונעם װערק, אינעם דריטן בריװ, הייבט אָן דער אויטאָר שילדערן זײַן העלדס „פּאַרדינסטל".

„אָט האָט זיך מיר יענע װאָך גראָדע געמאַכט, האָב איך געהאַט אַ גאַנץ שיין פּאַרדינסטל, — שרײַבט ציגענסאָנס העלד, — איך זע אַרויס באַשײַמפּערלעך, אַז מײַן גליק האָט זיך מיר פֿאַרבעסערט"...

די באַשרײַבונג פֿונעם „פּאַרדינסטל" שאַפֿט דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פֿונעם בריװ. דאָס „פּאַרדינסטל" באַשטימט דעם גאַנצן געמיט-צושטאַנד פֿון ציגענסאָנס העלד.

„אָט אַזוי האָב איך אומגעריכט פּאַרדינט אַ רייניש מיט עטלעכע גרייצער, — שרײַבט ציגענסאָנס העלד אין זעלבן דריטן בריװ. — נו, קענסטו שוין פֿאַרשטיין, װי גליקלעך איך שעץ מיר דאָ? װײַטער האָב איך דיר דערװײַל ניט װאָס צו שרײַבן"...

אין די װײַטערדיקע בריװ װערט די געשיכטע פֿון די „פּאַרדינסטלעך" אַלץ מער און מער אַנטװיקלט.

„מײַן מײַמעד האָט זיך מיר, גאָט זײַ דאַנק, אָנגעהויבן פֿיל צו פֿאַרבעסערן, — שרײַבט מאַרגאָליס אין פֿערטן בריװ. — דער פּאָליאַק איז מיר אָפּ דער האַנט גוט געװעזן. איך האָב ערשט גאַנץ שיין זיך פּאָפּראַװעט, איך האָב שוין געקויפֿט אַן אַלטע קירישע קיטאַיענע זשופּעצע, אַזוי אַז ס'איז שוין שװער צו דערקענען מיך".

יאָגנדיק זיך נאָך א „פאַרדינסטל“, ווײַזט ציגענסאָנס העלד אַף שריט און טריט אַרויס זײַן אומפעיִקײט צו טאָן עפּעס א פּראָדוקטיווע אַרבעט, ער איז א לופט-מענטש, און אַלע זײַנע „געשעפטן“ הייבן זיך אָן מיט דער אילוזיע, אַז „מײַן גליק האָט זיך מיר פאַרבעסערט“, און ענדיקן זיך מיט דער ביטערסטער מאַפּאָלע. די ערשטע מאַפּאָלע פון אונדזער העלד ווערט באַשריבן שוין אינעם פינפטן בריוו.

„ליבער פרײַנט! — שרײַבט מאַרגאָליס, — איך האָב זיך אַף דײַן בריוו דאָ ניט דערוואַרט. איך בין אַוועק פון דער שטאָט, וואָס איך האָב דיר ביז אַהער בריוו געשריבן, גאַנץ אומגעריכט. איך דאַנק נאָר גאָט, וואָס איך בין מיט מײַן לעבן גאַנץ אַרויס“...

די זעלבע טײַנע, אַז אַלץ איז געשען „גאַנץ אומגעריכט“, וועלן מיר נאָכדעם הערן פון כאַיִם בען יִצכאָק מאַרגאָליסן גאַנץ אָפט. פּונקט אַזוי, ווי עס קומט „גאַנץ אומגעריכט“ די מאַפּאָלע, קומט ווידער אויך „גאַנץ אומגעריכט“ — די נײַע אילוזיע, אַז „מײַן גליק האָט זיך מיר פאַרבעסערט“.

אַלס בולטע אילוסטראַציע דערצו קאָנען דינען דער זעקסטער און זיבעטער בריוו. כאַיִם בען יִצכאָק מאַרגאָליס פאַרגעסט זייער גיך וועגן דער מאַפּאָלע, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאַט, ער ווערט פול מיט היספּײַלעס פון זײַן לעבן אין דער שטאָט קיִיִץ, ווו ער האָט געטראָפן דעם נאָגיד רעב שלוימעלען. פון איצט אָן זײַנען שוין אַלע אילוזיעס זײַנע פאַרבונדן מיט אָט דעם רעב שלוימעלען.

„מיר איז דאָ בא אים גוט ווי די וועלט“, — שרײַבט אין זעקסטן בריוו ציגענסאָנס העלד וועגן זײַן לעבן בא רעב שלוימעלען. אָבער גאָר איִנגיכן קומט די ביטערע אַנטוישונג. אַזוי לייענען מיר שוין אין זיבעטן בריוו:

„דו ווייסט, אַז איך בין א שטיקל באַלדימיען, האָב איך מיר שטענדיק פאָרגעשטעלט, אַז די מענטשן, וואָס דינען בא א נאָגיד, דאַרפן אויך זײַן נעגידים... צום סאָף לאָזט זיך אויס, לעבן זיי גאָר, די מענטשן, וואָס זיי אַרבעטן אַזוי שטאַרק, נאָה אין דאַכקעס“...

אַלס לאָגישער אויספיר פון דעם אַלעמען קומט אין זעלבן בריוו א גאַנץ קאַטעגאָרישער זאַץ:

„ראַט איך דיר ניט, דו זאָלסט אַהער קומען צו אים א שטעלע בעטן — קיין גליק שטייט דיר אין דעם ניט פאָר“...

מיר האָבן דאָ זייער א כאַראַקטעריסטישן מאָמענט, ווען ציגענסאָנס העלד הייבט אָן זיך אויסניכטערן פון זײַנע „דימיוינעס“ און איז גרייט מיט ניכטערע אויגן א קוק צו טאָן אַף דער אַרומיקער ווירקלעכקײַט. אָבער דאָס דויערט ניט מער ווי א ווײַלע. וואָרעם באַלד דערוועקט זיך אין אים ווידער די נאַטור פון א „באַלדימיען“, ווידער פאַרגלייבט ער זיך אין פאַנטאַסטישע פּלענער און מיט אײַן בריוו ווײַטער (אין נײַנטן בריוו) שרײַבט ער צום פרײַנט:

„ווי עס זעט אויס, אַז גאָט וועט העלפן, וועסטו איִנגיכסטן דאָ זײַן, דען איצט מאַכט זיך דאָ א נײַע זאַך“...

דער גאַנצער נײַנטער בריוו איז געווידמעט אָט דער „נײַער זאַך“. די פאַנטאַזיע פון ציגענסאָנס העלד צעשפּילט זיך; פון זײַן פריִערדיקער ניכטערער איבערצײַגונג, אַז „קיין גליק שטייט דיר אין דעם ניט פאָר“, איז ניט פאַרבליבן



קיין שפור, און מיט ווידער אויפגעוואַכטן אימפּעט שרײַבט ציגענסאָנס העלד צו זײַן פרײַנט:

„מיר וועלן האָבן פּאַרנאָסע בערעווען, אַז גאָט און לײַט וועלן אונדז מעגן זײַן, אין דעם מעגסטו זיכער זײַן“.

אין ווײַטערדיקן, צענטן, בריוו צעשפּילט זיך מאַרגאָליסעס פאַנטאַזיע נאָך שטאַרקער.

„איצט קאָן איך דיר שרײַבן א נײַס, וואָס דו וועסט זיך גאָר דערקוויקן, — שרײַבט ער צו זײַן פרײַנט. — איצט מעגסטו שוין פאַר געוויס אַהער קומען“...

אָבער ווידער לאָזט זיך דאָס אויס ניט מער ווי מיט א שווערער מאַפּאָלע. פון די אַלע „נײַס“, מיט וועלכע מע האָט געזאָלט זיך „גאָר דערקוויקן“, האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך. די כאַלוימעס וועגן „פּאַרנאָסע בערעווען“ זײַנען געוואָרן צו נישט. דער עלפטער בריוו באַשרײַבט געניי, ווי דער „בראָך“ איז געשען. דער צוועלפטער בריוו באַווײַזט שוין די טרויעריקע רעזולטאַטן פון דעם בראָך, וואָס איז אָקאָרשט געשען.

„איצט איז פאַר מיר מערער ניט געבליבן, — שרײַבט מאַרגאָליס, — נאָר איך זאָל פאַר זיך זאָרגן, אַז איך זאָל פונדאַנען קאָנען אַוועק“...

עס האַנדלט זיך אָבער קלאָל ניט וועגן אומקערן זיך אַהיים. פאַרקערט, אין דער סאַמע שווערער מינוט פונעם „בראָך“ פאַרגעסט ניט ציגענסאָנס העלד אַרויסצושיקן זײַן ווײַב א געט, ווי א באַווײַז, אַז אַהיים וועט ער זיך ניט אומקערן. אָבער וווּהין ער וועט זיך לאָזן פאָרן — ווייסט ער נאָך אויך ניט. און דערמיט ענדיקט זיך טאַקע מאַרגאָליסעס שלוס-בריוו:

„הײַנט פאָר איך פונדאַנען אַוועק. וווּהין ווייס איך אַליין ניט“...

דער לויפיקער איבערבליק איבער דער געשיכטע פון מאַרגאָליסעס „פאַרדינסטלעך“ באַווײַזט, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם פאָרגייער פון שאָלעם-אַליכעמס מענאַכעם-מענדל. פּונקט ווי שאָלעם-אַליכעם זאָגט עס וועגן מענאַכעם-מענדלס „געשעפטן“, אַזוי וואָלט אויך ד״ר ציגענסאָן מיט רעכט געמעגט זאָגן וועגן זײַן העלדס „פאַרדינסטלעך“:

„הייבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ נישקאָשעדיק, מיט אַזויפיל ביטאָכן און גלענצנדע האָפענונגען, און אויסלאָזן לאָזן זיי זיך אויס, צומיינסטנס, מיט שלים-שלימאַזל“...

די זעלבע כאַראַקטעריסטישע קאָמבינאַציע פון „ביטאָכן“, „גלענצנדע האָפענונגען“ און א „שלים-שלימאַזל“ האָט באַוויזן אין זײַנע „בריוו פון גאַליציען“ דער ד״ר ציגענסאָן. מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט האָט ער נאָכגעשפּירט די ערשטע טריט פון זײַן העלד, דעם „באַלדימיען“, ער האָט געגעבן א רײ בילדער, וואָס שילדערן, ווי אַזוי כאַיִם בען יִצכאָק מאַרגאָליס באַוועגט זיך נאָך אַפן פאָן פון דער פעאָדאַל-מיטלאַלטערלעכער סוויווע, ווי ער כאַזערט דערבײַ איבער די האַנדלונגען פון מענדעלעס ביניאָמין האַשלישי. אָבער בא אָט דעם אָנהייב פון דעם „באַלדימיענס“ וועג האָט ד״ר ציגענסאָן זיך ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט געמאַכט א פּרווו אַרײַנצופירן זײַן העלד נאָך אין אַן אַנדער סוויווע, ווו עס הערשן שוין נײַע, קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן.

„איך אַליין, — דערציילט ציגענסאָנס העלד, — האָב אויך געמיינט, אַז איך בין אַהער געקומען, אַז ווער ווייסט וויִאַזוי די מענטשן זײַנען גליקלעך, וואָס

זיי געפינען זיך בא א געשעפט, נאָר אז איך האָב דאָ געהאט דאָס געלעגנהייט זיך גוט צוקוקן, האָב איך געזען, אז עס איז ניט אזוי, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט".

אָט די ערשטע באגעגעניש מיט דער וועלט פון „געשעפט", דער ערשטער צוזאמענשטויס מיט דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקייט, — דאָס באשטימט דאָס נייע, וואָס טיילט אָפּ ציגענסאָנס העלד פון מענדעלעס ביניאָמין דעם דריטן. אָבער גראָד דאָס מאכט ציגענסאָנס העלד פאר דעם עמעסן פאָרגייער פון שאָלעם-אלייכעמס מענאכעם-מענדל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די קלאסישע פארקערפערונג פון א קאסרילעווקער „באלדימיען" אין זיינע טראגישן צוזאמענשטויס מיט דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקייט. ד״ר ציגענסאָן איז, פארשטייט זיך, געווען גאנץ ווייט פון באנעמען דעם דאָזיקן צוזאמענשטויס אין אזא ברייטן סאָציאלן אספעקט, ווי דאָס האָט געטאָן שאָלעם-אלייכעם. ד״ר ציגענסאָן האָט אויך לויט דעם פארנעם פון זיינע באשיידענע קינסטלערישע מעגלעכקייטן ניט געקאָנט פרעטענדירן, אז זיינע א פיגור זאָל געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט שאָלעם-אלייכעמס מענאכעם-מענדלען, — איין פארדינסט האָט אָבער ד״ר ציגענסאָן אָן שום ספק געהאט: מיט זיינע „בריוו פון גאליציען" האָט ער איינער פון די ערשטע באטראָטן יענעם וועג, וואָס האָט געפירט פון מענדעלען צו שאָלעם-אלייכעמען[1].

מיר ברענגען ווייטער דעם טעקסט פון ציגענסאָנס „בריוו פון גאליציען".

## בריוו פון גאליציען

### ערשטער בריוו

ליבער פריינט!

וואָס זאָל איך דיר שרייבן? דאנקען דעם, וואָס מיר זיינען ניט ווערט צו דערמאָנען זיין ליבן נאָמען. איך בין שוין בעשאָלעם איבערגעקומען. איך געפין זיך אצינד אין א פריי לאנד, אין אזא לאנד, וואָס מע קען עס טאקע אָנרופן ערעץ-יִסראָעל, פון אריבער דעם זברוטש.

דעם נעס, וואָס איך האָב געהאט טראָגנדיק מיך דער קאָזאק אָפּ די פּלייצעס איבער דעם וואסער פאר האלבע נאכט, איז נאָר זכוסאָוועס האָבן זיך פאר מיר געמיט, עס איז אָבער אלצדינג ווערט, איך פיל זיך אצינד מאמעש ווי אין ערעץ-יִסראָעל. שטעל זיך פאָר, ליבער, דו גייסט ארויס אין גאס, זעסט יִדן טאקע, וואָס יִדן הייסט, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ, יארמעלקעס און פון אויבן א ספּאָדעק אינדערוואָכן און א שטריימל אום שאבעס, קיטאיאָוועע, ראצעמאָרעגע, אטלאסענע זשופּעצעס. און מיט אלערליי גארטלען, אויך טוזליקעס, שיך און זאָקן און פאנטאָפל, קיין איינציקן ווערסטו ניט זען אין שטיוול, ווי בא אונדז. איך זאָג דיר, אז עס קאָן צוקומען א שטיק געזונט אָפּ א קירישן יִד א קוק טאָן! אָט דאָס הייסט יִדן, וואָס יִדן הייסט. איך זאָל דיר געבן א

[1] קיין זיכערע ידיעות וועגן דעם, אז שאָלעם-אלייכעם זאָל האָבן געלייענט ציגענסאָנס „בריוו פון גאליציען", האָבן מיר בא היינטיקן טאָג ניט. אָבער בא א גענויערן אנאליז, וואָלט, לויט אונדזער מיינונג, ניט שווער געווען צו געפינען די שפּורן פון ציגענסאָנס ווירקונג אין שאָלעם-אלייכעמס יוגנט-ווערק „די איבערגעכאפּטע בריוו" און באזונדערס אין די ערשטע צוויי קאפּיטלען פונעם בוך „מענאכעם-מענדל".



שטיקעלע באגריף פון זייער פרייהייט אזויווי זיי ווייסן פון קיין גאָלעס ניט צו זאָגן, וועל איך דיר דערציילן א קלייניקייט:

איך גיי מיר דינסטיק אינדערפרי פון דעם וואסער. גייענדיק אזוי פארטראכט, דערזע איך גיין עטלעכע יִדן אין די שטריימלעך מיט די טאלעס-זעק אונטערן אָרעם, און קיינער האָט זיך אָפּ זיי גאָר ניט אומגעקוקט. „וואָס קאָן דאָס זיין?" האָב איך בא זיך געטראכט. צוגיין פרעגן עמעצן האָב איך זיך געשעמט, מע זאָל מיך ניט האלטן פאר א פּאָרעצ. עס האָט זיך מיר אָבער פּאָרט געגלוסט צו וויסן, וואָס דאָס באטייט. האָב איך זיך גענומען זיי נאָכגיין, ביז איך האָב געזען, זיי זיינען אריין אין דער קלויז, ווו איך שטיי איין. איך בין אויך אריין אין קלויז, זיי האָבן זיך געשטעלט דאווענען, און אז איך האָב דערהערט, אז איינער האָט אָנגעהויבן צו זינגען „וכרתו", האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אז עס איז א בריס און אלע באאליי-קיבודים זיינען געגאנגען אין די שטריימלעך דאווענען. נאָך דעם דאווענען האָט מען געיִדישט דאָס קינד אין קלויז און מע איז אוועק אָפּ דעם בריס. וואָלסטו געוועזן זען, וואָס פאר א בריס עס איז געוועזן: דריי טאָג נאָך דעם בריס האָט מען געהוליעט אין די גאסן מיט די שטריימלעך. נו, היינט ווערסטו שוין פארשטיין, וויאזוי די קירישע[1] יִדן ווייסן פון א גאָלעס צו זאָגן? מיר איז דערוויילע ניט שלעכט, מיין סטאנציע, ווייסטו זיך שוין, איז אין קלויז, א ביסל בראָנפן בין איך ניט זשעדנע, עסן האָב איך אויך ווו: אלע טאָג בעט מיך אן אנדערער צו זיך אָפּ אָנבייסן. מיט די יונגעלייט האָב איך זיך שוין דאָ א ביסל באקאנט, איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר צונויפמאכן אָפּ הויצאָעס, אז איך זאָל מיך קאָנען אין אן אנדער שטאָט אוועקפאָרן, און אז עס וועט מיר געראָטן פונדאנעט אוועקצופאָרן, וועל איך דיר שרייבן פון אלעמען, אזוי ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט, און דו ווערסט געוויס פון מיינע בריוו טיינעג האָבן.

האקאָטן כאַיִם בען יִצכאָק זצ״ל מארגאָליס.

ע״ש. אז דו ווערסט מיר שרייבן א בריוו, שרייב מיר, וואָס טוט אצינד מיין ארורע, צי דענקט זי מיך מיט דעם אטאפּ אָדער כאָלילע אָפּ א קאָטשערע אהיים ברענגען.

הנ״ל.

### צווייטער בריוו

דיין בריוו האָט מיר שטארק יעסורים אָנגעמאכט, איך ציטער, עפּשער וועט מיין ארורע בא דער זנאכערקע זיך וואָס עס איז דערוויסן, דענסטמאָל ווער ווייסט וואָס פאר א שפּיצל זי קאָן מיר אָפּטאָן. א קאשע אָפּ א מייסע, וואָס אזא ארורע קאָן? דער בריוו האָט מיר פּאָשעט אלע מיינע אייוורים צעשרויפט. איך זאָג דיר דעם עמעס: איך פיל זיך נאָך פאר א שטיקל גווארטענע, איך האָב מיר באלד הארצ געמאכט און גענומען א גוט ביסל זעכציקגראדיקן אלעביקאָווע בראָנפן און ווידער א ביסל צו זיך געקומען און שרייב דיר ווידער פון די קירישע. מע רופט זיי בא אונדז שויטים. שטעל דיר פאָר: איך גיי מיר דאָ ארום פראנק און פריי, און קיינעם פאלט ניט איין צו מיר צוצוגיין און פרעגן

[1] אין גאנצ וואָלין רופט מען גאליציען מיט דעם נאָמען „קירע".

אפ א פאשפאָרט. דאכט זיכ, א בלינדער סאָצקי וואָלט מיכ מיט מײַנ רוסישב היילעכ דערקענט, אז איכ בינ ניט קיינ קירישער, גיי זשע דו, שויטע, צו אונ פרעג מיכ אויס א שיר-האמײַלעס, וואָלסטו זיכ בא מיר געקענט כאפּנ א צווייער. ניינ, אים פאלט דאָס גאָר ניט אײַנ. אז איכ האָב זיכ מיט א יונגנמאנ אינ קלויז צערעדט אונ האָב אים בעסאָד דערציילט, אז מיר פעלט שווארצ אונ ווײַס, האָט ער זיכ פונ מיר צעלאכט, עס איז בא אים עפּעס אויסגעקומענ, גלײַכ ווי ער הערט דאָס דאָס ערשטע מאָל, אונ דער קירע דער שויטע האָט מיכ נאָכ געמאכט פאר א נאר. „לאכ, לאכ" האָב איכ בא זיכ געטראכט, „אז בא דיר איז רעכט, איז בא דיר אוואדע גוט". אצינד וועל איכ דיר נאָכ דערציילנ, ווי זיי וויסנ גאָר ניט ווי זייער פרײַהײַט צו שעצנ. איכ זאָג דיר, אז אינ ערעצ-יִסראָעל ווייס איכ ניט, צי קאָנ מענ שוינ פרײַער זײַנ. הער א מײַסע, וועסטו אויכ פארגעניגנ האָבנ:

נעכטנ ארום פיר דעם זייגער גיי איכ פונ דעם שויכעטס יאָרצײַט, א ביסעלע פריילעכ בינ איכ געווענ. עס איז געווענ זייער א שיינע סודע, בראָנפנ, ווישניק איז געווענ ווי וואסער. פּלוצעם דערהער איכ קלעזמער שפּילנ. אזוי ווי איכ קוק זיכ אום, זע איכ א גאנצע באנדע ווײַבער אינ שטערנטיכלעכ אונ א סאכ פארפוצטע מיידלעכ. פאר זיי גייט א מארשאלעק מיט א פלאש בראָנפנ אינ דער האנט אונ זינגט צו דאָס, וואָס די קלעזמער שפּילנ, אונ די אויסגעשליירטע ווײַבער טאנצנ, אונ פונ הינטנ גייענ נאָכ יינגלעכ אונ, לעהאוודל, גויִים מיט גויעס אונ טײַטלענ מיט די פינגער אפ א שיינ מיידל. „אָ צע קאלע" — האָב איכ געהערט — האָבנ זיי געזאָגט. איכ בינ זייער נײַגעריק געווענ צו וויסנ, וואָס דאָס באטײַט, אונ האָב זיכ צעפרעגט, וואָס דאָס איז, האָט מענ מיר דערציילט, אז מע פירט, מעכילע, די קאלע פונ דער מיקווע אונ אינ א שאָ ארום וועט זײַנ די כופע, כאָטש דעם טאָג איז געווענ א יאריד אונ עס וואָלט געקאָנט ארויסקומענ, אז א פּאָר פאנסקע פערד זאָלנ זיכ איספּאלאָשענ פונ דעם געפּילדער פונ די קלעזמער אונ פונ דעם מארשאלעקס ווילד זינגענ, פונדעסטוועגנ האָט זיי קיינער ניט פארווערט צווישנ די פורנ איבערנ מארק פונ דער מיקווע מיט דער קאלע גיינ. אפ זיי קאָנ מענ רעכט זאָגנ, אז זיי וויסנ ניט פונ קיינ גאָלעס צו זאָגנ. נו, הײַנט וועסטו שוינ פארשטיינ, וויאזוי איכ קווע̇ל אָנ יעדער טאָג פונ זייער יִדישקײַט. דערווײַל בלײַב געזונט אונ שרײַב מיר ווי איִגיכסטנ, אזוי ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט, וואָס האָט איר, דער ארורע, די זנאכערקע געענטפערט ווענג מיר.

האקאָטנ כאִים בענ יִצכאָק מארגאָליס.

## דהימער ברינו

א שטיק געזונט איז מיר צוגעקומענ, וואָס מײַנע האָט ניט געהאט וואָס דער זנאכערקע צו געבנ פונ מײַנע כפייצים א פארשוויסיקטע זאכ. דאָס האָב איכ נאָכ פריִער באטראכט, איידער איכ האָב זיכ אוועקגעלאָזט אפ דער נעסיִע. איכ האָב מיר מיטגענומענ אלע אלטע יארמעלקעס, די זאָקנ, דעם אלטנ טאלעסקאָטנ מיט אנדערע קליינקײַטנ, אז זי זאָל מיר גאָרנישט קאָנענ אָפּטאָנ, ווארעם אינ עמעס ארײַנ וואָלט פאר מיר א טאכלעס געווענ צו לאָזנ אינ דער היים עפּעס א



פארשוויסיקטע זאכ, אז מע זאָל מיכ קאָנענ דערמיט צוריקברענגענ? קארג שרעק האָב איכ געליטנ דעם איינ מאָל, וואָס דער קאָזאק האָט מיכ דעם זברוטש אריבערגעטראָגנ? אונ אצינד גיי שלעפּ דיכ איבער טאָל אונ בערג אהיים אפ א קאָטשערע צו מײַנ ארורע. וואָס איז? זי האָט ניט וועמענ דעם קאָפּ צו הריזענ! אמער זיצ איכ מיר דאָ פרײַ ווי א פויגל אונ קוק מיר צו די קירישע מינהאָגים אונ קלײַב מיר צו נאכעס. אז עס מאכט זיכ מיר אמאָל, אז עס פעלט מיר א טאָג, אז מע פארגעסט מיכ צו רופנ אפ אנ אָנבײַסנ, זאָרג איכ זיכ אויכ ניט אזוי שטארק. וואָס זאָל איכ דאָ מער מעיִכעס זײַנ ווי אינ דער היים? אינ דער היים פלעגנ מיר אָפטער עטלעכע טעג פעלנ, אונ דערצו פלעגט זי מיר נאָכ דעם קאָפּ הריזענ. אונ דאָ ווער הערט א טאָג, אז עס פעלט. אָט האָט זיכ מיר יענע וואָכ גראדע געמאכט, האָב איכ געהאט א גאנצ שיינ פארדינסטל, איכ זע ארויס באשײַמפערלעכ, אז מײַנ גליק האָט זיכ פארבעסערט. הער א מײַסע!

איכ גיי זיכ דורכ אפ דעם מארק. אזויווי עס איז געווענ א יאריד, האָב איכ זיכ מעיִאשעו געווענ, איכ וועל זיכ דורכגיינ, עפשער וועט גאָט העלפנ, עלייאָהו האנאָווי וועט מיר אנטקעגנ קומענ. איכ בינ מיר אוועקגעגאנגענ אפ דעם גלאווגעם מארק, וואָס מע רופט דאָ דער „הויפּט-מארק". ניט אומזיסט אָבער הייסט ער אזוי, ווארעם דאָ געפינט מענ טאקע אלצדינג, וואָס דאָס הארצ גלוסט. דאָ זעט מענ פארשיידענע סכוירעס. אָט שטייט א פאקנטרעגער מיט סכוירעס, ספאָרים, שויפערס, היילעכ, צאָנ-ביינדלעכ ביינערנע, אלטע טאלייסים אונ אנדערע זאכנ. לעבנ אים שטייט א יִדענע מיט צירונג. א ביסל ווײַטער שטייט א יִד אונ פארקויפט אלטע ראצעמאָרענע קאפּאָטעס אונ אויכ קיטאיענע. איינ יִד שטיִט אונ פארקויפט אלטע אָפּגעצויגענע אפּיקאָרסישע טאכטוינים. נאָכ ווײַטער שטייט א יִדענע אונ פארקויפט פונ א קליינ בעדילקעלע בראנדווײַנ מיט א הייבער (ליווער) אינ דער האנט, וואָס זי ציט אָנ מיט דעם מויל אונ זײַט דורכ דעם פינגער אינ גלעזל ארײַנ. אונ דאָ שטייט א יִד מיט א גרויסנ פראָסטנ קאפּעליוש אונ פארקויפט היִנער, לעבנ דעם יִדנ שטייט א גויִשער באזעריִק אונ פארקויפט פארקילטע שיסעלעכ מיט טרייפע ברילייעס אונ שטיקער ווײַסנ כאזער מיט זאלצ באשיט, אונ ווער עס גייט דורכ האלט זיכ צו באַם נאָז, ער זאָל ניט נעגע זײַנ, כאָלילע, פונ דעם טרייפענעם רייעכ. אזוינע זאכנ זעט מענ דאָ גוזמע-גוזמאָעס, אונ קירע הייסט זיכ דערפאר גאָר ניט באצאָלנ קיינ שום שטײַער.

פארבײַגייענדיק דעם דאָזיקנ הויפּט-מארק, דערזע איכ, ווי צוויי יונגעלײַט שטייענ לעבנ א פאקנטרעגער אונ האלטנ צוויי שויפרעס אינ די הענט אונ מוטשענ זיכ צו בלאָזנ, אונ עס גייט ניט. זיי בײַטנ איבער די שויפרעס אפ אנדערע, עס גייט אלצ ניט, גלײַכ ווי א סאָטנ האָט זיכ צו זיי ארײַנגערוקט. איכ האָב זיכ אײַנגעבויגנ אונ גענומענ פונ דער ערד באַם פאקנטרעגער א שויפער אונ גוט דורכגעבלאָזנ דורכ דער אנדערער זײַט אונ האָב אים איבערגעקערט מיט דער דינער זײַט אינ מויל ארײַנ אונ אָנגעהויבנ פּרוווּנ. עס גייט, עס בלאָזט בא מיר ווי בא דעם גרעסטנ באלטקיִע. איינ יונגערמאנ, אז ער האָט דערזענ, אז איכ בלאָז אזוי גוט, האָט ער גענומענ פארהערנ מיט א ניגנ די טקיִעס, אונ וואָס ער האָט מיר פּאָרגעזאָגט, איז אלצדינג געגאנגענ בא מיר ווי א וואסער. א סאכ יִדנ אונ, לעהאוודל, גויִים האָבנ זיכ ארום מיר ארומגעשטעלט. זיי האָבנ

שטארק אָנגעקוועלט פונ מײַנע קינצלעכ בלאָזנ. עפעס א פאָליאַק איז אויכ צוגעקומענ, ער האָט אָנגעהויבנ צו לאַכנ אונ האָט זיכ אָפגערופנ.

— דוי, זשידזשע, דוי, א מאָי מאָשקע פאַקטאָר בענדזשע ספּיוואַט „מאַיאָפּיס".

אז איכ האָב ניט פארשטאַנענ, וואָס ער מיינט, האָט מיר א באַטאָגטער ייִד געזאָגט, אז דער פּאָרעצ וויל, אז איכ זאָל נאָכ בלאָזנ.

— בלאָזט, בלאָזט, — האָט מיר דער ייִד געזאָגט, — דער פּאָרעצ וועט אײַכ דערפאַר באַצאָלנ, ער האָט ליב א ייִדנ. ער ווערט נאָכ אימ די קאַפּאָרע.

עס איז טאַקע אַזוי געווענ. איכ האָב ווידער געבלאָזנ, אונ דער פּאָרעצ האָט מיכ א דריי געטאָנ בײַ דער פּייע אונ א וואָרפ געטאָנ א רײניש אונ האָט עפעס געזאָגט, וואָס אַלע ייִדנ האָבנ דערפונ געלאַכט. די צוויי יונגעלײַט האָבנ זיכ פארלאָזט אפ מײַנע מעווינעס אונ האָבנ גענומענ צוויי שויפרעס. נאָכ עפעס א ייִד האָט געקויפט אינ א דאָרפ אַרײַנ א שויפער אונ האָט מיר אויכ געלאָזט עטלעכע גרייצער. דער פאַקטאָרעגער האָט מיר געשענקט א „לב עברי" אונ האָט מיכ געבעטנ, אז ער וועט קומענ אינ צוויי וואָכנ אַרומ אהער אפ דעמ יאַריד, זאָל איכ זיכ צו אימ נאָכאַמאָל יאַווענ אונ ער וועט מיכ אָרנטלעכ באַהאַנדלענ, דאָס איכ וועל צופרידנ זײַנ. אָט אַזוי האָב איכ אומגעריכט פארדינט א רײניש מיט עטלעכע גרייצער. נו, קאָנסטו שוינ פארשטיינ, ווי גליקלעכ איכ שעצ זיכ מיכ דאָ? ווײַטער האָב איכ דיר דערווײַל ניט וואָס צו שרײַבנ.

## פערטער בריוו

מײַנ מײַמעד האָט זיכ מיר, גאָט זײַ דאַנק, אָנגעהויבנ פיל צו פארבעסערנ. דער פאָליאַק איז מיר אפ דער האַנט גוט געווענ, איכ האָב ערשט גאַנצ שיינ זיכ פאָפראַוועט. איכ האָב שוינ געקויפט אנ אַלטע קירישע קיטאַיענע זשופּעצע, אַזוי אז ס'איז שוינ שווער צו דערקענענ מיכ, אז איכ בינ א רוסישער.

מײַנ פארדינסט באַשטייט דאָ פונ טילימ זאָגנ, עס זאָל דיר ניט קאָשע זײַנ, וויאַזוי פארדינט מענ פונ טילימ — געלט. דאַכט זיכ, דו זאָגסט אויכ אַלע טאָג טילימ, עפשער נאָכ מיט מאַמאָדעס, אונ קיינער גיט דיר ניט קיינ צעבראָכענעמ גראָשנ. וועל איכ דיר דערציילנ א זאַכ, וואָס בײַ דיר וועט עס זײַנ א נײַס אונ וועט דיר נאָכ עפשער האַנאָע טאָנ אויכ:

דאָ האָבנ ר״ל[1] אָנגעהויבנ שטאַרק קליינע קינדער צו שטאַרבנ. זאָלסטו זענ, וואָס פאַר אנ אַליאַרעמ עס איז געוואָרנ. מע האָט זיכ באַלד אַרומגעקוקט, ניט ווי בײַ אונדז טוט מענ דאָ, מע זאָל זיכ כאַפּנ צו דאָקטוירימ, אַפּטייקנ אונ נאָכ אַזוינע נאַרישקײַטנ. דאָ האָט מענ באַלד גויזער-טאָנעס געווענ אונ דערבײַ געזאָגט סליכעס. דער אַלטער ראָוו, א ייִד א כאָכעמ, האָט באַלד אנ אייצע געגעבנ, אז מע זאָל א קינד מיטגעבנ, אז ער וועט שטאַרבנ, א שליסל אינ קייווער אַרײַנ. כאָטש א סאַכ מענטשנ האָבנ דערפונ געוווּסט אָנ דעמ ראָוו, פונדעסטוועגנ האָט קיינער ניט געוואַגט דאָס צו טאָנ אָנ אימ, אונ ער אַליינ האָט אָנגעוויזנ, וואָס פאַר א קינד מע זאָל דעמ שליסל מיטגעבנ. נאָכדעמ, אז די

1 ראַכמאָנע-ליצלאַנ.



סגולע האָט ניט געהאָלפנ, האָט מענ געמאַכט אנ אַסיפע, אונ עס איז געבליבנ, מע זאָל מעהאַרהער ביטשוווע זײַנ, איטלעכער זאָל בײַ זיכ אינ דער היימ די מעזוזעס איבערזענ אונ מע זאָל שטילערהייט נאָכקוקנ, צי געפינט זיכ עפעס ניט אינ שטאָט פארבאָרגענע אווײרעס. אנ אויסגעווייקטער יונגערמאַנ האָט אָנגעהויבנ צו פּילדערנ, מע זאָל צדאָקע אויכ טאָנ: „נאָר צדאָקע", האָט ער געשריִענ, „מאַצל מימאָוועס". אַזוי אז א סאַכ מענטשנ האָבנ דאָס געהערט, האָבנ זיי זיכ באַשטעלט מאַמאָדעס פונ דער אַלטער שויכעטקע, אנ אַלמאָנע נעבעכ, מיט צוויי שטיפיִנגלעכ אונ א מיידל א קאַליקע. אויכ האָט דער אייגענער יונגערמאַנ פאָרגעלייגט, אז מע זאָל אפ דעמ הייליקנ אָרט א כופע שטעלנ, דער שויכעטקעס קאַליקע זאָל נעמענ דעמ כאַזנס מאַמאַטליוווע זונ, אונ די שטאָט זאָל זענ געבנ האַלבאָשע מיט נאַדנ. א סאַכ מענטשנ זײַנענ שוינ צו דעמ ווי צוגעשטאַנענ, נאָר דער ראָוו, דער כאָכעמ, האָט עפעס ניט געוואָלט מאַסקימ זײַנ דערצו, ער האָט געזאָגט, אז די סגולע איז טאַקע באָדוק אומענוסע, נאָר בלויז צו א כאַליערע, אָבער צו קליינע קינדער איז ער מעסופּעק, צי עס וועט העלפנ. צי האָט דער ראָוו דערופ ניט באַשטאַנענ, ווײַל עס איז ניט זײַנ פּלאַנ געווענ, צי דערפאַר ווײַל ער איז עפעס מיט דעמ יונגנמאַנ ניט שאָווע־בעשאָווע געווענ, וואָס דער ראָוו האָט געזאָגט קאָשער, פּלעגט ער זאָגנ טרייפ. צי העלפט די סגולע טאַקע ניט מער, נאָר אינ א כאָליערע, ווייס איכ ניט, נאָר דערווײַל איז דעמ יונגנמאַנס פּלאַנ צו נישט געוואָרנ, כאָטש א סאַכ מענטשנ האָבנ זיכ געצאַפּלט, דער פּלאַנ זאָל אויסגעפירט ווערנ, אונ דער שויכעטקעס קאַליקע מיט דעמ כאַזנס מאַמאַטליוווע וועלנ נעבעכ מוזנ וואַרטנ אפ א געלעגנהײַט, אז מע זאָל זיי כאַסענע מאַכנ אונ דאַווקע אפ דעמ הייליקנ אָרט א כופע שטעלנ.

אָט אַזוינע פרומע ייִדנ זײַנענ דאָ אונ אַזוינע שטרענגע מיטל נעמט מענ דאָ צו דעמ קינדער־שטאַרבנ. הײַנט פארשטייסטו שוינ, אז איכ פארדינ צוליב דעמ טילימ היפשע עטלעכע גרייצער. שרײַב מיר, וואָס טוט מײַנ פּיסקעל; ווײַל איכ האָב מוירע, עפשער גייט בײַ אונדז אויכ אַרומ דאָס כאַלאַס אפ קליינע קינדער, וואָס מע רופט דאָס סקרופל. אז איכ זאָג טילימ פאַר יענעמ, האָב איכ מײַנ קינד אינ זינענ. ווי זאָגט מענ: כּ'לעבנ, זײַנ העמד איז נייטיקער צומ לײַב. אינגיכנ דענק איכ דאָ צו מאַכנ א נעסיִע. מינאַסטאַמ וועל איכ דיר דערפונ שרײַבנ.

האַקאָטנ כאַימ מאַרגאָליס.

## פינפטער בריוו

ליבער פרײַנט!

איכ האָב זיכ אפ דײַנ בריוו דאָ ניט דערוואַרט, איכ בינ אַוועק פונ דער שטאָט, וואָס איכ האָב דיר ביז אַהער בריוו געשריבנ, גאַנצ אומגעריכט. איכ דאַנק נאָר גאָט, וואָס איכ בינ מיט מײַנ לעבנ גאַנצ אַרויס. דיר וועט דאָכ א וווּנדער זײַנ, ווי קומט דאָס, דאָס נאָכ אַזאַ רויִק לעבנ, ווי איכ האָב דאָ געהאַט אונ האָב שוינ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז פארדינענ, זאָל איכ גאָר דאַרפנ פּלוצעמ אַוועק אונ זאָל זיכ אַפילע אפ דײַנ בריוו ניט דערוואַרטנ. וועל איכ דיר דערציילנ די סיבע דערפונ: נאָכ דער אַסיפע, וואָס איכ האָב דיר געשריבנ, וואָס

עס איז געוועזן וועגן דעם כאַלאַס ר״ל, און די אַלע מיטלען האָבן ניט געהאָלפן, בין איך מיר געזעסן מיט אַ פּאָר יונגעלייט אין קלויז און מיר האָבן באַלאַקעט פון פאַרשיידענע זאַכן, פון דער מלחמה, ווי אונדזער מאָסקוויטער האָט קאַמע טויזנטער ישמעיילים דערשאָסן און וויפל ער האָט צוגענומען אין פּלעצער אַריַין, און פון דעם ענגלישן יידישן מיניסטער „דישראַלי״, ווי ער וויל, אַז דער ישמאָעל זאָל אַ מאַפּאָלע האָבן, קעדיי יידן זאָלן אופגעריכט ווערן, איבער דעם לאָזט ער ניט, דאָס ענגלענדישע כאַיל זאָל אים צו הילף גיין, וויאַזוי ער איז קלאָר אין בעל הטורים, וואָס ער זאָגט, אַז משיאַך וועט דענסטמאָל קומען, ווען דער ישמאָעל וועט אַ מאַפּאָלע האָבן, און איבער דעם טאַם טאַקע לאָזט ער ניט ראָטשילדן, וואָס ער אַנטלייַט אַלע קייסאָרים געלט אָפּ פּראָצענט, אַז ער זאָל דעם טוגער אַנטלייַען, קעדיי די ישועה זאָל שוין טאַקע גיכער זייַן, און נאָך פון אַנדערע איניאָנים. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז מע האָט אויסגעטראַכט הייַנט אַזאַ מאַשינדל אַזוי ווי אַ טעלעגראַף, וואָס אַז מע רעדט אין דעם, הערט זיך דאָס קאָל פון איין עק וועלט ביז אין דער אַנדערער. פון דעם איז מען אַרויף, ווי דאָס קאָל פון אַ מעס הערט זיך אויך מסוף עולם ועד סופו. אַז מע האָט שוין געהאַלטן פון מייסים, איז מען אַרופגעקומען פון דעם, וואָס קליינע קינדער שטאַרבן, און נאָר באַ אָרעמעלייט ר״ל. איינער האָט געזאָגט, אַז באַ זיי, די נעגידים, שטאַרבן דערפאַר ניט קיין קינדער, ווייַל זיי גיבן אַ סאַך צדאָקע, דער אַנדערער האָט געזאָגט, אַז דערפאַר שטאַרבן באַ זיי ניט קיין קינדער, פּאָשעט ווייַל פּאָשעט גאָט וויל אַזוי. אַז איך האָב מייַן מינרנג געזאָגט, ווייַל זיי באַנוצן דאָקטוירים, און באַ אונדז טוט מען אויך אַזוי און מע וואָלט דאָ דאָס מיטל אויך געמעגט פּרוּוון, עפּשער וועט דאָס העלפן, וועט מען פאַרשפּאָרן גרויזער־טאָנעס זייַן, אָט דאָ איז דאָס געוואָרן אַ ראַש. — וואָס איז? — האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייַען: — האָבן מיר דען ניט געזען, אַז דאָרט, ווו מע באַנוצט אַ דאָקטער, שטאַרבט מען אויך? וואָס ווייסן זיי, די בעהיימעס? גאָט איז אַ דאָקטער — ניט זיי!

מע איז זיך צונויפגעלאָפן פון דעם ליאַרעם. אַז מע האָט זיי אָנגעהויבן צו פרעגן, וואָס פאַר אַ ראַש זיי האָבן דאָ געמאַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייַען, אַז איך בין אַן אַפּיקוירעס, אַ מיסיאָנער. מע האָט מיך געוואָלט נעמען שלאָגן. איך אַליין האָב זיך באַרעכנט, אַז איך האָב אַ נאַרישקייַט געזאָגט, און האָב זיך געוואָלט נעמען פאַרענטפערן פאַר זיי, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. איך בין קוים מיט מייַן לעבן גאַנץ אַרויס, מייַנע ביינער האָט מען שיר צעטראָגן. פאַר שרעק האָב איך געמוזט דעם איינגענעם טאָג פונדאַנען אַנטלויפן.

נו, אצינד זעסטו שוין, וואָס פאַר אַ שויטים די קירעס זייַנען, מע האָט זיי אָן מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ מיסיאָנער, איז פאַר זיי רעכט, זיי גלייבן באַלד. דו קענסט מיך, בין איך אַ מיסיאָנער? אַ, ווייס איך אַפילע, וואָס דאָס הייסט?! זיי האָט דאָס, אַפּאָנעם, פאַרדראָסן, וואָס איך זאָג איוורע בעסער פון זיי. אַז איך פּלעג טילים זאָגן, האָט מען זיך צוגעהערט און געוווּנדערט אָפּ מייַן איוורע, זיי האָט דאָס פאַרדראָסן — האָבן זיי אָפּ מיר אויסגעטראַכט, אַז איך קען דיקדעק און איך לערן דאָס, קעדיי מע זאָל מיר פאַר מייַן טילים זאָגן באָרנישט געבן. אַז קיינער האָט אָפּ מיר דאָס נאַרישקייַט ניט געגלייבט און דער ליגן האָט זיי ניט געהאָלפן, האָבן זיי אָפּ מיר אויסגעטראַכט דאָס דאָזיקע, און



צוליב דעם בין איך פון דאָרט אַנטלאָפן. אצינד געפין איך זיך שוין אין קייץ, וועסט מיר שוין אהער שרייַבן בריוולעך.

אַז איך וועל פון דיר אַ בריוו דערהאַלטן, וועל איך דיר פונדאַנען שרייַבן אַ נייַס, אַזוינס, וואָס דו וועסט דערפון קווען, וועסט זיך מאַמעש דערמיט קוויקן. דערווייַל שרייַב איך דיר ניט מער, בלייַב געזונט. פון מיר —

האַקאָטן כאַיִם בען יִצכאָק זצ״ל מאַרגאָליס.

## זעקסטער בריוו

ליבער פרייַנט!

איך האָב זיך גאָר מעכייַע געוועזן, וואָס מייַנע קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין באַ די קאָרטן־וואָרפערנס, פון וואָס פאַר אַ יענער זייַט וואַסער איך בין, צי פון יענער זייַט דאָברוטשי צי פון יענער זייַט נעסטער. איך זע שוין אַרויס, אַז איך מעג מיקויעך דעם רויִק זייַן. זי, מייַן אָרורע, וועט מיך שוין ניט זוכן. אצינד וועל איך דיר שרייַבן דאָס, וואָס איך האָב דיר אין יענעם בריוו צוגעזאָגט, דו וועסט דערפון פאַרגעניגן האָבן.

דו געדענקסט נאָך מינאַסטאַם די מייַסע צוריק מיט עטלעכע יאָר, וואָס באַ אונדז האָט זיך געטראָפן מיט אונדזער רעב שלוימעלע דעם ראָווס. ווי אונדזער גוויר האָט מיט אים אַרויסגעשיקט צו זייַנעם אַן אייַנקויפער פון ווייץ דעם ליטוואַק מאַרקאָוויטש 15 טויזנט רובל אין אַן אימעניע אַריַין, וואָס אים, דעם ליטוואַק, האָט ניט געסטייַעט פאַר ווייץ צו באַצאָלן דעם פּאָרעץ. נאָכדעם, אַז רעב שלוימעלע האָט דעם ליטוואַק די 15 טויזנט רובל אָפּגעגעבן, האָט ער אים קיין קאַבאָלע דערופּ ניט געגעבן. אַזויווי רעב שלוימעלע האָט דענסטמאָל אַ בריוו אַרייַנגעשיקט צום גוויר וועגן דעם און דער ליטוואַק האָט דאָס גאָר איינגאַנצן אָפּגעלייקנט, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים אין די אויגן ניט געזען, נאָר דורך דעם פאַרבלוטיקטן טאַלעסקאָטן, וואָס מע האָט אָפּ דעם וועג געפונען און מיר האָבן אים דערקענט, אַז עס איז רעב שלוימעלעס, איז מען דערגאַנגען, אַז דער ליטוואַק האָט אים דערהאַרגעט און דאָס געלט זיך צוגענומען, און מע האָט אים אין טורמע אַרייַנגעזעצט, וואָס ער פוילט נאָך ביז איצט דאָרט. הייַנט דאָס, ווי שפּרינצע רעב שלוימעלעס איז אַוועק צו די קירישע ראַבאָנים, מע זאָל איר מאַטיר זייַן, אַז זי זאָל קיין אַגונע ניט בלייַבן, און זי איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן, אַזוי אַז דער זון זייערער ווייסט אַפילע ניט, ווען זייער יאָרצייַט געפאַלט. הייַנט לעבן זיי גאָר! און איך שטיי דאָ אייַן באַ זיי. זיי זייַנען ביידע, דאַנקען גאָט, געזונט, און רעב שלוימעלע, זאָל לעבן, מאַכט דאָ גאַנץ שיינע געשעפטן, ער האָט דאָ אַ גוראַלניע אָפּגעדונגען, און יידן עסן באַ אים ברויט.

קענסט זיך מעשאַער זייַן, ווי איך האָב זיך דאָ מעכייַע געווען מיט אים: ערשטנס, אַז ער לעבט, איז, באָרעכאַשעם, געזונט מיט זייַן שפּרינצען, זאָל מייַריך יאָמים זייַן. צווייטנס, וואָס ער איז, אָן אייַנהאָרע, זייער אַ שיינער גאָגיד און ער האָט דאָ קאָוועד און איז אַ מאַכניס־אוירעך. מיר איז דאָ באַ אים גוט ווי די וועלט. דו ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ ייִד אַ כאָכעם. האָט ער מיר אַן איצע געגעבן, איך זאָל אַהיים שיקן מייַן אָרורע אַ געט און זאָל פונדאַנען אַוועקפאָרן, ער וועט מיר דערצו מיטהעלפן. ער וועט מיר שענקען 100 רייניש, איך

זאָל האָבנ אפ דער הויצאָע פונדאנענ אוועק אונ זאָל דאָ קאָנענ כאסענע האָבנ, איכ מיינ, איכ זאָל אימ פאָלגנ. נו, איצט ביסטו צופרידנ פונ דעמ נײַעס, וואָס רעב שלוימעלע לעבט אונ דער ליטוואק פוילט אינ טורמע? א! כ׳לעבנ, א סאכ גלײַכער, אז דער ליטוואק זאָל זיצנ ווי ער. אויכ מיר א ייִד, וואָס עס איז מעכאלעל שאבעס בעפארהעסיע. ער טראָגט אומ שאבעס, אונ זײַנע קינדער גייענ אינ שקאָלע ארײַנ אונ שרײַבנ אומ שאבעס. הײַנט זײַנ ווײַבעניו גייט מיט א האלבנ קאָפ האָר אינ דרויסנ אונ שעמט זיכ ניט פאר קיינ פרעמדע מאנסבילנ. נישקאָשע, ער מעג זיכ אָפרוענ א ביסל דאָרטנ, ווו ער זיצט.

וועגנ די ייִדנ, וואָס געפינענ זיכ דאָ, קענ איכ דיר שרײַבנ, אז זיי האָבנ אינ אלע זאכנ דאָס אייגענע פרײַהײַט ווי יענע. נאָר פונ איינ זאכ לײַדנ זיי צו שטארק: זיי האָבנ עפעס, ווי זיי רופנ אימ, א „באאמטער“, וואָס ער איז א סוינע-ייִסראָעל. ער טוט זיי אָנ צאָרעס. קיינ שומ פאמוניצע לאָזט ער זיי ניט ארויסגיסנ פאר דער טיר. הײַנט אפ די קלויזנ האָט ער אָנגעקלעפט צעטלעכ, אז מע זאָל קיינ קטאנימ ניט האָבנ אפ די ווענט, אונ נאָכ אנדערע רישעס טוט ער זיי... ער פארזאָגט זיי, אז זיי זאָלנ אלע טאָג פאר די שטיבער אויסקערנ, גלײַכ ווי עס וואָלט געדארפט אראָפקומענ א שייני לעמעלעכ אָדער אנ איספראווניק; אינ אנדערע זאכנ מישט ער זיכ בא זיי ניט.

פונ אנדערע זאכנ וועל איכ דיר שרײַבנ אינ די איבעריקע בריוו. דערווײַל בלײַב דיר געזונט. פונ מיר —

האקאָטנ כאיִמ בענ ייִצכאָק זצ״ל מארגאָליס.

## זיבעטער בריוו

ליבער פרײַנט!

איאָ, איכ האָב געטראָפנ, אז דו וועסט פארגעניגנ האָבנ פונ דעמ, וואָס רעב שלוימעלע לעבט מיט שפרינצענ אונ דערצו איז זיי נאָכ גוט אויכ! נאָר וועגנ דעמ, וואָס דו דענקסט, זאָלסט אהער פאָרנ אונ א שטעל אָננעמענ בא רעב שלוימעלענ, איז פאר דיר גאָר קיינ פלאנ ניט. דאָס ווייס איכ אליינ, אז רעב שלוימעלע וועט דיר ניט אָפזאָגנ, ער וועט דיר די בעסטע שטעלע געבנ. די גאנצע שײַלע איז, וואָס וועסטו דערפונ האָבנ? ניט מער, ווי יעסורימ. איכ אליינ האָב אויכ געמיינט, אז איכ בינ אהער געקומענ, אז ווער ווייסט וויִאזוי די מענטשנ זײַנענ גליקלעכ, וואָס זיי געפינענ זיכ בא א געשעפט, נאָר אז איכ האָב דאָ געהאט דאָס געלעגנהײַט זיכ גוט צוקוקנ, האָב איכ געזענ, אז עס איז ניט אזוי, ווי איכ האָב מיר פאָרגעשטעלט. איכ זאָג דיר דעמ עמעס: דאָס ערשטע מאָל, אז איכ האָב געזענ די שווערע ארבעט, וואָס די מענטשנ האָבנ בא אונדזער רעב שלוימעלענ, אונ וויִאזוי, אז עס קומט דאָנערשטיק, ווי עס הייבט זיי אָנ אָפצושטארבנ יעדער אייווער, ווײַל עס פעלט זיי אפ שאבעס, האָט דאָס מיר שטארק אפ אימ פארדראָסנ. „סטײַטש, האָב איכ זיכ געטראכט, רעב שלוימעלע זאָל עס טאָנ? אז גאָט האָט אימ געהאָלפנ, אז ער קענ ייִדנ געבנ פארנאָסע, פארוואָס זאָל ער ניט זענ, אז זיי זאָלנ האָבנ פארנאָסע בערעוואכ?“ איכ האָב זיכ דערמאָנט, וויִאזוי מיר פלעגנ אמאָל זיצנ מיט אימ אינ איינעמ אינ



קלויז אונ מיר פלעגנ זיכ ווינטשנ רײַכ צו ווערנ, פלעגט ער זאָגנ, אז גאָט זאָל אימ העלפנ, אז ער זאָל זײַנ א נאָגיד, וואָלט ער גרויס אונ גוטס געטאָנ ייִדנ, — ער וואָלט א סאכ צדאָקע געגעבנ, פאר זײַנ אייגנ געלט וואָלט ער אנ אייגענע קלויז געבויט אונ נאָכ אנדערע מיצוועס געטאָנ, וואָס ער קאָנ איצט ניט טאָנ, ווײַל ער איז אנ אָרעמאנ. — אונ ווי מיר פלעגנ אימ מעקאנע זײַנ מיט זײַנ האסאָגע, וואָס ער האָט דענסטמאָל געהאט, טאקע עמעס, ווי אנ ערלעכער ייִד דארפ האָבנ, אונ איצט האָט ער עס גאָר פארגעסנ.

נאָר אז איכ האָב זיכ צוגעקוקט, וויִאזוי די קירישע נעגידימ האלטנ אויס ייִדנ, האָב איכ ערשט ארויסגעזענ, אז ער איז בעעמעס א צאדיק קעגנ זיי.

דו ווייסט, אז איכ בינ א שטיקל באלדימיענ, האָב איכ מיר שטענדיק פאָרגעשטעלט, אז די מענטשנ, וואָס דינענ בא א נאָגיד, דארפנ אויכ זײַנ נעגידימ, אונ דער סייכל-האיאָשער איז אזוי: זיי זײַנענ מענטשנ, ארבעטנ אפ אימ אונ זײַנענ אימ טרײַ; זיי היטנ אָפ, אז דאָס געשעפט זאָל גוט גיינ: ער, דער נאָגיד אליינ, טוט גאָרנישט ער שלאָפט זיכ רויִק, ער ווייסט אָפטמאָל ניט פונ זײַנ כייעס צו זאָגנ, וואָס אינ זײַנ געשעפט טוט זיכ, אונ דערפאר, וואָס זיי ארבעטנ אונ צוליב זיי פארדינט ער א סאכ געלט, דארפ ער זיכ מיט זיי [טיילנ? — נ.א.] מיט דעמ פארדינסט, וואָס זיי ברענגענ אימ אײַנ אינ זײַנ שוטפעס, אז זיי זאָלנ האָבנ פארנאָסע בערעוואכ, זיי זאָלנ קענענ סכארלימעד צאָלנ צו דער צײַט אונ א פאָר שיכ דער ווײַב מאכנ אפ א רעגל. צומ סאָפ לאָזט זיכ אויס, לעבנ זיי נאָר, די מענטשנ, וואָס זיי ארבעטנ אזוי שטארק, גאָר אינ דאכקעס. אונ בא די קירישע נעגידימ אפילע זייערע קליינע ייִנגעלעכ גייענ שוינ אינ אטלאסענע קאפאָטקעלעכ, שאבעס אינ ראצעמאָרענע קאפאָטקעלעכ מיט זײַדענע גארטעלעכ אונ זעמשענע טײַערע שיכ אונ זעקלעכ אינדערוואָכנ, דענסטמאָל ווענ זייערע ארבעטערס קינדער גייענ ווינטער אינ גרעסטנ פראָסט אינ אויסגעקרימטע שיכ אונ די נאקעטע פיאטעס פונ די פיס שטעקנ זיי ארויס פונ די אויסגעריבענע שווארצע קויטיקע זאָקנ, אונ פונ קיינ ווארעמ לײַבל איז שוינ גאָר קיינ רייד ניט. אונ נאָכ די אלע גליקנ, וואָס איכ שרײַב דיר איצט, שרײַענ נאָכ די קירישע נעגידימ, אז זייערע מענטשנ זײַנענ בא זיי פיאווקעס. זיי נעמענ בא זיי אומזיסטע געלט פאר זייער ארבעט, וואָס זיי ארבעטנ בא זיי. נו, איצט קאָנסטו זיכ שוינ מעשאער זײַנ, ווי גוט עס איז צו זײַנ בא זיי אונ וואָס פאר א טאָעס איכ האָב געהאט מיט מײַנע דימיוינעס, וואָס איכ האָב שטענדיק געהאט וועגנ דעמ. כאָטש מע קאָנ אונדזער רעב שלוימעלענ ניט פארגלײַכנ צו זיי, ווײַל ער איז בעעמעס אינ דער היימ געווענ א פרומער ייִד אונ איז דאָ אויכ א פרומער. דאָס געלט, די 15 טויזנט רובל, וואָס גאָט האָט אימ געהאָלפנ, האָט אימ ניט קאליע געמאכט דאָ ווי אנדערע. ער מאכט הײַנט אויכ בא זיכ שאלעסודעסנ אונ גיט אלע זײַנע מענטשנ אומזיסט צו קווארטירלעכ בראָנפנ אפ שאבעס פונ זײַנ גוראלניע, וואָס קיינ אנדערע נעגידימ טוענ דאָס ניט, אָנ אײַנהאָרע, אינ זײַנ גראד. פונדעסטוועגנ ראט איכ דיר ניט, דו זאָלסט אהער קומענ צו אימ א שטעלע בעטנ. קיינ גליק שטייט דיר אינ דעמ ניט פאָר. וויִאזוי דיר איז אינ דער היימ דאָרטנ, האלט דיכ פאָרט די שוויגער אויס אפ קעסט מיט דײַנ ווײַב אונ די קינדערלעכ. וואָס איז — דו ווייסט, ווי זי פארדינט אונ וויִאזוי איר קומט דאָס אָנ? אבי דו קומסט אהיימ, טרעפסטו שוינ אלצדינג גרייט. לאָז זיכ דיר ניט

גלוסטן צו ווערן א באַלדימיוינעס. באַנוגן זיך מיט דער שוויגערס קעסט און בלײַב געזונט. פון מיר —

האַקאָטן כאַיִם בען ייִצכאָק זצ״ל מאַרגאָליס.

## אכטער בריוו

ליבער פרײַנט!

איך האָב גוט געוווּסט, אַז דו ווּעסט פון מײַן בריוו שיבער-לעוו האָבן, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט בעסער מאַכן? איך האָב דיר ניט מער ווי דעם עמעס געשריבן, די מײַסע דערפון איז פּאָרט אַזוי: דיר איז פיל גלײַכער צו זיצן בײַ דער שוויגער און איר קוקן אין דער האַנט אַרײַן אײדער צו דינען בײַ די קירישע נעגידים, אפילע פון די בעסטע פון זיי, אַזוי ווי בײַ אונדזער רעב שלוימעלען, וואָס, אין עמעס אַרײַן, ווער קען אים בעסער ווי מיר ביידע.

קעדײַ דו זאָלסט גוט פאַרשטיין, וויאַזוי דו האָסט זיך ניט וואָס צו בענקען אַהער, זאָלסט ניט מיינען, ווער ווייסט וויפל דו ווערסט אָן דערמיט, וואָס איך שלאָג דיך אָפּ און וואָס איך האָב דיר פריִער ניט געראָטן, זאָלסט אַהער קומען, וועל איך דיר באַשרײַבן דאָס לעבן פון די קירישע ייִדן, פון די רײַכערע, — ניט פון די, וואָס איך האָב מיר אין דער מאַכשאָווע פאָרגעשטעלט פון זייער גליק, וואָס עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי דאַרפן זײַן שוטפעס מיט די נעגידים און האָבן פּאַרנאָסע בערעוואַך, פון וועלכע איך האָב דיר אין מײַן לעצטן בריוו געשריבן.

דאָ אין קידע-לאַנד זײַנען קימאַט אַלע ייִדן פרײַ פון די נעסינעס, וואָס בײַ אונדז פאַלט דאָס אַמײנסטן אָף ייִדן, — אַשטייגער פּאַטענטן, טאַקסע. מע ווייסט גאָר ניט, וואָס דאָס הייסט, און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס בײַ אונדז איז מען ניט ריין דערפון. אַשטייגער, טו א כאַפּ א קירישן ייִד און פרעג אים:

— ווי איז מען זיך בײַ אײַך נויהעג מיט באָסאָר כוץ?

בלײַבט ער שטיין, כאָטש מעלק אים אויס.

— וואָס הייסט דאָס? — ווּעט ער פרעגן.

אַז דו ווּעסט אים דערציילן, אַז אונדזערע ראַבאָנים אַסערן באָסאָר כוץ און מאַכן דערויף א כײרעם, קעדײַ דער באַלטאַקסע זאָל זיי צאָלן פּינקטלעך צו דער צײַט זייער סכירעס; אַז דו ווּעסט זיי דערציילן, אַז בײַ אונדז האָט דאָס דעם אייגענעם דין ווי באָסאָר באַזער, כאָטש דאָס פלייש איז געקויפט געוואָרן בײַ אַן ערלעכן ייִדן אַרט פון א קאָשערן ייִדנס שכיטע...

— סטײַטש, ווי קאָן דאָס זײַן? — ווּעט ער דיר ענטפערן. — בײַ אײַך גע-מען דען ניט די ראַבאָנים פון אַזאַ אַרט סכירעס ווי בײַ אונדז? צו וואָס נוצט א טאַקסע? סײַדן פון דעם שויכעטס וועגן צאָלט מען אים דערפאַר; ער נעמט א קרײַצער פאַר אַן אָפּ אַרט א ריינישׁ פון א בעהיימע!

מיט איין וואָרט, ער קאָן דאָס ניט פאַרשטיין, עס קריכט אים ניט אין זײַן נאַרישן קאָפּ אַרײַן.

דאַכט זיך אויס, אַז זיי דאַרפן גליקלעך לעבן, וואָס עס קאָן שוין בעסער ניט זײַן. צום סאָף לאָזט זיך אויס פונקט קאַפויער. פון די שענקען, וואָס זיי האַלטן דאָ אָן פּאַטענטן און מעגן זיך קויפן בראָנפן, ווי זיי ווילן, טראָגט זיי



אפילע ניט אָפּ דירעגעלט מיט סכאַרלימעד צו צאָלן. בײַ אונדז, דאַכט זיך, אַז עס זאָל זײַן אַזוי וואָלוול בראָנפן ווי דאָ, וואָלט מען זיך דעם יאַרדן אויס-געטרונקען און ייִדן וואָלטן אין גאָלד געגאַנגען, און דאָ טרינקט אים עפּעס קיינער ניט, זיי פאַרשטייען אפילע ניט די טויווע, וואָס מע טוט זיי דערמיט, וואָס מע לאָזט זיי פרײַ טאָרגעווען אָן פּאַטענטן. און פלייש, אַשטייגער: בײַ אונדז זאָל קיין טאַקסע ניט זײַן און מע זאָל זיך מעגן אַרײַנפירן פלייש, פון-וואַנען מע וועט וועלן, וואָלט זיך איטלעכער אַלע טאָג געקאָכט פלייש, ניט ווי היינט וואָס מע קאָכט נאָר איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך, ווײַל די ראַזבאָיניקעס די באַלטאַקסעס מוטשען זיי. און דאָ, כאָטש קיינער מוטשעט זיי ניט, זיי מעגן זיך אַרײַנפירן פלייש, פונוואַנען זיי ווילן, עסן זיי פאָרט, די סאָנים מאַקעס, ניט קיין פלייש א גאַנצע וואָך. אָפּ שאַבעס קויפט מען אין א געזינדל פון זעקס מענטשן, אָן אײַנהאָרע, אָנדערהאַלבן פונט פלייש.

ווערסטו מיינען, אַז זיי עסן עפּשער מילכיקס א גאַנצע וואָך, — אָסער! ווער ווייסט דאָ דערפון? א קו האָט דאָ נאָר דער גוויר, א ציג אָדער צוויי ווער עס האָט, דער הייסט שוין א שיינער באַלעבאָס, און ניט איטלעכער קאָן דאָ קומען צו א ציג, ווײַל אַמײנסטן גייען דאָ איבער די ציגן בעירושע אָדער איינער צעטיילט בעכינעם די קינדער צו איין ציג. אַזוי אַז מע ווייסט אפילע ניט איר ווערט און וויפל דאַרף קאָסטן, אַז מע זאָל זי ווּעלן פאַרקויפן, זי איז גאָרניט בעניטצע צו באַקומען אָפּ א מאַרק.

מילכיקס באַנוצט מען נאָר דאָ אָפּ שוועס אָדער צו א קימפּעטאָרן אָפּ א מילכעדיקן גריץ מיט פּערלגרויפּן אָדער גערשטענע, וויאַזוי דאָ איז אײַנגעפירט.

היינט מיט די איבעריקע פּאַרנאָסעס מיט זייערע, וואָס זיי האָבן פון דעם פאָרעץ, האָט מען זיי אויך עפּעס איבעריק גיט מיט וואָס מעקאַנע צו זײַן. זאָלסט זען, וואָס עס טוט זיך איבער, אַז דער פאָרעץ קומט אַמאָל אין שטאָט אַרײַן, בײַ דעם אַרײַנפאָר-הויז, וואָס דער פאָרעץ שטייט אײַן. עס קאָכט דאָרט ווי א קעסל אין דעם אײַנפאָר, איטלעכער רוקט זיך צו דער טיר מיט דעם כײדער, ווי ער פאַרנעמט, אַז ער זאָל זײַן דער ערשטער זיך צו זען מיט דער באַלע-באָסטעס טאָכטער, ווו ער שטייט אײַן, דורך איר געוואָר ווערן, וואָס דער פּאָ-רעץ דאַרף, ווײַל אָן איר מאַכט ער קיין שום געשעפט, ווײַל זי איז א כאַכאָמע און דערצו א יעפאַסטויאַר אויך. היינט דאָס געשלעג, וואָס עס ווערט דערנאָך צווישן זיי, וואָס איטלעכער לויפט און אײַלט זיך, אַז ער זאָל אויספּייען דעם פאָרעץ צו ברענגען, וואָס ער דאַרף, פאַר דעם אַנדערן, אַז יענער זאָל ניט פאַר-כאַפּן די מעציִע, און אַרום און אַרום טרעפט דאָס עפּשער אָן א ריינישׁ פאַר-דינסט. איז אָן שרעק! צומאָל מאַכן זיי יאַדאַכאַס, אַז זיי זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן ניט איבערשלאָגן.

און דאָס אינגאַנצן דערצייל איך דיר שוין פון דער רײַכער מאַדרייגע מענטשן, און פון יענער מאַדרייגע מענטשן ווּעסטו שוין, דאַכט זיך מיר, אַליין פאַר-שטיין, וויאַזוי זיי קאָנען שוין לעבן.

זעסטו, איין זאַך איז מיר דאָ געפעלן, וואָס מע קאָן פון דעם עמעס ניט אָוועקגיין, — ייִדישקײַט. דערמיט מעג מען זיי דאָ מעקאַנע זײַן. בײַ אונדז ווּעסטו שוין אַזוינע ייִדן ניט געפינען. ווי פרײַ זיי זײַנען דאָ, וואָס א ייִד מעג דאָ זײַן אפילע ספּראַוונִיק און נאָך עפּשער א גרעסערער טשין, אַבי ער זאָל נאָר

געלערנט זײַנ, ער זאָל קענענ שרײַבנ אונ לײענענ דײַטש. פונדעסטוועגנ וויל קײנער דאָס נארישקײַט ניט טאָנ, ער זאָל זיכ לערנענ אינ די שקאָלעס, ער זאָל דערצו קומענ. דאָ וויל קײנער ניט פארבײַטנ אווילעמהאבע פאר כאיע אווילעמהאזע, ניט ווי בא אונדז, כאָטש זײ ווײסנ אלײנ, אז זײ וועלנ אפילע קײנ קווארטאלניעס ניט ווערנ, אז זײ וועלנ קענענ גוײִש לײענענ אונ שרײַבנ, פונדעסטוועגנ לערנענ זײ פאָרט אינ די שקאָלעס. קוימ לערנענ זײ זיכ נאָר אויס צוויי שורעס גוײִש אָנשרײַבנ, בײַטנ זײ זײערע נעמענ איבער פונ יעקל אפ יאקימ, פונ מאָרדכע — אפ מאקסימ. אָט פונ די זאכנ ווײסט מענ דאָ קלאל ניט.

עפשער צוליב דעמ ווילסטו אהער קומענ, זאָלסט פונ די אלע זאכנ טײַנעג האָבנ, אינ די ברײרע בא דיר: ווילסט אהער קומענ, אזוי שרײַב מיר, וועל איכ רײדנ מיט אונדזער רעב שלוימעלענ, ער וועט דיר אוואדע בא זיכ אנ אָרט געבנ, אונ איכ וועל דיר באלד שרײַבנ, זאָלסט אהער קומענ. בלײַב געזונט אונ באטראכט דיכ, וואָס דו האָסט צו טאָנ. פונ מיר —

האקאָטנ כאימ בענ יִצכאָק זצ״ל מארגאָליס.

## נ ײַ נ ט ע ר  ב ר י װ

ליבער פרײַנט!

ווי עס זעט אויס, ביסטו אפ מיר בארוגעז אונ ווילסט מיר דערפאר קײנ בריוו שרײַבנ שוינ אזא צײַט, ווײַל איכ האָב דיכ אָפּגעשלאָגנ אינ מײַנ לעצטנ בריוו, דאָס דו זאָלסט אהער ניט קומענ, דאָס זע איכ ארויס פונ דײַנ שווײַגנ. גלייב מיר, אז איכ בינ אינ דעמ גאָר ניט שולדיק. פונקט ווי דו ווילסט דאָ זײַנ, וויל איכ נאָכ מערער, נאָר, ווי עס זעט אויס, אז גאָט וועט הײסנ, וועסטו אינגיכסטנ דאָ זײַנ, דענ איצט מאכט זיכ דאָ א נײַע זאכ. זאָבאלד עס וועט ניגמער ווערנ, וועל איכ דיר דערפונ שרײַבנ.

די מײַסע דערפונ איז אזוי:

הײַנטיקנ שאבעס איז געווענ בא אונדזער רעב שלוימעלענ א סודע, ווײַל ער איז א גאבע אינ דער כעוורע „גמילעס-כאסאָדימ", אונ דער שאבעס געהערט צו דער כעוורע. וואָלסטו געוועזנ זענ, וואָס פאר א סודע עס איז געווענ, אז אלטע מענטשנ געדענקענ ניט אזא סודע. צײַט די כעוורע איז ניסיאכעד געוואָרנ, געדענקט גאָר קײנער ניט, אז אזא סודע זאָל אמאָל ערגעצ געוועזנ זײַנ. די מײַכאָלימ אונ די מאשקאָעס האָט זיכ זײ קײנעמ אפילע אינ כאָלעמ ניט פאָרגעשטעלט. הײַנט דער טאנצ, וואָס עס איז געווענ שאבעססצונאכט, איז גאָר געווענ א גאָטס ווונדער. איכ ווײס גאָר ניט, צו רעב שלוימעלענ, אָנ אײַנהאָרע, האָבנ זיכ די קיבעס געגומענ אפ אזויפיל, אז ער האָט א גאנצע נאכט געטאנצט, גאָט זאָל אימ טאקע קיעכ געבנ אלצדינג אויסצוהאלטנ.

זאָלסט זענ, וואָס פאר א סאוולענ ער איז, וואָלסטו זיכ געוווּנדערט. אז עס קומט דער טאָג, וויפל איטלעכער דורעט אימ אָנ, דער קומט צו אימ נאדנ-געלט אײַנלײגנ, דער מיט אנ אײצע, אײנער קומט צו אימ מיט א בריס אונ אזוי שטאָט-זאכנ, וואָס ער זאָגט זײ קײנעמ ניט אָפּ. אנ אנדערער אפ זײַנ אָרט וואָלט דאָס גאָר ניט געוואָלט אָנעמענ, וואָרעמ, אינ עמעס רײדנדיק, האָט ער זײַנע אײגענע געשעפטנ גענוג. עס מאכט זיכ אפילע אמאָל, אז ער שיקט אָפּ צו אנ



אנדערנ מיט נאדנ-געלט אײַנלײגנ. טשעפעט מענ זיכ צו אימ אָבער אזוי צו, אז ער קאָנ זיכ ניט אָפּזאָגנ אונ מוז דאָס פאָרט אָנעמענ, וואָרעמ ער איז זיכ פאָרט רעב שלוימעלע מיט זײַנ אײדעלנ כאראקטער.

אצינד האָט זיכ דאָ געמאכט א נײַע זאכ. דער אלטער גאבע פונ ערעצ-יִסראָעל-געלט איז ר״ל פלוצעמ געשטאָרבנ! האָט מענ געמאכט אנ אסיפע, אונ עס איז געבליבנ, אז רעב שלוימעלע זאָל ווערנ גאבע פונ ערעצ-יִסראָעל-געלט. ער וויל דאָס אפילע ניט אָנעמענ — נאָר מע האָט זיכ צו אימ צוגעטשעפעט, אונ איכ ווײס, אז ער וועט זיכ ניט קאָנענ אָפּזאָגנ. עפּעס א דוואר-פעלע! דאָ איז א מינהעג, אז דאָס גאבאָעס פונ דעמ ערעצ-יִראָעל-געלט גײט איבער בעיערושע, דארפ דער איצטיקער געוועזענער גאבע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָבנ א זונ ניט קײנ לײַט, ער זאָל ניט זײַנ קײנ מערוצע לאקאָהאָל. מע האָט בא אימ געפונענ א מינ אפיקאָרסיש סײפער, איכ ווײס ניט, ווי זײ רופנ דאָס דאָרט אָנ — „זשורנאל", אנדערע זאָגנ „השחר", אונ מע דערצײלט נאָכ אפ אימ עפּעס ניט קײנ שײנע זאכנ. א טײל זאָגנ, אז ער לערנט פויליש אונ דײַטש ביגנײווע. נאָר נאָכ וואָס זאָל איכ אפ אנ ערלעכנ יִדנס א זונ מאלשינ זײַנ? צו וואָס נוצט מיר מײַנ לאָשנהאָרע? גאנצ גענוג, אז מע האָט אימ מאוויר נאכלע געווענ, אז ער זאָל ניט גאבע זײַנ אפ דעמ פאָטערס אָרט.

עס געפינט זיכ אפילע אײנער, וואָס ער איז געווענ דער הויפּט-מעשולעכ באמ פריִערדיקנ גאבע. עס קאָסט אימ שוינ היפּשע עטלעכע רײניש מאשקע, נאָר עס וועט אימ גאָרנישט העלפנ. ערשטנס איז ער, וואָס ער איז, אונ אונדזער רעב שלוימעלע איז פאָרט רעב שלוימעלע, זײ האָבנ שוינ צײַט געהאט זיכ גוט צוצוקוקנ צו זײַנע מײַסימ, וואָס ער האָט פונזײערטוועגנ געטאָנ, צײַט ער איז צו זײ ארויפגעקומענ. זײַנ גוטסקײַט, וואָס ער איז צו מענטשנ, וואָס זײ דינענ בא אימ, זײַנע סודעס, וואָס ער מאכט פונ זײַנ אײגענער קעשענע אונ ניט פונ כעווירע-געלט, אזוי ווי די פריִערדיקע גאבאָימ פלעגנ אָנווײַזנ א רעכענונג, אז די קלענסטע סודעלע האָט זײ געקאָסט פונ כעוורע-געלט עפשער 100 רײניש. אָט דאָס אלײנ פארדינט, אז מע האָט צו אימ אזא צוטרויענ. אונ צווײטנס, איז ער, רעב שלוימעלע, טאקע פּאָשעט א גוויר. ער איז מער באָטואכ, אז בא אימ זאָל זיכ געפינענ אזא סומע געלט ווי בא יענעמ. עס גײט נאָכ א ביסל שווערלעכ צו, ער וויל דאָס נאָכ ניט אָנעמענ, נאָר עס מאכט ניט אויס. אמײַ ער וויל אמאָל קײנ נאדנ-געלט ניט צונעמענ צו זיכ, אונ פונדעסטוועגנ בעט מענ אימ אײַנ. מע וועט אימ מינאסטאמ דאָ אויכ אײַנבעטנ, אונ ער וועט זײ מוזנ צוליב טאָנ, וואָרעמ ער איז פאָרט א יִד א כאָכעמ. וואָס איז, ער זעט דענ ניט ארויס, אכוצ אימ איז אינ שטאָט קײנ אנדערער ניטאָ, אז מע זאָל אימ מעגנ דאָס גאבאָעס צוטרויענ?

אז עס וועט ניגמער ווערנ, וועל איכ דיר באלד שרײַבנ, זאָלסט אהער קומענ, אונ מיר וועלנ בײדע ווערנ מעשולאָכימ פונ דער סוויווע אפ צונויפנעמענ דאָס ערעצ-יִסראָעל-געלט. דענסטמאָל, זעסטו, וועסטו פאָטער ווערנ פונ דײַנ שווײגער, אזוי ווי איכ פונ מײַנ ארורע, אונ מיר וועלנ האָבנ פארנאָסע בערעוואַכ, אז גאָט אונ לײַט וועלנ אונדז מעקאנע זײַנ. אינ דעמ מעגסטו זיכער זײַנ, אז מיר וועלנ מעשולאָכימ דערבײַ ווערנ אונ צוליב אונדז וועט רעב שלוימעלע אָפּזאָגנ די קירישע. אָט דענסטמאָל וועסטו ערשט ארויסזענ, ווי עס איז דאָ האש-

גאָכאס-האבוירע, וואָס ער האָט אים אזויפיל געהאָלפן, קעדיי עס זאָל אונדז אויך א טויווע ארויסקומען. בלײַב געזונט און פארליר ניט קיין האָפענונג. פון מיר —

האקאָטן כאַים בען יִצכאָק זצ״ל מארגאָליס.

## צענטער בריוו

ליבער פרײַנט!

איצט קאָן איך דיר שרײַבן א נײַס, וואָס דו וועסט זיך נאָר דערקוויקן, איצט מעגסטו שוין פארגעוויס אהער קומען. נאָר דאָס שרײַב איך דיר, אז דו זאָלסט וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן. לעמאַנעשעם זאָלסט מיטנעמען פון דער היים אלצדינג פון דײַנע כפייצים, אז עס זאָל אפילע קיין פאָדעם ניט בלײַבן פון דיר, אז עס זאָל זײַן אזוי ווי אין וואסער ארײַן, אז קיין טאָטער, קיין זנאכערקע, קיין קאָרטנוואָרפערן, קיין באלשעם, לעהאוודל, זאָלן קיין שום סליעד ניט דערגיין, ווו דו ביסט. נאָך מײַן מיינונג מעגסטו נאָך פארבלײַבן אין דער היים, ביז אלע יאָמטויוויִם וועלן איבערגיין, זאָ ווי עס ניט ווײַט פון ראָשעשאָנע, איז ניט קעדײַ פון דער היים אוועקפאָרן אין אזא צײַט, וואָס ווער ווייסט ווו דיר קאָן ארויסקומען יאָמטעוו צו האלטן. און דערצו, אז דו וועסט אָנקומען שפעטער א ביסל, וועסטו אויך גאָרנישט פארזאמען.

די מײַסע דערפון, וואָס איך שרײַב דיר, אז דו מעגסט אהער קומען געוויס, איז אזוי:

דאָ האָט זיך געמאכט גאָר א נײַע זאך — בא דער אסיפע, וואָס עס איז געוועזן און מע האָט אונדזער רעב שלוימעלען אויסגעקליבן פאר א גאבע איבער דעם ערעצ-יִסראָעל-געלט, האָט מען אָנגעהויבן ריידן מיקויעך דעם מערכעצ, וואָס עס איז שוין זייער אלט און מע דארף דאָס איבערבויען און עס איז ניטאָ פון וואַנען געלט צו נעמען. דערויף האָט רעב שלוימעלע אן אייצע געגעבן, אז מע זאָל דאָס מערכעצ פארסעקורירן. מיר איז אפילע א שטארקער וווּנדער געווען אף אזא כאָכעם ווי ער, ווי פאלט ער אויף דאָ א נארישקײַט צו זאָגן. וואָס געהערט זיך אָן סעקורירונג מיט דעם, וואָס קיין געלט איז נישטאָ אף א נײַער באָד איבערצובויען? און ווידער האָב איך געטראכט: זיי האָבן מוירע, די אלטע באָד זאָל כאָלילע ניט אָפגעברענט ווערן, און א סעקורירטע הויז ברענט דען ניט? וואָס פאר א באוואָרעניש איז דאָס? עס איז עפעס בא מיר אויסגעקומען ווי איבעריק דער גאנצער פלאן זײַנער. נאָר וואָס דען, אז איך האָב געזען, אז אלע נעמען דעם פלאן אָן, איז בא מיר, ניט פארשטייענדיק, אויך רעכט געוואָרן. „רעב שלוימעלע איז זיך פאָרט א כאָכעם, — האָב איך בא זיך געטראכט, — מינאסטאם ווייסט ער, וואָס ער האָט צו טאָן, אים דארף מען ניט לערנען". אוואדע, אוואדע האָט מען אים געפאָלגט, מע האָט די באָד סעקורירט, און צו די אכט טאָג איז זי אָפגעברענט געוואָרן, דערנאָך האָב איך ערשט געזען, אז עס איז טאקע עפעס א גאָט-זאך. אז נאָר מיט האשאָמאַיִם איז ער געוואָר געוואָרן, אז דאָס מערכעצ וועט אָפגעברענט ווערן. איבער דעם האָט ער די קלוגע אייצע געגעבן, וואָס איך האָב ניט פארשטאנען, אז פאר א סעקורירטער באָד קאָן מען געלט נעמען בא דער „כעווירע סעקוראנט". עס האָט זיך אָבער פאָרט נאָך געלט



געפעלט! אָט דאָ האָט מען ערשט ארויסגעזען זײַן גרויסקײַט. ער, רעב שלוימעלע, האָט אן אייצע געגעבן דער שטאָט, מע זאָל מאכן א טאקסע אף הייוון און אף יִדישן טאלפן זאלצ, אז נאָר איינער זאָל דאָס פארקויפן. די קירעס, די שויטים, האָבן גאָר ניט פארשטאנען, וואָס דאָס הייסט, און קיינער האָט די טאקסע ניט געוואָלט דינגען. אנדערע האָבן גאָר געמאכט א גוואלד דערויף, זיי האָבן געזאָגט: בעכיינע, וואָס איז, עס וועט זיי אזויפיל אָנרירן וויפל די גרעסטע גווירים, ווײַל זאלצ און הייוון באנוצן זיי אזויפיל וויפל די גווירים און אז עס קומט עפעס צו א דייע — האָבן זיי גאָרניט, מע פרעגט זיך אפילע בא זיי ניט אָן, וואָס מע וויל מאכן פון זייערע אָרעמע, בלוטיקע, פארהאָרעוועטע געלט. נאָר ווער האָט זיי געהערט מיט זייער גוואלד? רעב שלוימעלע האָט די טאקסע גענומען אף זיך, אז וויפל עס וועט מאכן, זאָל ער דאָס אינגאנצן אוועקגעבן דער שטאָט. דער ראָוו האָט באלד געלאָזט צונויפרופן די גאנצע שטאָט אין בעסמעדרעש ארײַן און האָט געמאכט א כיירעם, אז קיינער טאָר קיין הייוון און זאלצ אין ערגעצ ניט קויפן כוצ בא אונדזער רעב שלוימעלע. פון א טאלפן זאלצ דארף יעדער צאָלן פיר קרייצער טאקסע און פון א קוואָרט הייוון זעקס קרייצער. און אזוי איז דאָס שוין פאר אים געבליבן, און מע האָט זיך שוין גענומען די באָד בויען. נו, הײַנט קאָנסטו שוין פארשטיין, אז מיר ביידע וועלן שטעלן האָבן בא אונדזער רעב שלוימעלען — צי בא ערעצ-יִסראָעל-געלט צי בא דער טאקסע, דאָס מאכט שוין ניט אויס, אבי מיר זאָלן האָבן א שטעלע און פארנאָסע בעקאָוועד.

כאָטש איך האָב נאָך מיט אים ניט גערעדט דערפון, נאָר פונדעסטוועגן רעכן איך, אז מיר וועלן צו אים צושטיין, וועט ער אונדז מוזן געבן א שטעלע, וואָרעם צו וועמען דען קאָנען מיר אזויפיל צושטיין, אז ניט צו אים? צו אנדערע גווירים געוויס ניט. צי פילן זיי דען דאָס שלעכטקײַט פון אן אָרעמאן, אז זיי זײַנען קיינמאָל קיין אָרעמעלײַט ניט געווען? אונדזער רעב שלוימעלע אָבער, ער איז זיך יאָ געוועזן אן אָרעמאן גלײַך מיט אונדז, ער פילט זיך יאָ, ווי ביטער איז אונדז, אוואדע וועט ער אונדז ניט אָפזאָגן און וועט מוזן געבן שטעלעס, און ביפראט, אז מע זעט ארויס, אז עס איז א האשגאָכע פראָטיס, דערמאָן זיך אליין: וויפל דער פריִערדיקער גאבע האָט געלעבט און ניט געשטאָרבן, האָט גראָד געדארפט איצט שטארבן און רעב שלוימעלע זאָל גאבע ווערן אף זײַן אָרט, הײַנט די באָד איז שוין אלט עפשער 100 יאָר און איז נאָך אפילע איין מאָל ניט אָפגעברענט געוואָרן, און איצט האָט זי פלוצעם אָפגעברענט, און רעב שלוימעלע איז געוואָרן דער גאנצער שטאדלען פון דעם בויען. קיין טאקסע איז דאָ קיינמאָל ניט געווען, און איצט איז גאָר פלוצעם דורך זײַן אייצע געוואָרן א טאקסע. הײַנט וואָס נאָך מער ווילסטו?

נו, קאָנסטו פארשטיין, אז די שטעלע איז א זיכערע און מעגסט אהער קומען. איצט בלײַבט ניט מער פאר דיר, זאָלסט זיך נאָר ביגניִווע פון דער היים ארויסכאפן, קיינער זאָל דערפון ניט וויסן. אז דו וועסט אהער קומען, וועט אלצדינג רעכט זײַן. ווײַטער בלײַב געזונט און האָב מיר א כתיבה וחתימה טובה.

פון מיר דײַן בעסטער גוטער-פרײַנט, וואָס ווינטשט זיך מיט דיר צו זען אינגיכסטן.

האקאָטן כאַים בען יִצכאָק זצ״ל מארגאָליס.

## עלפטער בריוו

ליבער פרײַנט!

מיט גרויס שרעק און מיט ציטערניש שרײַב איך דיר דעם ווײסטן בריוו. אײַ! אן אומגליק האָט אונדז געטראָפן. אונדזער זון איז אונטערגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג.

הײַנטיקן פרײַטיקצונאכט, מע איז נאָר געקומען פון דעם בעסמעדרעש, מע האָט זיך נאָרוואָס געוואָלט שטעלן קידעש מאכן, האָט מען באלאגערט אונדזער רעב שלוימעלעס שטוב. עס זײַנען ארײַן עטלעכע קירישע זשאנדארמעריעס מיט א קאָמיסאר און אדיוטאנט און מע האָט זיך גענומען מאכן אן אָביסקע. זיי האָבן אלע פאפירן צוגענומען, אלע טײַערע כפייצים און דאָס גאנצע געלט, וואָס עס איז געווען, האָט מען פארכאסמעט און מע האָט רעב שלוימעלען ערגעץ צוגענומען, קיינער ווייסט ניט וווהין. אפילע קיין קידעש האָט מען אים ניט געלאָזט מאכן אין דער היים. די גאנצע שטאָט איז אויך באלד צונויפגעלאָפן, וויפל מע האָט פאר אים ניט געבעטן, אז ער זאָל כאָטש איבער שאבעס אין דער היים פארבלײַבן און מע זאָל שטעלן א וואך לעבן טיר, ער זאָל ניט אנטלויפן, און עס האָט ניט געהאָלפן. אפילע דאָס, פארוואָס מע נעמט אים, מע זאָל געוואָר ווערן, וויפל מע האָט זיך ניט געסטארעט דאָס צו דערגיין, איז אלצדינג אומזיסט געווען. שאבעס אינדערפרי האָט מען קוים מיט צאָרעס געפויעלט מע זאָל אים אין געפענקניש ארײַנגעבן א טאלעס און עסן לעקאָווער שאבעס. די קירישע זשאנדארמעריעס, די רעשאָים, האָבן זיך נאָך געריצט, זיי האָבן געלאכט און געזאָגט: שיינע, ערלעכע ייִדן שטאָט-באלעטויוועס האָט איר בא זיך, וואָס זיי פירן אײַערע שטאָט-זאכן מיט אײַך אינאיינעם בא דער נאָז.

איך זאָג דיר, מײַנע קויכעס עקן זיך אין מיר. שוין דעם אנדערן טאָג, אז איך האָב ניט טויעם טאם אכילע געווען. די גאנצע שטאָט גייט צעטומלט פון דער שרעקלעכער מײַסע! סטײַטש, פארוואָס קומט דאָס, אז אזא פרומער ייִד זאָל פלוצעם אפ זיך האָבן אזא כשאד, אז ער זאָל נעבעך דארפן זיצן אומזיסט און אומנישט. אין שטאָט גייען ארום אלערליי פאָטשטן. איינער זאָגט, אז ער האָט עפּעס אין גוראלניע געמאכט א מאָשענסטווע, דערפאר האָט מען אים גענומען און ארײַנגעזעצט. די אנדערע זאָגן, אז ער האָט געהאנדלט מיט רוסיש פאלש געלט, דערפאר האָט מען אים גענומען, א טייל זאָגן, אז ער האָט נאָכגעמאכט פאלשע וועקסלען. און נאָך אזוינע פאָטשטן גייען דאָ אום, וואָס קיינער קאָן דעם עמעס ניט דערגיין.

די גוראלניע האָט מען אויך פארכאסמעט, און א סאך ייִדן, נעבעך, זײַנען געבליבן אָן פארנאָסע. צום ערשטן טאָג סליכעס האָט זיך דאָ געטאָן, אז עס איז געווען א שרעק. טײַכן טרערן זײַנען פארגאָסן געוואָרן, אז מע האָט זיך דערמאָנט, אז אזא ייִד ווי רעב שלוימעלע זאָל דארפן סליכעס זאָגן איינער אליין, אָן א מיניען, אין דער טפיסע. שפרינצעלע, זאָל לעבן, איז באלד נאָך סליכעס ערגעץ אוועקגעפאָרן, וואָס קיינער ווייסט ניט וווהין. אז איך האָב זי געפרעגט, וווהין זי פאָרט, האָט זי מיר ניט געוואָלט זאָגן. זי האָט מיר נאָר געזאָגט:

— איך בעט דיך, זאָלסט זיך דאָ עפּעס, כאָלילע, ניט ארויסכאפן מיט א באריש וואָרט.



הערסטו, וואָס מיר איז אײַנגעפאלן? איך האָב מוירע, אויב דעם געוועזענעם ערעץ-ייִסראָעל-גאבעס זון, וואָס זײַן פאָטער איז ניט לאנג דאָ געשטאָרבן, און מע האָט אים ניט געוואָלט מאכן פאר קיין גאבע אפ דעם פאָטערס אָרט, זאָל אים ניט האָבן געמאסערט מיקויעך דעם איניען פון דעם ליטוואק מיט די פופצן טויזנט רובל. א קאשע אפ אן אפיקוירעס, וואָס ער קוקט ארײַן אין א „השחר". עס האָט אים פארדראָסן, ווײַל מע האָט אים צוליב רעב שלוימעלען מאוויר נאכלע געווען, האָט ער דאָס געטאָן. איך פיל זיך א ביסל כײַעוו אין דעם: רעב שלוימעלע האָט ניט געוואָלט אָנעמען די גאבאָעס, האָב איך אים גערעדט צוריידן. אוואדע האָט ער זיך דערמיט אָנגעמאכט סאָנים. איך וועל דארפן אָפּגעבן דינוועכעזשבן פאר אזא פרומען ייִדן.

הײַנט 12 דעם זייגער איז געוועזן באלאגערט די פאָליציי. די גאנצע שטאָט איז געלאָפן מיט אים זיך זעגענען, ווײַל מע האָט אים פונדאנען אוועקגעשיקט, נאָר מע האָט קיינעם צו אים ניט געלאָזט, מע האָט זיך קוים דערוווסט דורך א שרײַבער, אז מע שיקט אים אוועק קיין רוסלאנד פאר א שטארקן פארברעך, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן. וואָס פאר א פארברעך ווייסט ער ניט, ווער ווייסט, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן. וואָס פאר א פארברעך ווייסט ער ניט, ווער ווייסט, צי ווי־אים, אזא פרומען ייִד, וועט נעבעך אויסקומען ראָשעשאָנע האלטן, צי וועט ער כאָטש הערן שויפער בלאָזן ערגעץ, ווײַל מע האָט אים פונדאנען אוועקגעשיקט פאָ-עטאפו. עס קאָן זײַן, אז אים זאָל ערגעץ אויסקומען אין א דאָרף ראָשעשאָנע האלטן. אז איך דערמאָן זיך אָן דעם אײַנציקן, עקן זיך אין מיר אלע מײַנע קויכעס. אזויווי איך רעכן, אז עס איז ניט אנדערש נאָר דאָס, וואָס מע האָט אים געמאסערט וועגן דעם ליטוואק, וועט מען דאָך אים געוויס אהיים ברענגען, בעט איך דיך לעמאנעשעם, זאָלסט מיר באלד שרײַבן דערפון, קעדיי איך זאָל וויסן, וואָס איך האָב דאָ צו טאָן. ודי לחכימא ברמיזא...

פון מיר האקאָטן כאַים בען ייִצכאָק זצ"ל מארגאָליס.

## צוועלפטער בריוו

ליבער פרײַנט!

דײַן פינצטערן בריוו האָב איך דערהאלטן.

טײַכן טרערן האָבן זיך מיר פון מײַנע אויגן געגאָסן, לייענענדיק, אז רעב שלוימעלע האָט הײַנטיקן ראָשעשאָנע קיין שויפער ניט געהערט בלאָזן. נאָך מער בין איך געווירט געווען פון זײַנעם אָנקומען צו אונדז. ווי אלע ווײַסעכוורע זײַנען אים נאָכגעלאָפן ביז צום אָסטראָג, און דער ראש, וואָס בא אונדז האָט געמאכט זײַן ברענגען. הײַנט וויאזוי אונדזערע אפיקאָרסים האָבן כויזעק געמאכט פון זײַן פרומקײַט. גאָט זאָל זיי נאָר צאָלן אפ דעם גלײַכן וועג. וואָרעם וואָס האָט מען צו אזא פרומען ייִד ווי ער? הײַנט דעם כילעל-האשעם דערפון, אז אזא ליטוואק אן אפיקוירעס, טאקע א גוי מאמעש, וואָס ער לאָזט זײַנע קינדער בעפארהעסיע אין די שקאָלעס גיין און שרײַבן אום שאבעס, זאָל ער פון אָסטראָג ארויס, און רעב שלוימעלע דארף אפ זײַן אָרט ארײַן, און דער ליטוואק זאָל בלײַבן אן אָרנטלעכער מאן. אוי! אז ווינד און וויי איז די אויערן, וואָס דארפן אזוינע זאכן צוהערן!

דײַנע אלע בריוו האָב איך דאָ פארברענט, נאָך איידער דו האָסט מיר דערפון גע-

שריבן. איצט איז פאר מיר מער ניט געבליבן, נאָר איך זאָל פאר זיך זאָרגן, אז איך זאָל פונדאנען קאָנען אוועק און עס זאָל זיך מיר, כאָלילע, ניט מאכן דער אומגליק, וואָס רעב שלוימעלע האָט זיך געמאכט. איך האָב נאָך גאנץ די הונדערט רייניש, וואָס רעב שלוימעלע האָט מיר געשענקט, אז איך זאָל מיר פונדאנעט אוועק און מײַן ארורע א געט שיקן. איצט טו איך דאָס: איך שיק דיר צו אין דעם בריוו א געט, דער געט איז געשריבן געוואָרן באם ראָוו אין שטוב קעדין, מײַן נאָמען, די איידעס נעמען, דער נאָמען פון דער שטאָט און פון דעם טײַך „דניעסטער", — אלע איידעס האָבן זיך אונטערגעשריבן, ווי עס געהער צו זײַן, עס פעלט אין אים ניט קיין קוצו שעל יוד.

איך בעט דיך, דו זאָלסט אים איבערגעבן, וויאזוי דער ראָוו וועט געפינען. כאָטש מײַנע איז אן ארורע, פונדעסטוועגן וועל איך זי פאר קיין אגונע ניט מאכן, דערפאר ווײַל זי האָדעוועט מײַן פיסקאלי.

הײַנט פאָר איך פונדאנען אוועק. ווהין, ווייס איך אליין ניט. אז איך וועל ערגעץ קומען אפ אן אָרט, וועל איך דיר געוויס שרײַבן. מער קיין בריוו שרײַב מיר ניט, ביז דו וועסט פון מיר קיין בריוו ניט דערהאלטן.

האקאָטן כאַים בען ייִצכאָק.

דער הערויסגעבער פון „גאליציאנער בריוו" בעט די געערטע רעדאקציאָן „קול לעם" צו דרוקן דיזע מודאָע:

„ישראל רחמנים בני רחמנים! שוין 10 יאָר, ווי מײַן מאן האָט מיר אָפגעשיקט א געט פון גאליציע און איז אוועקגעפאָרן אין ווײַטע מעדינעס, נאָר בעו"ה איז דער געט פאָסל געוואָרן, מאכמעס אין דעם געט איז געשריבן דער נאָמען פון דעם דאָרטיקן טײַך „דניעסטער", און דער היגער ראָוו, זאָל לעבן, האָט געזאָגט, אז עס דארף שטיין „נעסטער", אָן א „ד". און אזוי, נעבעך, ווער איך פארפינצטערט שוין 10 יאָר. על כן ישראל רחמנים בני רחמנים, טאָמער וועט איר זען ערגעץ מײַן מאן, זאָלט איר אים בעטן, ער זאָל מיר אן אנדער געט שיקן אפן היגן ראָווס נאָמען. זײַן נאָמען איז כאַים בען ייִצכאָק מארגאָליס, בערעך א יאָר 35, א הויכער, א שווארצער, פון גאָרגל גייט ארויס ווי א קנאָפ און אפ דעם לינקן אויג א בעלמע.

ממני העגונה דוואָסיע בת ר' טרײַטל ז"ל.

## 6. „אָדעסער ווילע יונגען"

### 1

צוליב דער כאראקטעריסטיק פון דער געזעלשאפטלעכער אטמאָספער, וואָס שאפט זיך ארום דער ייִדישער ליטעראטור אין די 70־ער יאָרן, לויגט זיך אָפשטעלן אפ דעם צווייבענדיקן ראָמאן, „אָדעסער ווילע יונגען", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1872.

ווי עס לאָזט זיך פארשטיין פון אייניקע אָנווײַזונגען אין טעקסט פונעם ראָמאן (ער איז דערשינען אנאָנים), איז דער אווטאָר פון די „אָדעסער ווילע יונגען" געווען מ. דאנציג צו יענער צײַט, דאָס הייסט אין 1872, האָט מ. דאנציג



געהאט פארעפנטלעכט אפ ייִדיש בלויז צוויי ווייניק־באדײַטנדיקע לידער־זאמלונגען „דער ליטוואק" (1869) און די „ליטוואטשקע" (1870). געשריבן האָט מ. דאנציג זײַנע לידער אין עליאָקום צונזערס נוסעך. ער האָט אפילע אָפגעדרוקט א ספעציעלע ווענדונג צו ע. צונזערן, ווו ער האָט, אגעוו, געשריבן:

דײַנע לידער זײַנען האָניק — גיב זיי צו געניסן,
ייִדן ליבן האָניק — זיי ווילן לעקן די פינגער.
גיפט, קריטיק זאָלסטו אין דעם האָניק ארײַנמישן,
וועט דאָס אפ זיי ווירקן בעסער און גרינגער...

(„דער ליטוואק")

דעם זעלבן געבאָט — ארײַנצומישן אין דער ליד „גיפט, קריטיק" — האָט מ. דאנציג געהאלטן אָנגעמאָסטן אויך פאר זיך אליין. און ער האָט ווירקלעך אין אייניקע לידער געפרוווט ארויסטרעטן מיט „קריטיק", נעמענדיק דערבײַ אלס אויסגאנג־פונקט אמאָל מענדעלעס א מאָטיוו [1], אמאָל צונזערס. ווען־ניט־ווען קאָן מען בא דאנציגן אין די לידער טרעפן אויך זײַנעם אן אייגענעם מאָטיוו.

איינער אזא מאָטיוו, צו וועלכן מ. דאנציג איז געקומען דורך זײַן אייגענער דערפארונג, איז געווען די „קריטיק" פון דער שטאָט אָדעס. דאנציג קריטיקירט פארשיידענע געוווינהײַטן פון די אָדעסער אײַנוווינער, זייער יאָגעניש נאָך דער „מאָדע" אאוו. ערטערווײַז באמערקט זיך אָבער, אז דאנציגס אומצופרידנקײַט רופן ארויס ניט בלויז אָט די אויסערלעכע שטייגער־דערשײַנונגען. אזוי, לעמאָשל, קומט מ. דאנציג אין איין אָרט צו דערציילן:

אָדעס איז געווען גוט מיט עטלעכע יאָר צוריק,
עפעס גאָר אן אנדערע צײַט, גאָר אן אנדער גליק!
א שטאָט דורכויס פון גווירים איז זי געווען,
און קיין אָרעמאן האָט מען גאָר אין די אויגן ניט געזען.

1 א כאראקטעריסטישן מענדעלע־מאָטיוו טרעפן מיר בא מ. דאנציגן אין דער „ליטוואטשקע":

ייִדן פאלן ווי די סנאָפעס אין די גאסן,
אין יעדער ווינקל ווערט ייִדיש בלוט פארגאָסן;
הונגער, כאָלערע און נאָך אנדערע צאָרעס...
וואָס טוען די ראבאָנים? שטעלן כופעס אפן בייסהאקוואָרעס!
מע פאָרט, מע טאנצט, מע שרײַט: „מאזלטאָוו!"
לעבן זאָל כאָסן־קאלע, לעבן זאָל דער ראָוו.
אין אונדזער ראָווס זכוס לעבן מיר אלע —
לעבן זאָל דער כאָסן, לעבן זאָל די קאלע!

— לעבן זאָלט איר, ייִדן, — ענטפערן מיר מיט אן אומעטיק פּאָנעם:
לעבן זאָלט איר, ייִדן, אָבער אונטער בעסערע ראבאָנים!
לעבן זאָלסטו, אָרעם פאָלק, אונטער ווייניקער גזיירעס,
אונטער ווייניקער מיצוועס, אונטער ווייניקער אווייראס,
אונטער ווייניקער קאָהאָלס־לײַט, אונטער ווייניקער קאבראָנים,
אונטער ווייניקער באטלאָנים, אונטער ווייניקער קאפצאָנים!..

פלעגט זיכ עפּעס אַרײַנכאַפּנ א ליטוואַק פונ דער זײַט
אונ פלעגט אונטערשטאַרבנ פונ הונגער עפּעס גראָד אינ זײַנ צײַט,
פלעגט מענ זאָגנ: אָט דאָס איז טאַקע דער ערשטער אינ אָדעס!
וואָס איז דאָס פאַר א מינ בריִע? עפּעס א פּאָנעם פונ א מעס?
יעצט איז אָדעס דורכויס א שטאָט פונ מײסים,
נאָר אָנ טאַכריכים... אָנ ציצים... אָנ טאַלײסים...
(„דער ליטוואַק.")

די דאָזיקע שורעס, וואָס מיר טרעפנ אינ מ. דאַנציגס בוכ פונ 1869־טנ יאָר, זאָגנ אײדעס, אַז מ. דאַנציג איז ניט געווענ דורכגעדרונגענ מיט דער היספּײַלעס פאַר דער שטאָט אָדעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ליטעראַטור פונ די 60־ער יאָרנ. ווענ מ. דאַנציג זאָל געווענ גענומענ פאַר א מוסטער די באַציִונג צו דער שטאָט אָדעס, וואָס ווערט אויסגעדריקט אינ די 60־ער יאָרנ אינ „קול מבשר", וואָלט ער זיכער ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטנ מיט אַזא קאַטעגאָרישער באַהויפּטונג, אַז אָדעס איז „א שטאָט פונ מײסים". דער „קול מבשר" — דער גרעסטער טײל שרײַבער, וואָס האָבנ זיכ אַרומ אימ גרופּירט, — האָבנ די שטאָט אָדעס געוואָלט אויסמאָלנ דאַפקע ווי די אידעאַלע פאַרקערפּערונג פונ „פּראָגרעס אונ ציוויליזאַציע".

וואָס נעענטער צו די 70־ער יאָרנ, אַלצ מער הײבט אָנ קלאָר ווערנ, אַז די האָפענונגענ פונ דעם אַלגעמײנעם וווילשטאַנד, וואָס די אַזויגערופענע „וועסנע־צײַט" פונ די 60-ער יאָרנ האָט געזאָלט ברענגענ, האָבנ זיכ ניט באַרעכטיקט. אינ אײנקלאַנג דערמיט הײבט אָנ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור פונ די 70־ער יאָרנ זיכ בײַטנ אויכ די באַציִונג צו דער שטאָט אָדעס. די היספּײַלעס פאַר דער שטאָט אָדעס הײבט אָנ פאַרשווינדנ.

די דערנענטערונג פונ דעם עקאָנאָמישנ קריזיס האָט נאָכ מער פאַרערגערט די לאַגע פונ די ברײטע מאַסנ, פאַרגיכערט די פאַראָרעמונג פונ דעם גרויסשטאָטישנ קלײנבירגערטום, אַוועקשטעלנדיק דאָס קלײנבירגערטום פאַר דער געפאַר פונ פולשטענדיקער רויִנירונג. פאַרבײַגײנ די דאָזיקע פּראָצעסנ האָט מענ שוינ דאָס מאָל ניט געקאָנט. די פּראָבלעם פונ אָדעס — דער „שטאָט פונ מײסים" — האָט אָנגעהויבנ צוציִענ די אויפמערקזאַמקײַט פונ גאָר ברײטע לײענער־מאַסנ. מ. דאַנציג האָט באַשלאָסנ אָנצושרײַבנ א גאַנצ ווערק, וואָס זאָל געבנ א ברײטע שילדערונג פונ דער שטאָט אָדעס. אָט אַזוי איז עס אַנטשטאַנענ דער ראָמאַנ „אָדעסער ווילדע יונגענ".

2

ווי פאַר זײַנע לידער, אַזוי האָט מ. דאַנציג אויכ פאַר זײַנ פּראָזע אויסגעקליבנ א באַשטימטנ מוסטער. דעם דאָזיקנ מוסטער האָט ער געפונענ באַם רוסישנ שרײַבער ווסעוואָלאָד קרעסטאָווסקי, וואָס איז באַוווּסט געוואָרנ מיט זײַנ ווערק „Петербургские трущобы". לויט אָט דעם מוסטער האָט עס מ. דאַנציג גענומענ שרײַבנ זײַנע „אָדעסער ווילדע יונגענ".

קרעסטאָווסקיס ווירקונג לאָזט זיכ דערקענענ אינ מ. דאַנציגס ראָמאַנ אָפּ



שריט אונ טריט. ווי קרעסטאָווסקי אַזוי האָט מ. דאַנציג אויכ א באַזונדערנ כײשעק זיכ צו גריבלענ אינ דער אונטערוועלט, אינ די „אָדעסער קעלערס אונ טרושטשאָבעס," ווי דאַנציג רופט עס אָנ. דאָ אונ דאָרט לאַדט ער אײַנ דעם לעזער: „מיר וועלנ זיכ מאַטריִכ זײַנ אַרײַנגײנ אינ דעם טראַקטיר", אונ ער גיט אָפּ גאַנצע זײַטלעכ אָפּ דער גענויסטער באַשרײַבונג פונ די אָדעסער שענקנ[1]. אָבער פונדאַנענ, פונ דער אונטערוועלט, גיט מ. דאַנציג אינ אײנ אויגנבליק א שפּרונג אַרײַנ אינ די „היכע פענצטער" פונ די אָדעסער „נעגאָציִאַנטנ" אונ באַווײַזט, אַז אויכ דאָרטנ איז ער גענוג הײמיש, ניט ווײניקער ווי זײַנ וועגווײַזער קרעסטאָווסקי.

פונקט ווי קרעסטאָווסקי אַזוי זאָרגט אויכ מ. דאַנציג, אַז די אינטריגע פונ זײַנ ראָמאַנ זאָל זײַנ שפּאַנענדיק, ער פירט אַרײַנ אינ דער האַנדלונג פאַרשײדענע אַוואַנטיורעס, „קרימינעלע" פּאַסירונגענ, ערטערווײַז הײבט עס דערבײַ אָנ צו שמעקנ מיט יענעם וווּלגאַרנ נוסעכ, וואָס וועט שפּעטער מיט א צענדליק יאָר באַצײכנט ווערנ אַלס דער שאָמער־נוסעכ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער מעכאַבער אָבער האַלט פאַר נײטיק צו פאַרענטפערנ זיכ:

„א, איר האָט ליב געשיכטעס! — ווענדט זיכ דאַנציג צום לעזער. — גלײבט מיר, אַז איכ וואָלט קײנמאָל מײַסעס ניט געשריבנ, איכ וואָלט עפּעס געשריבנ סעריאָזנע, נאָר דער מאַדפּיס וואָלט נעבעכ די הויט דערלײגט. אַז אונדזערע ייִדנ האָבנ ליב מײַסעס פונ א בער, פונ א רעבעצנ מיט א בעדערנ, פונ א באַלשעם אונ נאָכ אַזעלכע מינע נאַרישקײַטנ"...

אונ, ווירקלעכ, קומענ באַלד נאָכ דעם קאַפּיטלענ, ווו מ. דאַנציג וויל אונטערשטרײַכנ די אידײיִשע אָנצילונג פונ זײַנ ווערק, וויל דערווײַזנ דעם לעזער, אַז אים, דאַנציגנ, איז טײַער ניט דער ווילדער געפּלעכט פונ די פּאַסירונגענ, וואָס קומענ פאָר מיט זײַנע העלדנ, נאָר די קריטיק פונ דער שטאָט אָדעס, ווו אַזעלכע ווילדע פּאַסירונגענ זײַנענ מעגלעכ.

אינעם קאַפּיטל, וואָס הײסט „דער פּראָפעסאָר זאָגט ווידע", שרײַבט דאַנציג:

„נאָכ וואָס זאָל איכ אַלצ באַשרײַבנ פעלער אונ פעלער, בלאָטע אונ בלאָטע, מיסט אונ מיסט פונ מײַנ געליבטער שטאָט אָדעס? גלײַכ ווי איכ זוכ אומיסטנ, איכ גראָב אויס פונ דער בלאָטע פאַרדאָרבענע כאַראַקטערנ, שענדלעכע פּאַראַזיטנ, קעדײ איכ זאָל מיט זײ שמירנ מײַנ געליבטע שטאָט אָדעס...

ווער איז אינ דעם שולדיק? צי איז טאַקע אָדעס אַזוי פול מיט בלאָטע, אַז עס איז שווער אַרויסצוזעענ די דימענטנ, וואָס וואַלגערנ זיכ אינ דעם מיסט? צי בינ איכ שולדיק, וואָס מײַנ טאַלאַנט איז אַזוי באַשאַפנ? כ'לעבנ, איכ ווײס ניט, נאָר טראַכטנ טראַכט איכ, אַז דאָס ערשטע איז ריכטיקער"...

פאַר מ. דאַנציגס שאַרף-קריטישער באַציִונג צו אָדעס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס זי שטאַמט ניט פונ דער טענדענצ צו אידעאַליזירנ דאָס קלײנע שטעטל. ווענג דעם לעבנ אינעם קלײנעם שטעטל האָט מ. דאַנציג א גאַנצ קלאָרע פאַר־

1 מ. דאַנציג שרײַבט: „אינ דער ייִדישער גאַס געפינט זיכ מינעלעס טראַקטיר... אינ דעם אומרײנעם טראַקטיר קומט זיכ צונויפ דער ייִדישער פּראָסטער אוילעם, עס הײסט דער אַרבעט־ייִד, דער לאָפּעטניק, דער זעק-טרעגער, דער באַלעגאָלע אונ אַלערלײ אָדעסער ערלעכע לײַט, עס הײסט, דער נאָווי, דער קעשענע־שנײַדער אונ נאָכ אַזעלכע אָדעסער ווילדע יונגענ. פונ די לעצטע אָדעסער ווילדע יונגענ בעט איכ מײַנע לעזער, זײ זאָלנ מיר ערלויבנ צו רײדנ א ביסל פּאָדראָבנער"...

שטעלונג, ער זעט דעם עלנט און די נויט, וואָס עס האָבן דאָרטן געהאַט אויסצושטיין זײַנע העלדן.

דאָס „נידעריק בלאָטיק שטיבל" אינעם שטעטל איז געווען, ווי דאנציג שילדערט, „פינצטער און קאלט ווי א קייווער". אָבער גרויזאמער און שרעקלעכער איז די גרויסע שטאָט אָדעס. אָט וואָס עס דערציילט א העלדן פון מ. דאנציגס ראָמאן:

„אין אָדעס הייבט זיך אָן דער צווייטער פעריאָד פון מײַן לעבן. און דער פעריאָד איז דער ערגסטער, דער אומגליקלעכסטער פעריאָד. אז איך דערמאָן מיך, ציטערט מיר הענט און פיס, עס איז גאָר שווער צו באשרײַבן, וואָס פאר א צאָרעס מיר האָבן די ערשטע צײַט אין אָדעס געליטן. טעגוויַיז זײַנען מיר אָן ברויט געזעסן, און קיינער האָט אף אונדז קיין ראכמאָנעס געהאט... איך ווייס אפילע פארוואָס, ווײַל אָדעס איז א גענעמ".

דעם דאָזיקן געדאנק, אז „אָדעס איז א גענעמ" נעמט זיך אונטער מ. דאנציג צו איליוסטרירן מיט א גאנצער ריי בילדער פון אָדעסער לעבן. דאָס ערשטע, וואָס מ. דאנציג וויל דערבײַ אונטערשטרײַכן, דאָס איז די פאלשקײַט פון דער דעמלטדיקער בריט-פארשפרייטער מיינונג, אז אָדעס איז די שטאָט פון פראָגרעס און ציוויליזאציע. מ. דאנציג לאכט אויס די „אָדעסער פראָגרעסיסטן", וועלכע האָבן איבערגענומען די אויסערלעכע מאנירן פון די „ציוויליזירטע מענטשן" און זײַנען אינדערעמעסן פארבליבן פארגרעבטע נעפאשעס. מ. דאנציג גיט אָפּ א באזונדער קאפיטל אף צו ווײַזן די פארגרעבטקײַט און אמעראצעס פון די אָדעסער לערער „די קוגל-לערערס", ווי ער רופט זיי אָן. און אויך די גאנצע סוויווע, וואָס רינגלט ארום אין אָדעס אָט-אָ די „קוגל-לערערס", איז פונקט אזוי אָפּגעשטאנענע און פארגרעבט. דאָ טרעפט מען אף שריט און טריט „לערע מענטשן מיט לערע קעפּ", ווי מ. דאנציג דריקט זיך אויס. עמעס, ניט אלעמאָל זײַנען די דאָזיקע „לערע מענטשן מיט לערע קעפּ" שולדיק אין זייער פארדאָרבנקײַט.

„די ווילדע פאָרטונע האָט זיי אף דעם זאסודיעט, — שרײַבט מ. דאנציג, — זיי זאָלן פארברענגען זייערע בעסטע יאָרן אין פוילקײַט און בעזדייסטווע, און עס טריקנט זיי טאקע דער מויעכ אָן ארבעט, אזוי ווי דער מאָגן אָן עסן. נאָר וואָס קאָנען זיי מאכן? די בייזע פאָרטונע איז שולדיק"...

די זעלבע „בייזע פאָרטונע" איז אויך שולדיק אין דעם, וואָס אין דער „ציווילוזירטער" שטאָט אָדעס באגעגנט מען זיך מיט דערשײַנונגען פון סאמע ווילדן פאנאטיזם. מ. דאנציג שרײַבט:

„א טייל פון מײַנע לעזער וועלן מיר עפשער ניט גלייבן, אז אין אָדעס זאָלן זיך נאָך געפינען נאראָנים, וואָס גלייבן אין באבקעס, אין מאכשייפעס און אין גוטע-יידן. גלייבט מיר, מײַנע לעזער, איך קאָן אײַך אפילע שווערן אין טאלעס-און-קיטל, ׳אז אין אָדעס געפינען זייערע לעבנסמיטל טויזנטער מאכשייפעס מיט באבקעס. פון אָדעס ווערן נאָך ארויסגעפירט טויזנטער קערבלעך צו גוטע-יידן. עמעס, אז אין אָדעס טוען עס גאָר א טייל ניט מאכמעס יירע, נאָר מאכמעס שמאדשטיק, עס נוצט זיי צום געשעפט, נאָר דערווײַל קומט דעם גוטן-יידן אין בײַטל ארײַן. אין אָדעס שפרעכט מען נאָך אויך, כאָטש עס געפינט זיך בארימטע דאָקטוירים. אין אָדעס וואָראָזשעט מען נאָך אויך"..

מ. דאנציג נעמט זיך אונטער צו באווײַזן, ווי דער רעליגיעזער פאנאטיזם



ווערט אין דער שטאָט אָדעס אויסגענוצט צום „געשעפט", ווי די אָפּגעשטאנענקײַט פון געוויסע שיכטן אָדעסער באפעלקערונג ווערט אויסגענוצט פון פארשיידענע מינע פאראזיטן, אָנהייבנדיק פון די „אָדעסער קעשענע-שנײַדערס" און ענדיקנדיק מיט די „אָדעסער גאָרגל-שנײַדערס". די לעצטע פארנעמען אין מ. דאנציגס בוך גאָר א באזונדער אָרט. „אָדעסער גאָרגל-שנײַדערס" דאָס איז בא מ. דאנציגן די באצייכענונג פון קאָלערליי אופגעקומענע גווירים, געשעפט-מאכער, פראָצענטניקעס. וועגן די דאָזיקע „שענדלעכע פאראזיטן", ווי ער באצייכנט זיי, רעדט מ. דאנציג מיט א באזונדערער פארביטערונג.

„יאָ, מײַנע לעזער, — רופט אויס מ. דאנציג, — אלצדינג מאכט דער מענטש פון זײַנע אויגן. אלצדינג קאָנען זיי באווײַזן. נאָר איין געפיל קאָנען די פאלשע אויגן ניט אויסדריקן — דאָס געפיל פון ראכמאָנעס, דאָס געפיל פון מענטשנליבע... אזעלכע אויגן, וואָס טרערן ניט באם געווינען פון א פאמיליע, וואָס מע נעמט בא איר צו דאָס לעצטע קישעלע פאר א פינפערל כויוו, ניין, אזעלכע אויגן קאָנען ניט אויסדריקן דאָס געפיל פון מענטשן-ליבע. און ווען איר וועט אין אָדעס באגעגענען לויפן פארסאָפּעט מיט א שטאָק און מיט א פאפיראָס אין מויל א הויכס, א גראָבס מיט א רויט בערדעלע אָדער א נידריקס, א דארס מיט א קליין שווארץ בערדעלע און מיט אזעלכע אויגלעך, ווי איך שרײַב אײַך דאָ, זאָלט איר וויסן: דאָס איז א שקאָנטיסט אָדער א שקאָנטע-מעקלער. אנטלויפט פאר זיי ווי פאר פײַער, וואָרעם זיי ברענען!"...

אין א צווייט אָרט קערט זיך מ. דאנציג ווידער אום צו דעם זעלבן מאָטיוו. ער שרײַבט אין א האלב-איראָנישן, האלב-ערנסטן טאָן:

„אז איך שטעל מיר פאָר דעם קעשענע-שנײַדער, פאלט אף מיר א פאכעד פאר מײַנע עטלעכע קאָפּעקעס. גיב איך מיך א כאפּ בא דער קעשענע. אז איך שרײַב אָבער פון אָדעסער שקאָנטיסטן, גיב איך מיר א כאפּ בא דעם גאָרגל, ווײַל די ערשטע זײַנען נאָר „קעשענע-שנײַדערס," די אנדערע אָבער „גאָרגל-שנײַדערס". עס שטעלט זיך מיר פאָר דער הויכער, דער פולער שקאָנטיסט מיט די רויטע אויגן און מיט דער גרויער באָרד, האלט א מעסער אין האנט און פידלט מיר איבער דעם גאָרגל. ער שנײַדט מיך ניט מיטאמאָל, ער שנײַדט ביסלעכווײַז, און נאָך יעדן געשריי און זיפצ לאָזט ער ארויס א ווילדן געלעכטער; ער קוקט, ווי איך מוטשע זיך, און ער רײַבט זיך די הענט און פלעסקעט פאר סימכע"...

אזעלכע שטארק-אקצענטירטע שטעלן טרעפן זיך אין מ. דאנציגס בוך ניט זעלטן, און אין אלע אזעלכע שטעלן לאָזט זיך דערקאָנען די שטים פון יענער עקאָנאָמיש דעגראדירטער קליינבירגערלעכער מאסע, וואָס האָט געפילט אף זיך די שווערע האנט פון די אָדעסער גווירים, געפילט די קאלטע מערדערישקײַט פון די „גאָרגל-שנײַדערס".

די שילדערונג פון די אָדעסער „גאָרגל-שנײַדערס" האָט לויט דעם אווטאָרס קאוואָנע געזאָלט פארנעמען דאָס הויפּט-אָרט אינעם ראָמאן „אָדעסער ווילע יונגען". מיר זעען פאר זיך א גאנצע סעריע געשטאלטן, וועלכע גייען לויט א געוויסער גראדאציע פון די קלענערע „גאָרגל-שנײַדערס" צו די גרעסערע. צו די קלענערע געהערט פריער פאר אלצ דער הער קאלטמאן.

„הער קאלטמאן איז א גראָבער, א הויכער ייִד, א לאָווקער, א לעבעדיקער, מיט א רויט בערדל. זײַנע קלוגע שווארצע אויגן לויפן ווי בא א גאנעוו. ער

מאכט פונ די אויגנ, וואָס ער וויל. וויל ער, קוקנ זיי בייז, אז עס איז א פּאַכעד. וויל ער, קוקנ זיי אזוי זיס, אז עס איז א מעכייַע. וויל ער, קוקנ זיי מיט גאדלעס, אז איר וועט מיינענ, ער איז דער ערשטער באנקיר. וויל ער, קוקנ זיי אזוי נידעריק, אז מע קאָנ מיינענ, ער האָט ניט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבנ... ער האָט געהערט צו א גאנצ נידעריקער פאמיליע אונ איז אופגעצויגנ געוואָרנ אפ דעם גרעבסטנ ארט. ביז צוועלפ יאָר האָט ער אינ כיידער געלערנט, דערנאָכ איז ער אינ א געשעפט אריינ, אונ אז ער האָט די ערשטע פינפ קערבלעכ געקריגנ, האָט ער אָנגעהויבנ שקאָנטע צו מאכנ: צו לייַענ די טאָרגאָווקעס אפ מאשקאָנעס מיט זייער גוטע פּראָצענטנ — פונ א קערבל צוואנציק קאָפּעקעס א וואָכ. אונ אז ער האָט זיכ צונויפגעקליבנ עטלעכע קערבלעכ אונ האָט כאסענע געהאט אונ האָט נאָכ עטלעכע קערבלעכ נאדנ אויכ גענומענ, דעמלט האָט ער אָנגעהויבנ צו פירנ דאָס געשעפט אפ אלע פליגל"...

עס איז ניט שווער צו דערקענענ, אז פונקט ווי אייניקע אנדערע שרייַבער פונ יענער צייַט, אזוי פאלט דאנציג אויכ אריינ אינ מענדעלעס טאָנ אונ דערציילט די געשיכטע פונ דעם אָדעסער „גאָרגל-שנייַדער" אומגעפער אפנ זעלבנ אופנ, ווי מענדעלע האָט דערציילט די געשיכטע פונ דעם „קליינעם מענטשעלע".

נאָענט צום טיפּ פונ א גלופּסקער „קליינ מענטשעלע" איז אויכ דער צווייטער, העכערער טיפּ „גאָרגל-שנייַדער" — דער געוועזענער מעשאָרעס אונ שפּעטערדיקער אייגנטימער פונ עטלעכע מויערנ — פּוטשאטש, וואָס ווערט ברייט באשריבנ אינ „אָדעסער ווילע יונגענ". באַם שילדערנ די „גאָרגל-שנייַדערס" באמיט זיכ דער אווטאָר אונטערשטרייַכנ זייער פּאראזיטיש-עקספּלואטאָרישע ראָליע בענעגייע דער אָרעמשאפט.

אָט איז, לעמאָשל, א כאראקטעריסטישער דיאלאָג צווישנ פּוטשאטשנ אונ קאלטמאנענ:

„— וויאזוי האָט איר געענדיקט מיט דעם קאפּצנ, ווי רופט מענ אימ? כאימ ציבולניק?

— וואָס זאָל איכ מיט אימ ענדיקנ? אָט גייט סוקעס, וועט מענ אימ דארפנ פארפאָרנ אינ די הויכע פענצטער, וועט ער די קישעלעכ פארקויפנ אונ וועט אונדז באצאָלנ.

— זעט איר, הער קאלטמאנ, — זאָגט פּוטשאטש מיט א ראכמאָנעס-פּאָנעם. — דעם קאפּצנ טוט מיר דאפקע באנק. מיר האָבנ טאקע אפ אימ א וועקסל אפ הונדערט רובל, נאָר צווישנ אונדז רעדנדיק, האָט ער דאָכ אונדז שוינ אכציק רובל אָפּגעצאָלט...

— ע, הער פּוטשאטש, איר הייבט שוינ אָנ ראכמאָנעס צו באווייַזנ. איר פארגעסט, אז א שקאָנטיסט דארפ קיינ ראכמאָנעס האָבנ אפילע אפ אנ אייגענעם טאטנ...

— עס טוט מיר אָבער...

— ע, לאָזט אָפּ די נארישקייַטנ. לאָמיר בעסער ריידנ פונ פרייַלעכערס..."

אזא ארט דיאלאָג האָט בא דעם לעזער פונ די 70־ער יאָרנ אומפארמייַדלעכ געמוזט זיכ אסאָציירנ מיט די ציניש-אנטבלויזטע רייד פונ מענדעלעס העלדנ אינ „קליינעם מענטשעלע" אונ „טאקסע". אפ דעם לעזער פונ די 70־ער יאָרנ האָט אָבער געמוזט מאכנ א באזונדערנ אייַנדרוק דער פאקט, וואָס די דאָזיקע באקאנטע



גלופּסקער געשטאלטנ דערזעט ער דאָס מאָל אפנ פּאָנ פונ דער אָדעסער ווירקלעכקייַט. אינ דעם האָט געשטעקט פאר דעם דעמלטיקנ לעזער ניט קיינ קליינע איבעראשונג. מענדעלעס „קליינ מענטשעלע" איז, ווי באוווּסט, אויסגעמאָלט געוואָרנ ווי א פּראָדוקט פונ דער האלב-פעאָדאלער ווירקלעכקייַט, א רעזולטאט פונ אָפּגעלעבטע סאָציאל-עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ. דאנציגס „גאָרגל-שנייַדערס" האָבנ מיט דער פארצייַטיקער, האלב-פעאָדאלער סוויווע ניט געהאט צו טאָנ. דאָס זייַנענ שוינ ניט די אלטפרענקישע גלופּסקער גווירימ, זיי ווילנ גראָד אויסנעמענ מיט זייער „וועלטלעכקייַט" אונ „איראָפּעיִשקייַט". איינער פונ דאנציגס „גאָרגל-שנייַדערס" פיגורירט אפילע אונטער דעם נאָמענ „מיסטער דאָמבי", וועלכנ ער האָט זיכ גענומענ, בייס ער איז געווענ אינ ענגלאנד.

„מיסטער דאָמבי איז א מענטש פונ מיטעלע יאָרנ, א הויכער, א דארער, מיט זייער א פּריאטנע פּאָנעם. ער טראָגט א לאנג שווארצ בערדל ווי אנ ענגלענדער, נאָר מע דערקענט אינ אימ א יידישנ טיפּ... פונ דעם ערשטנ קוק אפ דעם מענטשנ וועט איר צו אימ צוגעצויגנ ווערנ, נאָר אז איר וועט זיכ אינ אימ רעכט אייַנקוקנ, וועט איר פאר אימ א ביסל פּאכעד קריגנ, איבערהויפּט וועלנ אייַכ ניט געפעלנ זייַנע שווארצע אויגנ, וואָס ברענענ ווי אינ א מערדער. אזוי איז זייַנ פּאָרטרעט".

דער אונטערשייד צווישנ מיסטער דאָמבי אונ די פארשוינענ פונ הער קאלטמאנס שניט באשטייט דערינ, וואָס ער, מיסטער דאָמבי, האָט שוינ אפ זיכ ארופּגעצויגנ דעם אויסערלעכנ גלאנצ פונ א „ציוויליזירטנ" מענטשנ, צו אימ קאָנ מענ פונ ערשטנ בליק אפילע „צוגעצויגנ" ווערנ. אפנ זעלבנ אופנ ווערט פאָרגעשטעלט בא מ. דאנציגנ אויכ דער רייַכער הער שפּילקעמאנ, וואָס פירט זייַנע געשעפטנ אינאיינעם מיטנ מיסטער דאָמבי. בלייַבנדיק געטריי זייַנ טענדענצ וואָס מער קאָנקרעט צו באצייכענענ די געשטאלטנ פונ די אָדעסער „גאָרגל-שנייַדערס", דערציילט מ. דאנציג:

„אפ דער רישעליע-שטראסע, ניט ווייַט פונ דעם אָדעסער טעאטער, האָט א יאָר פינפ אָדער זעקס צוריק געוווינט א זייגערמאכער הער שפּילקעמאנ. זייַנ קלייט איז געווענ אינ אָדעס גאנצ פּאָפּוליארנע, ער פלעג פירנ דעם געשעפט גאנצ גרויס אונ פלעג א סאכ האנדלענ מיט אנדערע שטעט. אפ אלע יארידימ פלעג ער ארויסשיקנ זייַנ קראָמ מיט גאָלדווארג. ער פלעג ניט נאָר האנדלענ מיט גאָלדזאכנ, ער פלעג אויכ שקאָנטע מאכנ אפ גרויסע סומענ אונ פלעג אפילע שפּעקולירנ אינ ווייצ-זאכנ. מיט איינ וואָרט, דאָס איז געווענ א געוויסער אָדעסער נעגאָציאנט".

ביידע — אי דער הער שפּילקעמאנ אי דער מיסטער דאָמבי ווילנ גילטנ אלס פאָרשטייער פונ דער „הויכער געזעלשאפט". אָבער ווי נאָר זיי בלייַבנ אונטער פיר אויגנ, הערט מענ דעמלט, ווי דער מיסטער דאָמבי זאָגט:

„הער שפּילקעמאנ, פארגעסט ניט, אז מיר קענענ זיכ ביידע זייער גוט, אז מיר זאָלנ זיכ מאסקירנ איינער קעגנ אנדערנ"...

מ. דאנציג נעמט זיכ טאקע אונטער ארונטערצורייַסנ די מאסקע פונ די דאָזיקע פארשוינענ. דערפאר הערנ מיר, ווי איינער פונ דאנציגס יוגנטלעכע העלדנ זאָגט צו זייַנ טאטנ, א רייַכנ „גאָרגל-שנייַדער":

„איכ שעמ מיכ ניט, כאָטש דו ביסט מייַנ טאטע, אומרעכט מעג מענ אפילע

אַן אייגענעם טאטן אין די אויגן אויך זאָגן: אַפּ דיר וויינט אַ וועלט מיט מענטשן, איבער דיר גייען אַרום טויזנטער קליינע קינדער אין די הײַזער, יעדער קערבל דײַנס איז אַ שטיק בלוט פון אַן אָרעמער אַלמאָנע אָדער פון אַן אָרעמען יאָסעם"...

מיט דער דאָזיקער דעמאַסקירונג־טענדענץ זײַנען דורכגעדרונגען אַ סאַך שטעלן אין מ. דאַנציגס בוך. עמעס, באַשרײַבנדיק די פאַרדאָרבענע סוויווע פון די אָדעסער „באָרגל־שנײַדערס", ווערט מ. דאַנציג גאַנץ אָפּט געשטרויכלט און טראָגט צו בילִיקע „קרימינעלע" עפעקטן, וואָס רײַסן אַרונטער די שילדערונג. אָבער אַפילע אין אָט דער ערטערווײַז פאַרפלאַכטער און פאַרביליקטער שילדערונג לאָזט זיך דאָך ניט פאַרהערן אַ געוויסער געזונטער טאָן — די קריטישע באַציִונג צו דער אָדעסער „הויכער געזעלשאַפט". די דאָזיקע באַציִונג, וואָס גייט באַנאַנד מיט אַן אַלגעמיינ־קריטישער באַציִונג צו דער שטאָט אָדעס, איז געווען זייער סימפּאַטאָמאַטיש פאַר דעם אָנהייב 70־ער יאָרן, ווען די קליינבירגערלעכע מאַסע האָט אָקאָרשט גענומען זיך אויסניכטערן פון די אילוזיעס פון דער „וועסנע־צײַט". דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס דער ראָמאַן „אָדעסער ווילדע יונגען" האָט באַם דערשײַנען געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטן דערפאָלג באַ דעם בריטן לייע־נער־אוילעם.

## 7. „יידישע לעבנס־פראַגן"

1

די צענִיאָריקע עקזיסטענץ פון דעם „קאָל מעוואַסער" (1872—1862) האָט ניט אײן מאָל צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָר־שונג, און מיר האָבן שוין באַ הײַנטיקן טאָג אייניקע אַרבעטן, וואָס באַהאַנדלען וויכטיקע מאָמענטן אין דער טעטיקײַט פון דער דאָזיקער צײַטונג. דער „קאָל מעוואַסער" האָט אָבער ביז אַהער פיגורירט באַ אונדז ווי אַ צײַטונג אויסשליסלעך פון די 60־ער יאָרן. עס זײַנען איגגאַנצן פאַרזען געוואָרן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער צײַטונג אין די לעצטע פאָר יאָר פון איר עקזיסטענץ (1872—1870). און ענדערונגען זײַנען דאָס געווען אַזעלכע, וואָס פאַרדינען אָן שום ספֿק אונדזער אויפמערקזאַמקײַט.

אין יאָר 1871 שרײַבט די באַנײַטע רעדאַקציע פונעם „קאָל מעוואַסער" (אַ. צעדערבוים איז דעמלט איבערגעפאָרן קיין פעטערבורג און האָט פאַקטיש צו דער צײַטונג געהאַט גאָר אַ קליינע שײַכעס) אין אַ ווענדונג צו אירע קאָרעספּאָנדענטן (אין נום. 37):

„ס'איז שוין נימעס געוואָרן וועגן דעם צו שרײַבן. גיט בעסער נוצלעכערע שטאָף. ביכלאַל בעטן מיר די הערן קאָרעספּאָנדענטן אָנצווענדן זייערע טאַלאַנטן און פעדער צו פרישערע און וויכטיקערע אַרטיקלען".

אין איר פאָדערונג פון „פרישערע און וויכטיקערע אַרטיקלען" האָט די באַ־נײַטע רעדאַקציע פון „קאָל מעוואַסער" אַרײַנגעלייגט אַ גאַנץ קאָנקרעטן אינהאַלט. זי האָט דערמיט געמיינט אָנצווײַזן אַפּ דער ניט־אַקטועלקײַט און פאַר־עלטערטקײַט פון אַ גאַנצער רײ פראַגן, וועלכע מע האָט ניט אויפגעהערט צו



באַהאַנדלען אין „קאָל מעוואַסער". אַזוי איז עס געווען פריִער פאַר אַלץ מיט דער ווילטעטיקײַט־פראַגע, וועלכע איז אין מעשעך פון יאָרן ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער צײַטונג, אַזוי איז עס געווען מיט דער דער־ציִונג־פּראָבלעם, וואָס האָט אָפּגענומען אָן אַ שיר פּלאַץ אין „קאָל מעוואַסער". די באַנײַטע רעדאַקציע האָט ניט געקאָנט פאַרזען אויך דעם פאַקט, אַז די אַנטי־כסידישע טעמע פאַרנעמט שוין צופיל אָרט אַפּ די שפּאַלטן פון דער צײַטונג און ווענדט אָפּ די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקײַט פון אייניקע מער אַקטועלע פראַגן. דערפאַר לייענען מיר, ווי די רעדאַקציע שרײַבט אין יאָר 1871 (נום. 22) אין איר „בריוו־קאַסטן":

„אײַער ליד „גוטע־יידן" אַ.ז.וו. וועט ניט געדרוקט ווערן. עס איז שוין נימעס געוואָרן צו הערן פון די גוטע־יידן און פון די פּידיוינעס".

מיט די דאָזיקע שורעס איז די רעדאַקציע געווען אויסן צו ענטפערן ניט בלויז דעם אומבאַקאַנטן מעכאַבער פון דער ליד „גוטע־יידן". דאָס איז געווען אַן אומדירעקטער ענטפער אויך אַפּ דער דעמלטיקער טעטיקײַט פון י.־י. לינעצקין. ווי גרויס ס'איז צו יענער צײַט ניט געווען די פּאָפּולאַריטעט פון י.־י. לינעצקין אַלס אויטאָר פון „פוילישן ייִנגל", האָט מען אין „קאָל מעוואַסער" אין יאָר 1871 דאָך געהאַלטן, אַז ס'איז צײַט, לינעצקי זאָל פאַרברייטערן די טעמאַטיק פון זײַנע ווערק.

„דאָס „פוילישע ייִנגל" פון ה. לינעצקי איז אויסגעצייכנט ווייל, — האָט מען געשריבן אין „קאָל מעוואַסער", — די כאַראַקטערע זײַנען ריכטיק, גענומען פון עמעסן לעבן".

אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט מען אָנגעוויזן:

„דאָס ווערק איז אַפילע נאָר איינזײַטיק, דה. מיר זעען דאָרט איינע מענטשן: אָבער אַ ווילדער כאָסיד, ווידער אַ ווילדער כאָסיד, אָן פאַרשיידענע כאַראַקטערע"...

און ניט נאָר קעגן דער באַגרענעצטקײַט פון דער אַנטיכסידישער טעמאַטיק האָט מען אין יאָר 1871 געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן אין „קאָל מעוואַסער". אין דער קריטיק פון אַ.־מ. דיקס ווערק, לעמאָשל, לייענען מיר:

„הער דיק גיט אונדז נאָר אייניקע סצענען פון איינציקע מענטשן און ווײַזט אונדז ניט פאַרשיידענע כאַראַקטערע און טאַטן אין איין פאַרבינדונג, וויִאַזוי איינס ווערט געווירקט פון דעם אַנדערן"...[1].

ווי מיר זעען, האָט מען אין „קאָל מעוואַסער" אָנגעהויבן פאָדערן, ניט בלויז עס זאָל פאַרברייטערט ווערן די טעמאַטיק פון די ליטעראַרישע ווערק, עס זאָלן אַרײַנגעפירט ווערן „פאַרשיידענע כאַראַקטערע און טאַטן", מע האָט דערבײַ נאָך געפאָדערט, אַז דאָס אַלעס זאָל באַוויזן ווערן „אין איין פאַרבינדונג", דה. אין אַ סינטעטיש פאַראַלגעמיינערטער אויפפאַסונג פון דער אַרומיקערווירקלעכקײַט. די דאָזיקע פאָדערונג האָט מען אין „קאָל מעוואַסער" אָנגעהויבן אַרויסשטעלן ניט בלויז בענוגע דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אויך פון דער פּובליציסטיק האָט

[1] די שטעלן וועגן לינעצקין און דיקן נעמען מיר פון אַן אַרטיקל „ביבליִאָגראַפישע אָנצײַגע", וואָס איז געווען געדרוקט אין „קול מבשר" פון 1871, נום. 20. דער אַרטיקל איז אונטערגע־שריבן M—L.

די באַנײַטע רעדאַקציע פונעמ „קאָל מעוואַסער" אָנגעהויבנ פאָדערנ, זי זאָל האָבנ צו טאָנ ניט מיט איזאָלירטע אײנצל־דערשײַנונגענ, נאָר מיט דעמ גאַנצנ דורכשניט פונ ייִדישנ לעבנ. די רעדאַקציע האָט געפאָדערט, אַז די פובליציסטיק זאָל, ניט פאַרלירנדיק פונ אויג די טאָגטעגלעכע דערשײַנונגענ אינ דער ייִדישער סוויווע, דאָכ שטרעבנ צו ברייטערע פאַראַלגעמײנערונגענ. אַלס מוסטער פונ אַזאַ אַרט פובליציסטיק האָט געזאָלט גילטנ די גרויסע סעריע אַרטיקלענ מיטנ נאָמענ „ייִדישע לעבנס־פראַגנ", וואָס האָט זיכ געדרוקט אינ „קאָל מעוואַסער" אינ יאָר 1871. די דאָזיקע סעריע אַרטיקלענ האָט אַנ אינטערעס ניט בלויז צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פונ דעמ „קאָל מעוואַסער". מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט אַ דאָקומענט, וואָס וואַרפט אַ שײַנ אויכ אַפ אַ גאַנצער רײ דערשײַנונגענ אינ דער ליטעראַטור פונ די 70־ער יאָרנ, באַזונדערס אַפ מענדעלעס עוואָליוציע אינ דעמ פעריאָד אַרומ דער „קליאַטשע". מיר האַלטנ דעריבער, אַז די סעריע „ייִדישע לעבנס־פראַגנ" דאַרפ באַקאַנט ווערנ אַ ברייטערנ קרײַז לייענער, פאַר וועלכע מיר וועלנ דאָ ברענגענ אייניקע גרעסערע אויסצוגנ.

## 2

ווער עס איז געווענ דער אווטאָר פונ דער סעריע „ייִדישע לעבנס־פראַגנ", איז אונדז ניט באַוווּסט. איד אווטאָר האָט זיכ באַהאַלטנ אונטער דער אונטערשריפט: .L—M

ס'איז אָבער קלאָר, אַז מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט אַ געניטנ פובליציסט[1], וואָס איז גוט באַקאַנט מיטנ לעבנ פונ די ברייטע ייִדישע מאַסנ אונ האָט זײַנ אייגענע מיינונג וועגנ יעדער דערשײַנונג. פאַרמעסטנ פאַרמעסט זיכ L—M זייער ברייט — ער האָט בעדייע אַרומצונעמענ אַלע „ייִדישע לעבנס־פראַגנ"[2] דערבײַ באַמיט ער זיכ צו באַלויכטנ זיי מיט דער שײַנ פונ איינ אידיי. אונ פאָרמולירנ אָט־אָ די אידיי קאָנ מענ, אייגנטלעכ, מיט איינ קורצנ זאַצ: די וועגנ, מיט וועלכע ס'איז געגאַנגענ ביז אַהער די האַסקאָלע, האָבנ צו גאָרנישט ניט געבראַכט — מע דאַרפ זוכנ נײַע וועגנ.

„איבער דעמ ייִדישנ צושטאַנד — שרײַבט L—M — איז שוינ זייער פיל געשריבנ געוואָרנ. ניט איינ מאָל האָט מענ דעמ שלאָפעדיקנ ייִדנ דערמאָנט, אַז די איצטיקע צײַט איז אַנדערש פונ דער פריִערדיקער, אונ ניט איינ מאָל האָבנ מיר געלייענט אינ צײַטונגענ אונ אינ ספאָרימ די פלאַנענ, וואָס פאַרשיידענע שרײַבער האָבנ פאָרגעלייגט פאַר דעמ פובליקומ (די לעזער אימ אַלגעמיינ), ווי מע זאָל פאַרבעסערנ די טרויעריקע לאַגע פונ אונדזערע ברידער. דעמ נוצנ, וואָס דאָס

1 זאָל עס ניט באַטײַטנ: ליליענבלומ? ווי באַוווּסט, האָט ליליענבלומ אינ יאָר 1871 געהאַט צו דער רעדאַקציע „קאָל מעוואַסער" גאָר אַ נאָענטע שײַכעס.

2 די „ייִדישע לעבנס־פראַגנ" האָבנ זיכ געדרוקט אינ די נומערנ 10, 11, 12, 15, 16, 17, 21, 22, 25, 28. די אַלגעמיינע גרייס פונ דער סעריע איז באַ 5—6 דרוק־בויגנ. אויסגערעכנט איז זי, ווײַזט אויס, געווענ נאָכ אַפ אַ גרעסערנ פאַרנעמ, וואָרעמ, ווי עס לאָזט זיכ זענ פונעמ לעצטנ אַרטיקל, האָט דער אווטאָר נאָכ נימ געהאַלטנ זײַנ טעמע פאַר אויסגעשעפט אונ האָט זיכ געקליבנ שרײַבנ ווײַטער.



שרײַבנ האָט געבראַכט, ווייסט יעדער, וואָס איז באַקאַנט אינעמ ייִדישנ לעבנ, אינ דעמ אָרעמקײַט אונ אינ דעמ אומוויסנהײַט פונעמ ייִדישנ פאָלק"...

פאַר L—M איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס פאַרצײַכענענדיק אַ געוויסע נעגאַטיווע דערשײַנונג, פרווט ער אַלעמאָל שטעלנ די פראַגע: ווער איז שולדיק דערינ? אַזוי טוט ער אויכ דאָס מאָל. נאָכ דעמ, ווי ער פאַרצײַכנט די „אָרעמקײַט" אונ „אומוויסנהײַט", שרײַבט ער ווײַטער:

„מע קאָנ ניט שולדיק מאַכנ אינדרינענ דעמ האמוינ אַליינ, וואָרעמ אַ סאַכ שרײַבער זײַנענ אויכ ניט יוצא געווענ פונ זייער זײַט, ווי עס געהערט צו זײַנ... זיי האָבנ געשריבנ אָנ אַנ עק: „בילדונג", „ליכטיקײַט", „ציוויליזאַציע", „עמאַנסיפאַציע", „הײַנטיקע צײַטנ" אונ נאָכ אַזעלכע ווערטער, וואָס זײַנענ אַרײַנ אינ דער מאָדע, אונ גאָר ניט באַמערקט, אַז דער פאָשעטער ייִד קוקט זיי אָנ ווי מעשוגאָימ, ער פאַרשטייט גאָר ניט, צו וואָס מע דאַרפ עס"...

די באַשולדיקונג, אַז די שרײַבער קאָנענ ניט געפינענ דעמ ריכטיקנ וועג צו דעמ „האמוינ" — דאָס איז די האַרבסטע באַשולדיקונג, וואָס דער אווטאָר רוקט אַרויס קעגנ דער מאַסקילישער ליטעראַטור.

„די, וואָס קענענ דאָס ייִדישע לעבנ, ווייסנ, אַז דער הויפט־כילעק פונ אַ ייִדנ בײַ אַנדערע מענטשנ איז דער, אַז אַלע מענטשנ לעבנ א פ ד ע ר ע ר ד אונ ייִדנ לעבנ א פ נ ה י מ ל[1]. אַפילע די נײַע ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָכ אויכ ניט זויכע געווענ אַראָפצוגיינ אַפ דער ערד, אונ מײַסטנס פליט זי נאָכ אַלצ אינ דער לופט: אָבער אַ הויכע אידיי, ווידער אַנ אידיי, דאָ אַ פשעטל אונ דאָ אַ כקירעלע אונ דעסגלײַכנ, וואָס קער זיכ גאָר ניט אָנ מיט דער וועלט אונ מיט דעמ לעבנ".

דעמ דאָזיקנ געדאַנקענגאַנג אַנטוויקלט דער אווטאָר גאַנצ סיסטעמאַטיש אונ אויסגעהאַלטנ. די ייִדישע ליטעראַטור לעבט „אַפנ הימל", די שרײַבער, וואָס „מאַכנ פאַרשיידענע פלאַנענ", זײַנענ אָפגעריסנ פונעמ פאָלקס־לעבנ. זיי זעענ ניט די שווערע לאַגע, אינ וועלכער דאָס פאָלק געפינט זיכ. מיט גרויס פאַרביטערונג שרײַבט ער וועגנ „איינעמ פונ אונדזערע גרויסע באַרימטע, אַ וויכטיקער גאָענ אונ אַ גרויסער געבילדעטער מאַנ", וואָס האָט אַפ די שפאַלטנ פונ „המגיד" זיכ אונטערגענומענ צו דערווײַזנ, אַז:

„הײַנטיקע געבילדעטע מיט זייער קריטיק אַפ דעמ ייִדנטומ האָבנ אַ פאָנעמ ווי עטלעכע, וואָס טשעפנ זיכ אָנ אָנ אַ געזונטנ מענטשנ אונ וואַרפנ אימ אַרײַנ אינ אַ בעט אונ זאָגנ אימ: — דו מוזט דאָ ליגנ, וואָרעמ דו ביסט געפערלעכ קראַנק. — לאָזט מיכ גיינ, וווּהינ איכ דאַרפ, — זאָגט דער געזונטער, — איכ בינ באָרעכאַשעמ געזונט אַפ אַלע אייווערימ אונ פיל קיינ ווייטעק. — ניינ, — ענטפערנ זיי אימ, — דו ביסט זייער קראַנק, גאָר מעסוקנדיק..."

וועגנ אַזאַ אַרט שרײַבנ האָט דער אווטאָר די ערגסטע מיינונג. ער האַלט, אַז דעמ אַרטיקל אינ „המגיד" האָט געשריבנ אַ מאַסקיל, „וואָס האָט זיכ אַפ זײַנ עלטער צוריקגעצויגנ", אונ מיט אַזעלכע איז אַפילע איבעריק אַרײַנצוטרעטנ אינ אַ דיסקוסיע. דער אווטאָר האָט אָבער גאָר ווייניק עמונע אויכ אינ די מאַסקילימ, וואָס האָבנ זיכ ניט „צוריקגעצויגנ". מיט אַ מערקווירדיקער אַקשאָנעס קומט ער

1 אונטערגעשטראָכנ פונ L—M.

ווידער און ווידער צו דערמאָנען, אַז די מאַסקילים, די „געבילדעטע", ווי ער באַצייכנט זיי, „זיי קאָנען דאָך אָבער ניט מער העלפן ווי מיט אַן אייצע — און דאָס זשאַלעווען זיי סאַקע ניט. — אָבער וואָס טויג די אייצע, אַז קיינער הערט זי ניט..."

דער אויטאָר זעט ניט אין די „געבילדעטע" קיין מאַמאָשעסדיקע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וואָס זאָל קאָנען אַקטיוו זיך אַריינמישן אינעם לעבן. און גראָד אַזאַ אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, האַלט אונדזער אויטאָר, איז איצט אַמייסטן נייטיק.

„דערווייל איז דער כורבן זייער גרויס, — שרייבט ער, — עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיך נעמען טעטיק צו פאַריכטן כאָטש עפּעס. די ערלעכע טויגעניכצן גייען אויס פאַר הונגער, די מאָשעניקעס ראַבעווען, די יונגע קינדער ווערן פאַרלאָזט און דאָס אָרעמקייט און דאָס אומגליק פון טויזנטער פאַמיליען ווערן גרעסער פון טאָג צו טאָג"...

באַנאַנד מיט דעם אומגלויבן אין די „געבילדעטע" גייט באַם אויטאָר אויך דער אומגלויבן אין די „רייכע". וועגן דער באַציִונג פון די „רייכע" צו די באַדערפעניש פונעם פאָלק רעדט דער אויטאָר שוין גאָר אין אַ שאַרפן טאָן.

„דאָס ראָוו רייכע אַרט גאָרניש. זיי זיינען שוין באָרעכאַשעם רייך, זייערע געשעפטן גייען גוט, זיי האָבן פאַרגעניגן פון זייער לעבן, און וואָס דאַרפן זיי מער? כוץ דעם האָבן זיי גאָר קיין צייט ניט צו וויסן, וואָס זייערע ברידער דאַרפן און וואָס עס פעלט זיי. זיי ווילן זיך גאָר ניט נעמען קיין צייט דערצו, וואָרעם דער כעזשבן איז דאָך פּאָשעט: קיין פאַרדינסט וועט דאָך דערפון אַפילע אַ קאָפּעקע ניט זיין, און, פאַרקערט, עס קאָן נאָך עפּעס קאָסטן כאָלילע אַ קערבל. נו, צו וואָס טויג זשע עס גאָר?"...

פונקט אַזוי שאַרף רעדט דער אויטאָר אויך וועגן דער באַציִונג צו די יידישע לעבנס-פראַגן בײַ די פאָרשטייער פון דער קלײַקוידעש-סוויווע. ער שרייבט:

„די ראַבאָנים, לאָמדים א.א.וו. זאָגן, אַז יידן זיינען קראַנק אויף דער נעשאָמע, דה. זיי זיינען ניט יויצע פאַר גאָט, זיי היטן ניט אָפּ ריכטיק די מיצוועס פון דער טוירע"...

די דאָזיקע באַהויפּטונג האַלט אונדזער אויטאָר פאַר באַזונדערס שעדלעך, און ער טרעט אַרויס קעגן איר אין אַ זאַמע שאַרפן אויפן.

„יידן זיינען קראַנק אויף דעם גוף, — שרייבט ער, — און זייערע שלעכטע דאָקטוירים, וואָס פאַרשטייען ניט זייער קראַנקייט, האָבן זי אָנגענומען פאַר אַ נעשאָמע-קראַנקייט".

די פאָלגן פון אַזאַ ניט-פאַרשטיין די קראַנקייט זיינען זייער און זייער שלעכטע:

„ערשטנס, באַמיט זיך ניט דער ייד צו היילן זיין גוף, און אַז ער זעט פאַר זיינע אויגן אַ סאַך מענטשן, וואָס האָבן קיין שטיקל ברויט און ליידן הונגער מיט דעם ווייב און די קינדער, פאַרשטייט ער ניט די עמעסע סיבע דערפון, אַז דאָס איז, ווייל די מענטשן האָט מען ניט פאַרזאָרגט קליינערהייט, זיי זאָלן קאָנען פאַרדינען זייערע לעבנסמיטל. ער נעמט עס גאָר אָן פאַר אַן אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד און באַרעכנט זיך גאָר ניט, אַז דער, וואָס טויג ניט



צו דער וועלט און קאָן ניט פאַרדינען, — מוז ליידן הונגער[1]... צווייטנס, מאַכט מען מיט דעם טאָעס נאָך גרעסער די קראַנקייט, וואָרעם בעשאַס דער גוף איז קראַנק און מע דאַרף אים[1] שטאַרקן, שטאַרקט מען גאָר די נעשאָמע און מע פאַרשוואַכט נאָך מער דעם גוף. אָדער מיט אַנדערע ווערטער: בעשאַס מע דאַרף פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן שטאַנד, אַז מע זאָל טויגן צו דער וועלט און אַ ביסל פאַרגעסן אָן כאַלוימעס, נעמט מען זיך נאָך מער צו די כאַלוימעס, אַז מע זאָל נאָך מער טויגן אויף קאַפּאָרעס!"

צי קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיקע שורעס זיינען געווענדעט אויסשליסלעך קעגן די „ראַבאָנים און לאָמדים" — די פאָרשטייער פון דער פאַנאַטיקער-סוויווע? פאַרשטייט זיך, אַז ניין, וואָרעם מיט דעם זעלבן וועג — בלויז אין אַן אַנדער ריכטונג — זיינען דאָך די „געבילדעטע", אייגנטלעך, אויך געגאַנגען. דאָ, אין דעם לאַגער פון די מאַסקילים, איז געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זיינען אויך געניגט געווען צו גלייבן, אַז יידן זיינען „קראַנק אויף דער נעשאָמע". מע האָט געהאַלטן, אַז די הויפּט-פּראָבלעם אין דעם לעבן פון די ברייטע מאַסן — איז די בילדונג-פּראָבלעם, און אַז דאָס „פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן שטאַנד" וועט קומען פון זיך אַליין, ווי נאָר מע וועט „אויסהיילן די נעשאָמע", דה., ווי נאָר מע וועט באַהערשן די בילדונג.

דער אויטאָר פון די „יידישע לעבנס-פראַגן" נעמט זיך אונטער צו דערווייזן, אַז דאָ האַנדלט זיך, וועגן אַ „קראַנקייט פון דעם גוף", דה. וועגן דער אומנאָרמאַלקייט פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. ער שטרייכט אונטער, אַז די „אָרעמקייט און אומוויסנקייט פון יידישן פאָלק" גייען שטענדיק באַנאַנד. און דעם דאָזיקן געדאַנק נעמט ער אַלס אויסגאַנגס-פּונקט בײַ דער רעוויזיע פון די מאַסקילישע אָנשויונגען.

דער אויטאָר פון די „יידישע לעבנס-פראַגן" האַלט ניט, אַז זיין געדאַנקענגאַנג איז דורכויס נײַ. פאַרקערט, ער זעט פאָרויס, אַז פאַר אייניקע לעזער וועלן געוויסע שטעלן פון זיין אָפּהאַנדלונג פאָרקומען ווי גוט באַקאַנט.

„מיר מוזן פאָרויס זאָגן, — שרייבט ער, — אַז אין אונדזערע רייד איבער דעם יידישן לעבן וועלן געוויס פאָרקומען אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען שוין עפּשער אַמאָל געשריבן געוואָרן, נאָר דאָס איז נאָך ניט אַזאַ גרויסער פעלער"...

דער אויטאָר פון די „יידישע לעבנס-פראַגן" האָט געוויס געהאַט אַ גרונט אַזוי צו שרייבן. זיין קריטיק פון דער האַסקאָלע האָט באַם לעזער פון יענער צייט אַרויסגערופן גאַנץ באַשטימטע אַסאָציִאַציעס: זי האָט דערמאָנט אָן אַוראַמצייט אַרויסגערופן גאַנץ באַשטימטע אַסאָציִאַציעס: זי האָט דערמאָנט אָן אַוראָם-אורי קאָוונערן, וואָס האָט נאָך אין די 60-ער יאָרן אָנגעהויבן דורכצופירן די רעוויזיע פון דער האַסקאָלע-פּראָגראַם באַם שיין פון די נייַע „ניהיליסטישע" אידייען. אין דער אָפּהאַנדלונג „יידישע לעבנס-פראַגן" הערט זיך גאַנץ אָפּט אַ דירעקטער אָפּקלאַנג פון קאָוונערס האַסקאָלע-קריטיק. אָבער דאָ קומט דער אויטאָר פון די „יידישע לעבנס-פראַגן" אין באַריר נאָך מיט אַ צווייטן שרייבער, וואָס טרעט דעמלט אַרויס מיט אַקטיווער קריטיק פון דער האַסקאָלע, — מיט מענדעלען. אָט אויף דעם מאָמענט אין די „יידישע לעבנס-פראַגן" לוינט זיך אָפּשטעלן עטוואָס גענויער.

[1] אונטערגעשטראָכן פון M—L.

## 3

די סעריע ארטיקלענ „ייִדישע לעבנס־פראגנ" איז געווענ פלאנירט זייער ברייט, ווי אנ אָפהאנדלונג וועגנ אלע וויכטיקערע דערשייַנונגענ אינ דער ייִדישער סוויווע. די אָפהאנדלונג האָט געזאָלט באשטיינ פונ צוויי טיילנ: אינ ערשטנ טייל האָט דער אווטאָר געזאָלט געבנ די נעגאטיווע אָפשאצונג פונ די פארקריפלטע עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ אינ דער ייִדישער סוויווע, און אינ צווייטנ האָט ער געזאָלט אָנווייַזנ די קאָנקרעטע מאָסמיטלענ ווי צו ענדערנ די דאָזיקע פארהעלטענישנ.

דעם אווטאָרס פלאנ איז אָבער ניט פארווירקלעכט געוואָרנ, די אָפהאנדלונג האָט זיכ אויפגעהערט דרוקנ גאָר אומגעריכט, איידער דער אווטאָר האָט אָנגעהויבנ „פאָרלעגנ די מיטל, וואָס קאָנענ פארבעסערנ דאָס ייִדישע לעבנ". אָבער אפילע ניט פארענדיקטערהייט שטעלט פאָר די סעריע „ייִדישע לעבנס־פראגנ" א נייַע און א באדייַטנדיקע דערשייַנונג אינ דער ייִדישער פובליציסטיק פונ יענער צייַט.

מיט דעם „מאטעריעלנ שטאנד" פונ דער ייִדישער באפעלקערונג האָט זיכ צו יענער צייַט באשעפטיקט א גאנצע רייַ פובליציסטנ און עקאָנאָמיסטנ אינ דער ייִדישער בירגערלעכער פרעסע אפ פארשיידענע שפראכנ. אינ אייניקע פאלנ (לעמאָשל, בא אָרשאנסקינ) האָט די דאָזיקע באהאנדלונג געגעבנ אפילע גאנצ מאמאָשעסדיקע רעזולטאטנ. אָבער מערסטנטייל איז דאָ פארטושירט געוואָרנ דער סאָציאלער אספעקט פונ די באשריבענע דערשייַנונגענ. די „ייִדישע פארנאָסעס" זייַנענ ארויסגעריסנ געוואָרנ פונ דעם סאָציאלנ ווידעראנאנד אינ דער ייִדישער סוויווע, און עס איז איגנאָרירט געוואָרנ דער גאנצער געפלעכט פונ סאָציאלע פארהעלטענישנ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעקניפט אָנ די „ייִדישע פארנאָסעס".

מענדעלעס קינסטלערישע ווערק האָבנ אינ דער הינזיכט א שטויס געטאָנ די ייִדישע פובליציסטיק פונ יענער צייַט אפ אנ אנדער וועג. נאָכ מענדעלעס „טאקסע" איז שוינ געוואָרנ גאנצ שווער אָפצורייַסנ די טאקסע־פראָבלעם פונ דער פראָבלעם „באלעטויוועס", וועלכע מענדעלע האָט ארויסגערוקט. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומענ אינ דער ייִדישער ליטעראטור אויכ מיט דער באהאנדלונג פונ אייניקע אנדערע געזעלשאפטלעכע פראגנ, ווו מע האָט זיכ גענומענ לערנענ בא מענדעלענ צו פארבינדנ דעם עקאָנאָמישנ מאָמענט מיט דעם סאָציאלנ. דעם אווטאָר פונ די „ייִדישע לעבנס־פראגנ" געהערט דער פארדינסט, וואָס ער האָט גענומענ אריבערצוטראָגנ אָט־אָ דעם וויכטיקסטנ פרינציפ פונ מענדעלעס קינסטלעריש שאפנ אינ דער ייִדישער פובליציסטיק.

אָט ווי ער שילדערט, לעמאָשל, די פארנאָסע פונ א שויכעט:

„א שויכעט צו זייַנ איז ניט שלעכט, אויב מע האָט נאָר א טאלאנט צו כאנענענ דעם ראָוו מיט די גרעסטע באלעבאטימ פונ דער שטאָט... אזא שויכעט גייט זייער גוט, ער ווױנט שיינ, ער לעבט גאנצ ברייט, דעם בעסטנ כיילעק פלייש נעמט ער צו פאר זיכ און פאר זייַנע קינדער. עס הענגענ בא אימ געקוילעטע ציקעלעכ פונ פרי אפ מיטיק און פונ מיטיק אפ וועטשערע, דאָס פלעשל מאשקע גייט פונ זייַנ שטוב ניט ארויס, ער איז קאָל־וואָלאָכ אינ שטאָט. ער איז כאָשעוו באמ ראָוו און בא אלע נעגידימ. ער איז דער גרויסער דארשנ, וואָס זאָגט אלשיך און „מסילת ישרים" פאר זייַנע קאצאָווימ, ער איז דער גרויסער



שאדכנ, ער איז דער פראָצענטניק, ער איז דער פאָרעצ פונ די קאצאָווימ. ער פאָרט ארומ אפ די ייִשוווימ (דערפער) אלס שטאָט־שויכעט, ער גיט פעטש אנ אָרעמענ שויכעטל דערפאר, וואָס ער האָט געקוילעט א בעהיימע אינ א דאָרפ אָנ זייַנ יעדיִע, ער טוט גרויסע שידוכימ מיט זייַנע קינדער און ער גיט אייצעס וועגנ די אפיקאָרסימ, וויאזוי מע זאָל זיי אָנלערנענ"...

די פאמפלעטישע פארשפיצטקייַט, וואָס לאָזט זיכ הערנ אינ די דאָזיקע שורעס, איז בא דעם אווטאָר פונ די „ייִדישע לעבנס־פראגנ" ניט קיינ זעלטנהייַט. דאָס זעלבע הערנ מיר אינ אלע פאלנ, ווענ דער אווטאָר נעמט באשרייַבנ די וווילהאָבנדיקע פאראזיטיש־קלייקוידעשדיקע עלעמענטנ. דער אווטאָר זעט אינ זיי די זייַלנ פונ יענער „אָרעמקייַט און אומוויסנהייַט", וואָס הערשנ אינ דער ייִדישער סוויווע, און קארגט ניט קיינ שארפקייַט אינ דער אָפשאצונג פונ די דאָזיקע פארשוינענ. קעגנ אָט־אָ די זייַלנ פונ „אָרעמקייַט און אומוויסנהייַט" שטעלט דער אווטאָר ארויס א גאנצע רייַ געשטאלטנ פונ די, וועמענ ער באטראכט ווי די קאָרבאָנעס פונ דער „אָרעמקייַט און אומוויסנקייַט".

דאָס מאָל איז דעם אווטאָרס טאָנ שוינ עטוואָס מילדער. ער שרייַבט:

„די מענטשנ זייַנענ העכסט אומגליקלעכ. זיי לעבנ טאָמיד אינ צאָרעס, ביז זיי שטארבנ פונ הונגער".

אָט דאָס באשטימט זייַנ גאנצנ צוגאנג צו זיי. באציִענדיק זיכ דורכויס נעגאטיוו צו די קאָלערליי קלויזניקעס, מעלאמדימ אאוו., פרווט ער אָבער ווענדנ די אומפערקזאמקייַט אפ דעם עקאָנאָמישנ באָדנ, פונוואנענ אזעלכע נעגאטיווע געשטאלטנ זייַנענ אויפגעקומענ און מוזנ אומפארמיידלעכ אומקומענ.

אָט פונ דעם שטאנדפונקט גייט דער אווטאָר ארויס אינ זייַנע פאראלגעמייַנערטע כאראקטעריסטיקעס פונ דער גאנצער ייִדישער סוויווע. ער שרייַבט:

„בא אונדז, ייִדנ, פעלט א סאכ פארנאָסעס פונ די, וועלכע מיר האָבנ דערמאָנט... דערפאר אָבער זייַנענ דאָ בא אונדז אנדערע פארנאָסעס, וואָס מיט זיי דערנערט זיכ א גרויסער טייל פונ אונדזערע ייִדנ. אשטייגער: מאגידעס, דאיאָנעס, מעלאמדעס, כאזאָנעס, שאדכאָנעס, זייַנ א מעכאבער, א מעקאבל, א קלייקוידעש, א טילימ־זאָגער, א קאדיש נאָכ בעזדיעטניקעס, אנ אָרעמבאָכער, א פאָרעס, קעסט־עסנ, פראָצענט נעמענ, האָבנ קרעדיט איבער דער ייִראס־שאָמאַימ, לעבנ פונ שווינדל און פונ קרוטשקעס, זייַנ א סבאָרשטשיק, א קאָהאָלס־מאנ, א פארנעסכוידעש און דאָסגלייַכנ... און אז עס ליגנ אזויפיל דארמאָיעדעס אפ דעם האלדז פונ אזא אָרעמ פאָלק, ווי ייִדנ זייַנענ, ברענגענ זיי אימ טאקע צו א גוטנ טאכלעס"...

אָדער אינ א צווייט אָרט:

„אז מיר זאָלנ ווארפנ א בליק אפ דעם איצטיקנ ייִדישנ צושטאנד אינ פיל שטעט, וואָלטנ מיר געזענ א גאנצנ כורבנ: קצינימ, וואָס לעבנ פונ לופט און פונ שווינדל, געפאלענע באלעבאטימ, באלמעלאָכעס פארטאטשעס (פוצערס), מעלאמדימ, וואָס זייַנענ דאָ מער ווי טאלמידימ און ניט איינער א רעכטער, מעקאבלימ אָנ א שיר, יונגעלייַט, וואָס האָבנ סמיכעס (א דיפלאָמ) אפ ראבאָנעס, פאָרושימ, אָרעמבאָכערימ, באטלאָנימ, באלעטפילעס און שאָכטימ, כאזאָנימ, דאיאָנימ א סאכ מער ווי מע דארפ האָבנ, ייִנגלעכ, וואָס טויגנ אפ קאפאָרעס, מיידלעכ, וואָס זייַנענ כיטרע און האָבנ דאָכ קיינ סייכל, פאנאטישע ראבאָנימ אָנ

פאַרשטאַנד און אָן עפּעס אַנטוויקלונג, קאָהאָלס־לײַט בלוטצאַפּערס, אָרעמקײַט איבעראַל, א לויפעניש פון יונגעלײַט, דער — אין אן אנדער גובערניע, דער אין אן אנדער מעדינע און דער גאָר קיין אמעריקע — אגונעס אָן א צאָל, פּאָסלע גוטע־ייִדן, מיט גאַבאָים מאָשעניקעס און נאָך אזעלכע ייִדישע טאַכשיטים אָן א צאָל! אָט דאָס איז דער ייִדישער צושטאנד!..״

עס איז אומעגלעך צו לייגענען אזעלכע שטעלן און ניט דערמאָנען זיך אָן מענדעלען. דאָ דערמאָנט אָן מענדעלען אלץ: אי דער שאַרף־קריטישער טאָן, אי דער ברייטער פאַרנעם פון דער איבערזיכט און דעריקער דער באַזונדערער אָפּקלײַב פון די דערשײַנונגען, וואָס גייען אַרײַן אין דער איבערזיכט. „אָרעמקײַט איבעראַל!״ — אָט דאָס איז דער וויכטיקסטער אויספיר, צו וועלכן דער אוטאָר קומט.

עס קאָן קיין שום סאָפעק ניט זײַן, אז געקומען צו דעם אויספיר איז דער אוטאָר ניט אָן דער ווירקונג פון מענדעלעס ערשטע ווערק. שוין גאָר די ערשטע ווערק מענדעלעס, וואָס האָבן געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור דעם סימבאָל פון דער אָרעמקײַט — די שטאָט קאַפּצאַנסק, האָבן געבראַכט די קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אז באַם באַהאַנדלען די פּראָהעלטענישן אין דער ייִדישער סוויווע זאָל מען פריִער פאַר אלץ ווענדן די אויפמערקזאַמקײַט אַף דער עקאָנאָמישער רויִנירונג פון די ברייטע מאַסן. פונדאַנען, פון מענדעלעס ערשטע ווערק, האָט L—M געשעפּט א גרויסן טייל פון זײַנע אַרגומענטן, אָבער אין די „ייִדישע לעבנס־פראַגן״ געפינען מיר נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין מענדעלעס ערשטע ווערק נאָך ניט געהאַט דורכגעקלונגען — דאָס איז די סאַכאַקלען פון די ענדערונגען איִנעם רוסלענדישן לעבן אין די 60־ער יאָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּויערים־רעפאָרם און דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. צו די דאָזיקע סאַכאַקלען האָט מענדעלע אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן ערשט אין דער „קליאַטשע״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1873. אין די „ייִדישע לעבנס־פראַגן״ פון דעם אומבאַקאַנטן אוטאָר L—M פאַרנעמען אָט־אָ די סאַכאַקלען א גאָק אָנגעזעענע אָרט.

„די איצטיקע צײַט איז אַנדערש פון דער פריִערדיקער״ — הערט דער אוטאָר ניט אויף צו דערמאָנען דעם לעזער. ער בלײַבט אָבער ניט בײַ דער דאָזיקער אַלגעמיינער קאָנסטאַטירונג, ער פּרוּווט קאָנקרעט באַווײַזן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער ייִדישער סוויווע.

„אמאָל, — שרײַבט ער, — מיט א יאָרהונדערט צוריק איז געווען אן אַנדער וועלט: דער ייִד האָט געוווינט אונטער א פּאָרעץ (ווי ייִדן האָבן אָנגערופן א פּוילישן פּאַן), און פון אים האָט ער געהאַט זײַן גאַנצע פּאַרנאָסע. דער אַנדערער האָט געלעבט פון די פּויערן גאַנץ רויִק. דער דריטער האָט געהאַלטן א קלייטל און פאַרדינט צען גילדן א וואָך, און עס איז נאָך איבערגעבליבן געלט פון זײַנע הויצאָעס. דער פערטער איז געווען קלאָמפּערשט א באַלמעלאָכע, די גאַנצע וואָך האָט ער זיך באַגניגט מיט ברויט און מיט גרויפּן און האָט זיך געפרייט, אז ער האָט געקאָנט קויפן א שטיקל פלייש לעקאָוועד שאַבעס. אַף זייער כעזשבן האָבן געלעבט א סאַך פּאָרושים, אָרעמבאָכערים, קלייקוידעש, מעקאַבלים, באַטלאָנים, קראַנקע יעסוימעס און דעסגלײַכן...

איצט איז אן אַנדער וועלט: פּריצים לײדיקגייערס, וואָס ברענגען אויס געלט



אָן א כעזשבן, זײַנען הײַנט ניטאָ[1]. די פאַרייניקונג, וואָס איז געוואָרן דורך דער אײַזנבאַן צווישן פאַרשיידענע מעדינעס, האָט געמאַכט אן איבערקערעניש אין דער קאָמערציע. די מאָדע און די מאַשינען האָבן געגעבן דעם ראָוו מעלאָכעס א נײַ פּאָנעם. דעמלטיקע פּאַרנאָסעס מיט דעמלטיקע אַרטן מעלאָכעס זײַנען גאָרנישט ווערט. וואָס מע קאָן שוין פאַרדינען פון אזעלכע קוועלן, איז פּאָשעט אַף וואַסער ניט גענוג״[2].

דער אוטאָר פון די „ייִדישע לעבנס־פראַגן״ בלײַבט אויך דאָס מאָל זיך געטרײַ. באַשרײַבנדיק די „ענדערונג״, ווענדעט ער זײַן אויפמערקזאַמקײַט פריִער פאַר אלץ אַף די עקאָנאָמישע פּראָצעסן. דערבײַ אינטערעסירט אים ווייניק־וואָס די גײַסטיקע סיטואַציע, וואָס האָט דעמלט זיך געשאַפן פאַר באַשטימטע קרײַזן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, — זײַן אויפמערקזאַמקײַט איז געווענדעט אויסשליסלעך אַף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ברייטע מאַסן. ווייניק־ווער פון די ייִדישע שרײַבער אין אָנהייב 70־ער יאָרן האָט געהאַט אזא שאַרף אויג אַף צו באַמערקן די רויִנירונג־פּראָצעסן, וועלכע די אימפּעטפולע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם האָט אַרויסגערופן אין דער ייִדישער קליינבירגערלעכער מאַסע.

„אָט דאָס איז טאַקע דער גאַנצער כיסאָרן בײַ אונדזערע ייִדן, — שרײַבט L—M, — אז זיי פאַרשטייען גאָר ניט, אז זיי זײַנען אין אזא געפערלעכן שטאַנד!״...

פאַר די ייִדישע ברייטע מאַסן קאָנען די „ענדערונגען״, לויט דער מיינונג פון L—M, קריגן א באַזונדער פאַטאַלן כאַראַקטער. ער שרײַבט:

„דער שוואַכער, וואָס האָט קיין ערד, קיין זיכער געשעפט, קיין באַשטענדיקע שטעלע, ווי דאָס ראָוו פון אונדזערע ייִדן, וואָס לעבן נאָר פון דעם ווינט און דער לופט, אָט דער גייט צו גרונט פון דער קלענסטער ענדערונג, וואָס גייט פאָר אין דער וועלט. איין ליניע פון א נײַער אײַזנבאַן, איין קליינער אָבאָראָט (געמיינט: קריזיס. נ. א.) אין דער קאָמערציע, איין קליינע נײַע אײַנפירונג אין א מעדינע קאָן מאַכן אין דער גיך א טעל פון א סאַך פאַמיליען, וואָס לעבן פון דער לופט״.

מע האָט געדאַרפט האָבן א סאַך מוט, קעדײַ צו וואַגן אין יאָר 1871, ווען אין דער ייִדישער פּרעסע האָט מען „געשריגן אָן אן עק: בילדונג, ליכטיקײַט, ציוויליזאַציע, עמאַנסיפּאַציע, הײַנטיקע צײַט און נאָך אזעלכע ווערטער, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער מאָדע״, קומען מיט אזא ניכטערן קוק אַף דער אַרומיקער ווירקלעכקײַט. מע האָט געדאַרפט פאַרמאָגן א סאַך ניכטערקײַט, קעדײַ צו זען, אז די „ענדערונג״, וועלכע עס האָט געבראַכט די אימפּעטפולע אַנטוויקלונג פונעם

1 ווי עס איז צו זען פון דעם פריִערדיקן טעקסט, מיינט דער אוטאָר די פּריצים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָפּן לײַבייגנטום. ער שרײַבט וועגן אַמאָליקע צײַטן: „פאַרדינען באַם פּאָרעץ, וואָס טויזנט מענטשן האָבן פאַר אים געהאָרעוועט און געלט איז בײַ אים העפקער, זײַנען עפּעס ניט קיין גרויסע קונצן״. מיט דער אָפּשאַפונג פון לײַבייגנטום, מיינט דער אוטאָר, איז פאַרדינען באַם פּאָרעץ געוואָרן שווער.

2 ס׳איז קעדײַ דאָ צו דערמאָנען, וויאַזוי מענדעלע שרײַבט אין יאָר 1877 אין זײַן ווענדונג צו די לעזער פון דער צײַטונג „קול לעם״:

„יענע אַלטע צײַט, ווען מענטשן האָבן זיך געלעבט עפּעס גלאַט אַזוי ניט קיין זאַך צו טראַכטן, איז שוין פאַרבײַ. אין דער וועלט געשעט זייער פיל פאַרענדערונגען, א סאַך זאַכן זײַנען איבערגעמאַכט, וואָס א טאָג ווערט נוילעד כאַדאָשעס, וואָס באַרירן אי דעם נעפעש, אי די פּאַרנאָסע, אי רעם מיסבער״...

קאפיטאליזם, קאָן ברענגען צו אַן ענדגילטיקער עקאָנאָמישער דעגראדאציע די ייִדישע פאָלקסמאסן.

וועלכע זשע אויספירן האָט L—M געהאט בעדייע צו מאכן דערפון? וועלכע פּאָזיטיווע פּראָגראם האָט ער געוואָלט ארויסשטעלן אין דער צווייטער העלפט פון דער סעריע „ייִדישע לעבנס־פראגן“? קיין דירעקטן ענטפער אף דער פראגע האָבן מיר ניט. א געוויסע אָנדײַטונג אף דעם כאראקטער פון דער פּאָזיטיווער פּראָגראם, וואָס ער האָט געוואָלט ארויסשטעלן, קאָן מען אָבער קריגן אין אן אַנדער ארטיקל, וועלכן דער זעלבער אווטאָר האָט אין יאָר 1871 אָפּגעדרוקט אין „קאָל מוואסער“ — דאָס איז „ביבליאָגראפישע אָנצײַגע“, וואָס מיר האָבן שוין איינמאָל ציטירט. מיר ווייסן שוין, אז אין דעם דאָזיקן ארטיקל ווײַזט L—M אָן אף א רײַ כעסרוינעס בא איינצלנע ייִדישע שרײַבער, ווי לינעצקי, דיק. ער פארצייכנט דערבײַ אויך איינעם אַן אלגעמיינעם כיסאָרן, וועלכן עס האָט, לויט זײַן מיינונג, די גאנצע ייִדישע ליטעראטור.

„שילדערונגען פון געראָיען זײַנען אין דער ייִדישער שפראכע גאָר ניט פארהאנדן“ — קאָנסטאטירט L—M.

ווי זײַן געוווינהײַט איז, שטעלט ער באלד די פראגע: ווער איז שולדיק דערין?

די שולד ליגט, לויט דעם אווטאָרס מיינונג, ניט אף דער ליטעראטור אליין, זי ליגט א סאך טיפער.

„די סיבע דערפון איז פּאָשעט, — שרײַבט ער, — וואָרעם בא אונדזערע ייִדן זײַנען קיין געראָיען נישטאָ. ייִדישע גוווּרע באשטייט אָדער אין דער קאָמפּרעציע אָדער אין קענען לײַדן א סאך אומגליקן און צאָרעס (ווי אנדערע רעכענען עס פאר א גוווּרע)“.

L—M האלט, אז אָט־אָ די בײדע פאָרשטעלונגען וועגן „ייִדישער גוווּרע“ זײַנען דורכויס פאלש. אָפּגערעדט שוין פון דעם, וואָס ער לאכט זיך אויס פון דעם ערשטן מין „גוווּרע“, וועלכע שטעקט קלוימערשט אין דער „קאָמפּרעציע“, טרעט ער דערבײַ ארויס גאָר שארף קעגן דעם צווייטן מין.

„אין צווייטן פאל קאָן מען זי גאָר ניט אָנרופן מיטן נאָמען גוווּרע. דער, וואָס קאָן א סאך לײַדן און איבערטראָגן, איז ניט קיין געראָי (העלד), פארקערט ער איז אן עמעסער שוואכער מענטש. וואָרעם דער, וואָס איז בעעמעס א געראָי, קאָן ניט זײַן אונטערוואָרפן אונטער צאָרעס, ניין, ער באפרײַט זיך פון זיי מיט אלע קויכעס, און טאקע דערמיט איז ער א געראָי. קורץ, בא אונדזערע ייִדן זײַנען קיין געראָיען נישטאָ. מיר זאָגן „בא אונדזערע“, וואָרעם מע קאָן ניט אָפּלייקענען, אז איטעם נײַעם דאָר פון ייִדן זײַנען פארהאנדן העלדן, נאָר זיי קערן זיך שוין צו אייראָפּייער...“

ווען מע זעצט איבער די דאָזיקע שורעס פון יענער עזאָפּישער שפראך, מיט וועלכער מ'איז געווען געצוווּנגען זיך צו באנוצן אין דער פּרעסע פון די 70־ער יאָרן, ווערט קלאָר, אז אין גרונט פון זײַנע פאָדערונגען צו דער ייִדישער ליטעראטור האָט L—M געלייגט דעם רוף צו אקטיוון געזעלשאפטלעכן קאמף אין נאָמען פון די אידייען, וואָס זײַנען דעמלט פּראָקלאמירט געוואָרן אין די מער ראדיקאלע קרײַזן פון דער דעמאָקראטישער אינטעליגענץ. אין גײַסט פון די זעלבע אידייען האָט, ווײַזט אויס, געזאָלט אויפגעבויט ווערן די פּאָזיטיווע פּראָגראם, וועלכע L—M האָט געוואָלט ארויסשטעלן אין דעם צווייטן טייל פון די „ייִדישע לעבנס־פראגן“. אָבער דאָ האָט מען זיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאלטן אין די ראמען פון דער עזאָפּישער שפראך. דאָ האָט מען שוין געמוזט ריידן מער אָפן און קלאָר. מעגלעך, אז דאָס איז טאקע געווען די סיבע, פארוואָס דער צווייטער טייל „ייִדישע לעבנס־פראגן“ האָט בא די דעמלטיקע צענזור־באדינגונגען ניט געקאָנט דערשײַנען אין דער עפנטלעכקייט.



בײַלאגע

## די שילדערונג פון דער ייִדישער אָרעמשאפט־סוויווע אין דער אנאָנימער בעלעטריסטיק פון די 60־ער — 70־ער יאָרן

אין „קאָל מוואסער“ פון דער צווייטער העלפט 60־ער יאָרן טרעפן מיר א גאנצע רײַ אנאָנימע בעלעטריסטישע און האלב־בעלעטריסטישע זאכן, וואָס שילדערן די ייִדישע אָרעמשאפט־סוויווע. כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דער מאָנאָלאָג „דער אומגליקלעכער באלעגאָלע“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „קאָל מוואסער“ אין יאָר 1867 (נום. 47).

דער באלעגאָלע דערציילט וועגן זיך:

„איך האָב געהאט א קארע פערד. עס איז ארויסגעקומען פון א ראָוו, וואָס איז היינט אין ערעץ־ייִסראָעל. א קארע מיט אן אָפּגעשוירענער גריווע ווי א סטריהוּן, כאָטש ער איז שוין געווען געשעדיקט אין די יאָרן.

אז ער פלעגט אָפּט ווערן א שייגעץ, פלעג איך אים רופן דעם ראָווס שייגעצל.

דאָס אנדערע פערד איז געווען א קאשטאן, א געזונטער מיט א פיקוק, פלעגט עסן מיט רוכעס — ער איז ארויסגעקומען פון א אָביעזשטשיק.

מיט די צוויי פערד פלעג איך מיר פארדינען מײַן שטיקל ברויט מיטן פולן מויל.

א ווײַב האָב איך געהאט, שיין ווי די זון אום טאמעז. זי איז געווען אן אם בא א נאָגיד. מע האָט זי שטארק ליב געהאט, געווײנלעך צוליב דעם קינד. נאָר גוט איז איר געווען. זי איז אויך מיר געווען א פּאָמאָשטש אף דעם דראָנושיק.

עס איז מיר געגאנגען ווי געשמירט.

נאָר אין מײַן גליקס־וואָגן איז פלוצלינג צעבראָכן געוואָרן א ראָד. ער גייט שווער, עס סקריפּעט.

די פערד ווערן מאָגער, זיי לאָזן אראָפּ די אויערן. שלעכט. מײַנע פערד הייבן זיך אָן אָפּפאָרן. קורץ — עס לייגט זיך אנידער מײַן אלטער שווארצער סטריהון און טוט אויס די קאפּאָטע; דערנאָך מײַן ריזשע זאָגט אָפּ די עטלעכע גילדן — איך בלײַב נאָר איבער בא מײַן ווײַב.